# סאָוועטיש היימלאַנד

2

1961

# סאוועטיש היימלאנד

צווײ־כאדאשימדיקער
ליטעראריש־קינסטלערישער זשורנאל

ארגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון סססר

סענטיאבער 2 אקטיאבער

1961

פארלאג „סאוועטסקי פיסאטעל“

מאסקווע




# אינהאלט

זײַט

כאַים בײדער. מײַן פּאַרטיי. — גאָלדענע הענט. — ס'וועט זײַן צום גוטן (לידער) . . . . . . . . 4
איטשע באָרוכאָוויטש. אלע וועגן פירן צום קאיאָר . . . . . . 6
הירש דאָבין. דער פּאָדפּאָלקאָווניק (דערציילונג) . . . . . . . 7
יאַנקעוו שטערנבערג. הערא(ש)ישע באלאדע . . . . . . . . . 14
אַרן ווערגעליס. בענקשאפט. — פאָרגעפיל. — וועגנערע. — שעפע. — ספירא. — א שפעטע ליבע. — דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאָק. — ווינטער (לידער) . . . . . . . . . 17
הירש בלאָשטיין. מיטן ברייטן שליאך (דערציילונג) . . . . . . . 21
מאַקסים רילסקי. א פרימאָרגן אין אונדזער היימלאַנד . . . . . . . 27
מאַקסים טאַנק. א טאָסט פאר פרײַנטשאפט . . . . . . . . 28
ראַסול גאַמזאַטאָוו. פייגל . . . 29
הירש אָשעראָוויטש. די וואָרענונג (דראמאטישע פּאָעמע) . . . . . 30
יוסעף ראַבין. אין א שטאָט אף אוראל (דערציילונג) . . . . . . . . 40
אַוראָם גאָנטאַר. די בעסטע שטאָט. — די בראָכע פון מי. — א טראָפן פרייד (לידער) . . . . . . . 52
מירע כענקין. אין די אָקטיאַבער-טעג. — מאמע-לאָשן. — מײַן דאָר (לידער) . . . . . . . . . . 55
כאַים מאַלטינסקי. מיט זײַן מיט סאמע טרײַע. — דאָס יאָדערל. — אונטער פיר אויגן (לידער) . . . . . 58
וול. טיכאָמיראָוו. די פּראָבלעם פון מעהאלעך (דערציילונג) . . . . . 60
נאָטע לוריע. דער לעצטער (א קאפּיטל פון ראָמאן „דער סטעפּ רופט") . 63
מענדל ליפשיץ. ס'איז וואונדערלעך די וועלט (לידער) . . . . . . . 68
יוסעף קערלער. צוזאמען. — מאָזשײַסקער שאָסיי.—מײַן פארמעגן (לידער) . . . . . . . . . . 70
בוזי מילער. אין א הארבסטיקן טאָג (דערציילונג) . . . . . . . 72
מאַקס ריאַנט. א בירגער איך בין פון מײַן זוניקן לאַנד . . . . . . . 74
איציק בראַנפּמאַן. מיר רײַטן אינצווייען . . . . . . . . 75

## טריבונע פון לעבן

אלעקסאנדער גובניצקי. דער וועג אף סטאלינגראד . . . . . . . 76
יאַנקעוו באָדאָס. נאָטיצן פון א דאָרפישן קאָמוניסט . . . . . . . 81
כאַים מעלאַמוד. צוגאסט באם בריגאדיר . . . . . . . . . 83

## פּובליקאציעס

נ. אויסלענדער. וועגן שאָלעם-אליינעמס ראָמאַן „דער מיסטייק" . . 89
שאָלעם-אליינעם. דער מיסטייק 91

## ליטעראַטור און קונסט

מוישע נאָטאָוויטש. צו נײַע אידייִש-קינסטלערישע הייכן. — עליע פאַלקאָוויטש. אָפּשײַ פארן לאָשן. — כאַים לויצקער. — דאָס געשטאַלט פונעם געניאלן קאָבזאר אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. — ריווקע רובין. ארום בערגעלסאָנס פּראָזע . . . . . . . . . . 108
ביבליאָגראַפיע. ליטעראַרישע ירושע פון די שרײַבער-שלאכטלײַט . . 121
כראָניק . . . . . . . . . 125

הויפּט-רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: נ. אויסלענדער, א. גאָנטאַר, ה. דאָבין, מ. טייף, ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, ר. רובין.



געבוירן אין 1920 אין שטעטל קופּעל (אוקראַינע). פאַרענדיקט דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. וווינט אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק.

# מײַן פּאַרטיי

דו ביסט די שײַן, וואָס איבער וועלט זיך שפּרייט,
דאָס בעסטע פון מײַן רײַכקייט און פאַרמעגן.
איין וואָרט נאָר זאָג — און איך בין ווידער גרייט,
איך הער דײַן רוף און גיי צו דיר אנטקעגן.

עס האָט דײַן גײַסט מיך אַף די פיס געשטעלט,
איך בין דײַן זון — ס'איז גוט פון דעם צו וויסן,
און וואָס איך טו, און וואָס מיר טאָן באַפעלסט,
איך נעם עס אוף מיט לויטערן געוויסן.

איך שעפּ פון דיר דעם פרילינגדיקן זאַפט,
וואָס נערט מײַן הארץ — כ'זאָל שטענדיק זיגן קאָנען,
אין דיר — מײַן טאַטנס און מײַן זיידנס קראַפט,
געקייפּלטע אַף קויעך פון מיליאָנען.

דו ביסט די שײַן, וואָס איבער וועלט זיך שפּרייט,
דאָס בעסטע פון מײַן רײַכקייט און פאַרמעגן.
איין וואָרט נאָר זאָג — און איך בין ווידער גרייט,
איך הער דײַן רוף און גיי צו דיר אנטקעגן.



# גאָלדענע הענט

„...א מענטש, פאַר וועלכן קאָמוניסטישע מי איז געוואָרן א באַוווסטזיניקע באַדערפעניש, ביפראַט נאָך א מענטש מיט „גאָלדענע הענט", — צי ניט וועגן אים טרוימען מיליאָנען, וואָס שאַפן אַלע רײַכטימער אַף דער ערד!"

(מ. פּריוואַלאָוו, העלד פון סאָציאַליסטישער מי, קוזנעצקער מעטאַלורג. פון אן אַרטיקל אין „איזוועסטיאַ").

זאָל זײַן מײַן געזאַנג הײַנט צו אײַך נאָר געווענדט,
אָ, איר, גאָלדענע הענט, אָ, איר, גאָלדענע הענט!

צו שאַפונג דעם מענטשן דערהייבן איר האָט —
אין אײַך איז זײַן גליק, און זײַן פרייד, און זײַן גנאָד.

אין אײַך איז זײַן ערע, זײַן רום און זײַן מי,
פון אײַך גייט צום הארצן דער פלאַמיקסטער גלי...

נאָר אויב ס'איז אַזוי, וואָלט איך בעסער געוואָלט,
מע זאָל אײַך נאָך טײַערער שעצן פון גאָלד —

ווײַל גאָלד איז ניט מער, ווי א פּאָשעטע מאָס —
און וויפל קאָרבאָנעס דאָס גאָלד האָט געקאָסט!..

בלויז איר זײַט די שעפע, נאָר איר האָט א ווערט,
איר, הענט האָרעפּאַשנע, די רײַכקייט פאַרמערט —

די קראַפט, וואָס האָט לויטער מײַן לעבן געמאַכט,
די קראַפט, וואָס אין קאָסמאָס דעם מענטש האָט געבראַכט.

באַווײַזט זשע נאָך מער, וואָס איר ווייסט און איר קענט,
אָ, איר, גאָלדענע הענט, אָ, איר, גאָלדענע הענט!..

# ס'וועט זײַן צום גוטן

דאָ שמעקט מיט ליים, דאָ קוועלט מיט ברויז,
דער שווייס, וואָס רינט, — איז אויך צום גוטן.
מיט יעדער שטוב, וואָס וואַקסט דאָ אויס,
בין איך א נאָענטער מעכוטן.

צום באַלעבאָס — זאָל זײַן, דערקענט
כ'האָב אים צום ערשטן מאָל אין לעבן, —
איך גיי צו אים, כ'שטרעק אויס די הענט,
א ברייטן שאָלעם אים צו געבן.

זאָל זײַן מיט גליק, זאָל ניט פאַרזאַמט
די שעפע ברענגען אירע פרוכטן!..
די קינדער שפּילן זיך אין זאַמד,
עס פלאַצט א שויב — ס'איז אויך צום גוטן!..

1961.

## איטשע באָרוכאָוויטש



געבוירן אין 1923 אין שטעטל האָראָדעץ (ווײַסרוסלאַנד). פאַרענדיקט דעם ראָגאַטשאָווער לערער-אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1938. וווינט אין מאָסקווע.

# אַלע וועגן פירן צום קאיאָר

איך זע שוין, קאָמוניזם, דײַנע סעדער —
פון ווײַסן און ביז שוואַרצן יאַם — צעגרינט,
אָט ווי א יאַם,
וואָס גייט אַנטקעגן,
כ'זע דיך,
אָט ווי די ערד,
אַף וועלכער כ'לעב אַצינד.

ס'איז גרינגער פון א שמייכל אַפן פּאָנעם
צו טראָגן דיך אין בלוט מײַנעם, אין לײַב;
איך פיל דיך, ווי דעם האַרץ־קלאַפּ אונטער דלאָניע,
ווען בלוט פון האַר־ץ זיך ביז דער האַנט דערקלײַבט.

איך שפּאַן מיט דיר דורך הייסן זאַמד פון וויסטע —
און וועלדער,
ווי די פליגל,
וואַקסן אָן;
אַף שאַרף פון אײַזבערג טרעף איך דיך...
אָט ביסטו —
אומענדלעך, ווי דער זוים פון האָריזאָנט!

שוין ניט צום גײַסט דעם וואַנדערער געגליכן,
אַף אײַראָפּייער קרייצוועגן פאַרפאָלגט, —
אַף גאָר דער וועלט דײַן לעבעדיקער ייִכעס
באַשײַנט דעם גרויסן גורל פון מײַן פאָלק.

איז מעג די צײַט אַרום דער זון־ראָד יאָגן,
איך ווייס:
דער ערשטער זילבער פון מײַן דאָר —
ער וועט אַרײַן אין קלאָרקײַט פון דײַן טאָג,
ווײַל אַלע וועגן פירן צום קאיאָר.

---

## הירש דאָבין



געבוירן אין 1905 אין זשלאָבין (ווײַסרוסלאַנד). ביים דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געווען א פּאַרטיזאַנער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. וווינט אין מאָסקווע.

# דער פּאַדפּאָלקאָווניק

1

דער פּאַדפּאַלקאָווניק ראָמאַן גאָראָוואָי, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון דער אַרמיי מיט א יאָר פינף-זעקס צוריק, האָט מיט זײַן פרוי זיך אומגעקערט פונעם וואָקזאַל נאָכן אַרויסבאַגלייטן אין וועג אַרײַן די עלטערע טאָכטער. זי איז געווען בא זיי צוגאַסט מיט די קינדער דעם גאַנצן זומער און איז איצט אַוועקגעפאָרן צוריק צום מאַן אַפן ווײַטן מיזרעך, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס ראַדיסט אַף א שיף...

ביידע זײַנען נאָך געווען אונטערן אײַנדרוק פון דער געזעגעניש. ביידן איז ניט פריילעך געווען אַפן האַרצן, ווײַל די צעשיידונג מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלעך האָט זיי דערמאָנט אין דעם, אַז די צײַט לויפט ביכלאַל מעשוגענערווײַז. וועסט זיך ניט באַווײַזן אַרומקוקן, ווי דאָס לעבן וועט דורכגיין... נאָר גאָר ניט לאַנג צוריק, דאַכט זיך, זײַנען זיי געגאַנגען באַגעגענען זייערע ליבע און טײַערע געסט און זײַנען געווען פול מיט דערוואַרטעניש און פרייד, און אָט איז קימאַט שוין דורכגעלאָפן דער זומער, מען איז שוין אַוועקגעפאָרן צוריק... ווער ווייסט, ווען וועט מען זיך נאָכאַמאָל זען און ווען וועט די טאָכטער ווידער זיך אויסקלײַבן צו טאַטע-מאַמע...

שימערירנדיק אין דער פינצטערניש מיט פילצאָליקע עלעקטרישע פײַערן, איז הינטער זיי פאַרבליבן די סטאַנציע מיט דעם געהילך פון לאָקאָמאָטיוון, מיט דעם קלאַפּערײַ פון וואַגאָנען, וואָס שטויסן זיך אָן איינער אינעם צווייטן באַם צונויפשטעלן דעם באַן. פאָרויס איז געלעגן צעשפּרייט א שפּעט-זומערדיקע נאַכט אין גרינס פון סעדער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך דורכגעוואָרפן איינצלנע פײַערלעך פון הײַזער. ערגעץ פונווײַטן, אַף דער גאַס, וואָס האָט געפירט פאַרבײַ דער בריק איבערן דניעפּער, האָט דורכגעשוועבט א העל-באַלויכטענער לעצטער אויטאָבוס. נאָך א ביסל און דאָס גאַנצע שטעטל וועט פאַרזינקען אינעם רויקן, טיפן שלאָף...

זיי זײַנען זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, גערעדט שטיל וועגן פאַרשיידענע זאַכן און ווידער זיך אומגעקערט צו דעם, פאַרוואָס דער איידעם זייערער איז ניט געקומען זיך זען מיט זיי...

— מיינסט, איך גלייב, אַז ער האָט ניט געקאָנט קומען? — האָט א זאָג געטאָן דער פּאַדפּאַלקאָווניק.

די פרוי האָט אים ניט געענטפערט...

— איך בין זיכער, אַז ער וואָלט זיך געקאָנט דערשלאָגן, מע זאָל אים אָפּלאָזן...

מאַריע האָט טרויעריקלעך א שמייכל געגעבן, זי האָט זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס דער מאַן איידער איז אַזוי צערודערט. אַזאַ איבערגעגעבענעם פאָטער, ווי ער, איז ניט צו געפינען אַף דער גאָרער וועלט. ער האָט געבענקט נאָך די קינדער מער פון איר, איז אים איצט שווער... דערצו נאָך האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס מישע איז ניט געקומען... ער איז אים דען בלויז אַן איידעם? מיט אים איז פאַרבונדן א שטיק פון זײַן פאַרגאַנגענהײַט... געדינט האָבן זיי אין איין פּאָלק, צוזאַמען דורכגעמאַכט די מילכאָמע. ער האָט שטאַרק געוואָרט אַף אים. און נאָך איידער וואָס-ווען, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן א רייד וועגן די געסט, האָט ער זיך

שוין פאַרגעשטעלט, ווי מישע קומט צו פאָרן און ס'וועט קיין סאָף ניט זײַן צו די רייד און זיכרוינעס... מאריען האָט אָבער שטארק פארדראָסן, וואָס אין אזא מינוט, ווען אלע זייערע געדאנקען זײַנען געווען מיט די קינדער, האָט ער זיך עפּעס אָפּגעזוכט און נאָך שווערער געמאכט אפן הארצן. איר האָט זיך איצט ניט געוואָלט ריידן וועגן קיין זאך. זי האָט געטראכט: וואָס פאר א טײַנעס קאָן מען האָבן צו קינדער? קיינער פון זיי שטעלט זיך ניט פאָר, וויאַזוי די עלטערן קוקן אַף זיי אוים די אויגן. מע קומט צום סייכל ערשט דעמלט, ווען מע ווערט אליין עלטער און מע האָט צו טאָן מיט אייגענע קינדער.. א זומער האָבן זיי געלעבט נאָר מיט די אייניקלעך... איצט האָבן זיי זיך געדארפט אומקערן אין דער ליידיקער שטוב, ווּ עס וועט זיך מער ניט הערן קיין קינדעריש געלעכטער און עס וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל ראשן און טומלען.

מאריע האָט אָבער געווּסט, אז דער מאנצבל, וואָס גייט זײַט בא זײַט מיט איר, איז אָפּטמאָל ערגער ווי א קינד, אז ער איז ניט קיין שטארק געזונטער; ביים דער מילכאָמע איז ער געווען שווער קאָנטוזיעט, מע האָט אים עטלעכע מאָל פארווּנדעט... ער טאָר זיך גאָר ניט נעמען אלץ אזוי צום הארצן. און דעריבער האָט זי ווייך צו אים געזאָגט:

— וואָס ערגערסטו זיך אזוי... איז ער ניט געקומען איצט, וועט ער עס טאָן א צווייט מאָל. פון אלץ דארף מען זיך נעמען צום הארצן?..

און זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, און ביידע זײַנען זיי זיך פארומערטע אוועקגעגאנגען זייער וועג..

דער וועג האָט זיי געפירט צום הויכן אָנשיט פון דער באַן-ליניע, וואָס האָט פאנאנדערגעטיילט דאָס היימישע ווײַסרוסישע שטעטל אַף צוויי העלפטן. און, ווי טאָמיד, אין א מינוט פון זאָרג, ווען דאָס געמיינזאמע לעבן זייערס איז אופגעקומען פאר די אויגן, האָט פון איין הארץ צום צווייטן זיך איבערגעגעבן א ווארעמקײַט. ערשט איצט, אַף דער עלטער, ווען א סאך זאכן האָבן זיי שוין ניט געקאָנט אומקערן, זײַנען זיי איינער דעם צווייטן באזונדערס טײַער געוואָרן. פילנדיק, ווי גאָראָוואָי קען כאָך אלץ ניט פארגעסן די אוולע, וואָס דער איידעם איז באגאנגען קעגן אים, האָט מאריע שטיל צוגעגעבן, קעדיי מאכן א סאָף צו די רייד:

— פונוואנען ווייסטו? עפּשער האָט ער טאקע ניט געקאָנט קומען... דו ביסט איצט א פרײַער פויגל, דארפסט בא קיינעם גאָרניט פרעגן. וואָס וואָלסטו אָבער פרײַער געזאָגט, ווען דו ביסט געווען אין ארמיי?

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך בא די ווערטער אָנגעצונדן: אוואדע, דער איידעם איז א פארנומענער מענטש, און ער איז א ליידיקגייער, „א פרײַער פויגל...“ ער איז אוועק אַף עטלעכע שפּאַן פאָרויס און אַן אופגעבראכטער גענומען גיין מיט א ברייטן טראָט. מאריע האָט זיך געלאָזן נאָך אים...

זיי זײַנען געגאנגען א שטיקל צײַט ברויגעזלעכע, ניט אויסריידנדיק איינער מיטן אנדערן קיין וואָרט. דורכגעשניטן דעם גריגעם טאָל, ווּ עס האָבן זיך געפּאַשעט פערד, זײַנען זיי ארויסגעקומען צו א שטילער זײַטיקער גאס. עס האָט זיך געהערט, ווי ערגעץ נאָענט פּליעסקעט זיך דער טײַך אָנעם ברעג. ווּ-ניט-ווּ האָבן געבילט הינט.

איצט איז גאָראָוואָי געגאנגען פּאמעלעך, די פרוי זײַנע האָט אים אָנגעיאָגט, און זיי זײַנען אוועק זײַט בא זײַט...

— נו, זאָג אליין, — האָט זי אָנגעהויבן מיט הארץ, און איר קאָל האָט דערבײַ געקלונגען באזונדערס ווארעם און ציטעריק. — ס'איז דאָך עמעס, אז דו ביסט קיינמאָל ניט געווען אזוי פרײַ, ווי איצט. וואָס זשע האָסטו זיך עס אָנגעצונדן?

— לאָמיר אופהערן! — האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— אז דו ווילסט, קאָן איך אופהערן. נאָר איך וואָלט וועלן פונדעסטוועגן וויסן... וואָס האָב איך דאָ אזוינס געזאָגט, וואָס דיר איז ניט געפעלן? דערמאָן זיך נאָר, ווען האָבן מיר אזוי רויִק געלעבט, ווי איצט? שטענדיק איז מען געזעסן אַף דער פור... יזמענדיק האָט עס אונדז ארומגעטראָגן פון איין אָרט אפן אנדערן... שוין אָפּגערעדט וועגן די יאָרן פון מילכאָמע, ווען איך בין געבליבן איינע אליין מיט די קינדער... דאנקען גאָט, וואָס כאָטש אַף דער עלטער האָבן מיר דערלעבט א רויִקע מינוט.. וואָס זשע ווילסטו נאָך? וואָס קאעסטו זיך שטענדיק? האָסט געוואָלט בויען א שטוב, האָסטו עס געטאָן. געוואָלט פארפלאנצן א סעדל, האָסטו פארפלאנצט...

— וועסט שוין אמאָל אופהערן? — האָט ער זי איבערגעשלאָגן, — איך גיי באלד אוועק פון דיר.

— קאָנסט גיין! נאָר שרעק מיך ניט!..

און כאָטש עס האָט זיך געפילט, אז זײַן קאס איז שוין א ביסל אָפּגעגאנגען, האָט זי פונדעסטוועגן באשטימט פארשווײַגן... זי האָט געווּסט איר מאן — ער קען אמאָל א בראָק כאָן אזוינס, אז אים זאָל דערנאָך אליין פארדריסן.

2

אינדערפרי איז דער פּאָדפּאָלקאָווניק ארײַנגעגאנגען אין סעדל, און קוים האָט ער גענומען די לאָפּעטע אין דער האנט, האָט אָנגעהויבן פארגעסן ווערן דאָס אלץ, וואָס אים איז געבליבן אפן הארצן נאָך דער געזעגעניש מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלעך.

גאָראָוואָי האָט שטארק ליב געהאט דאָס סעדל, וואָס ער האָט אליין פארפלאנצט אפן הויכן ברעג פונעם דניעפּער און וואָס איז איצט געלעגן צעשפּרייט מיט רייען יונגע ביימלעך און קוסטעס. ארום האָט געשמעקט מיט א טערפּקע רייעך פון שוואַרצער סמאָראָדינע. ס'איז געווען שטארק היים. גאָראָוואָי האָט זיך



אלץ געייסעקט דאָ, געגראָבן און איבערגעגראָבן, געפלאנצט און איבערגעזעצט. ארבעטנדיק אינעם סעדל, האָט ער ליב געהאט, אז מאריע זאָל בייסמײַסע זײַן לעבן אים, ער זאָל האָבן, מיט וועמען זיך צו שאפן און קאָמאנדעווען. זי האָט מיט פארגעניגן אים געהאָלפן, נאָר דאָך אָפּט אונטערגעשמייכלט:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען איך בין לעבן דיר ניטאָ? אָן מיר, זע איך, קענסטו גאָר ניט אויסקומען...

אין אזעלכע פאלן האָט ער אויך שמייכלענדיק א בליק געגעבן אַף איר, און זיי האָבן זיך פארשטאנען אפן ווונק...

פאר די לעצטע טעג האָבן זיי די באלעבאטישקײַט אינגאנצן פארלאָזן. אין סעדל האָט זיך אָנגעקליבן א וועלט מיט ארבעט. מע האָט געדארפט דורכרײַסן די טרוסקאווקעס, וואָס האָבן זיך ווילד צעוואקסן, איבערזעצן די בעסערע פלאנצן אַף א נײַ בייטל. מע האָט געמוזט ארויספירן פון שטאָל די רעשטלעך טאָרף, וואָס זײַנען געבליבן נאָך פון ווינטער. דעריבער טאקע זײַנען זיי ארויסגעגאנגען פון שטוב גאנצפרי, קעדיי באווײַזן עפּעס אופטאָן פארן טאָג. קוים האָבן זיי פארענדיקט מיט איין זאך, האָט זיך באלד אָפּגעזוכט נאָך עפּעס וואָס צו טאָן. און זיי האָבן זיך ניט באוויזן ארומזען, ווי עס איז דורכגעגאנגען דער טאָג...

מאריע האָט די ערשטע פאָרגעלייגט ענדיקן די ארבעט.

— אָן עק, — האָט זי געזאָגט, — וויפל איז דער שיר? בא גאָט זײַנען פאראן נאָך טעג.

— באלד וועל איך ענדיקן, — האָט רווון א זאָג געטאָן נישט קיין צופרידענער. א גאנצן טאָג האָט געברענט די היץ, עס האָט געסמאָליעט אזוי, אז מען איז אָפּגעגאנגען מיט שווייס, און גראָד איצט, ווען די זון איז אראָפּ, זען עס איז געוואָרן לופטיקער און עס עטעמט זיך פרײַער, וואַרפן אלץ און אוועקגיין...

און ער האָט, זיצנדיק נידעריק בא דער ערד א באָרוועסער, אין איין מײַקע, ווײַטער געטאָן זײַן ארבעט: אויסגעגראָבן מיט א שטעקל גריבלעך אינעם ווייכן גרונט, ארײַנגעזעצט אין זיי די פלאנצונגען פון טרוסקאווקעס, פלינק ארומגעשארט מיט ערד און זי א ביסעלע צוגעקוועטשט באם וואָרצל, אז די פלאנצונגען זאָלן פעסט זיצן אפן אָרט. מאריע איז נאָכגעגאנגען נאָך אים טראָט בא טראָט און זיי באגאָסן מיט א קווערטל פונעם עמער וואסער...

ענדלעך האָט זיך גאָראָוואָי אופגעהויבן און אויסגעגלײַכט דעם רוקן: דאָס סעדל איז שוין קימאַט אינגאנצן געווען אין שאָטן. ער האָט צונויפגעקליבן דאָס געצײַג און אָפּגעטראָגן צו דער שטאָל. ארויסגעטראָגן פון שטוב זייף מיט א האנטעך, איז ער אוועקגעגאנגען צום טײַך זיך אויסבאָדן. וועלכער וועטער עס זאָל ניט זײַן, האָט ער זיך שטענדיק געבאָדן ביזן שפּעטן האַרבסט ארײַן...

ס'איז געוואָרן טונקעלער. ארום און ארום האָט מען קיינעם ניט געזען. רויִק האָט זיך געפּליעסקעט דער טײַך. פונווײַטן, אַף יענער זײַט בריק, האָט זיך דערטראָגן דאָס אײַליקע פּעכקען פון א לאָקאָמאָביל... עס האָבן זיך פארכלינעט זעגן אין א גרילצערײַ.

גאָראָוואָי האָט זיך לאנג געבאָדן, קרעכצנדיק פאר טײַנעג. עטלעכע מאָל איז ער צוגעשווומען ביז האלב טײַך און זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט זיך געזעצט אינעם שיפל, וואָס איז געשטאנען צוגעבונדן צום ברעג, און באלד ווידער ארײַן אין וואסער. זיך עטלעכע מאָל אונטערגעטוקט, פילנדיק דערבײַ, ווי די מידקײַט ווערט פארשווונדן. ער האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעטאָן, האנאָע האָבנדיק פון דער רו, וואָס האָט בייסמײַסע אָנגעפילט זײַן קערפּער. מיטן האנטעך אפן אקסל איז ער נאָך געזעסן באם טײַך, געקוקט אפן וואסער, וואָס האָט זיך אלץ מער אויסגעלאָשן אינעם קילן זון-פארגאנג... עס האָט זיך אים וועגן גאָרנישט ניט געוואָלט טראכטן, בלויז זיצן אזוי און זיך צוהערן, ווי דאָס וואסער פּליעסקעט זיך שטיל אָנעם ברעג, ווי עפּעס מורמלט אין דער שטיל, זיפּצט און עטעמט. אָט טוט עפּעס א פּלאַטער אין דער לופט און פליט פארבײַ, און ס'איז אזוי ווויל און גוט, אז מע דארף גאָר ניט בעסער...

ס'איז פינצטערער געוואָרן. ענדלעך האָט זיך גאָראָוואָי אופגעהויבן און ניט געײַלט זיך געלאָזט אהיים...

גייענדיק בארג-ארויף צו דער שטוב, האָט ער געטראכט וועגן דעם ווײַב. ס'ארא נאר זי איז, וואָס זי האָט אים ניט געפּאָלגט און איז אויך ניט געגאנגען זיך אויסבאָדן. זי האָט קיין צײַט ניט, זי וועט פארשפּעטיקן מיט דער וועטשערע. אָט האָט ער זיך ארומגעוואַשן און — ווי א נײַע נעשאָמע וואָלט מען אים ארײַנגעזעצט... ס'איז ניט קיין קלײנער נאָכעס ארבעטן א טאָג בא א זאד, וואָס מע האָט ליב... ער האָט טאקע גוט געטאָן, וואָס ער האָט זיך אײַנגעשאפן א קליינע באלעבאטישקײַט מיט א סעדל. אנדערש, מיט וואָס וואָלט ער זיך איצטער פארנומען און וואָס וואָלט ער געטאָן? ער וואָלט פּאַשעט פון זינען אראָפּ, ארומגייענדיק ליידיק. טרינקען טרינקט ער ניט, א קערטל מאכן ציט אים ניט. און דאָ איז ער זיך מעכײַע... ער האָט ליב די ערד, ער האָט זיך ליב צו גראָבן אזוי...

אפן הארצן איז אים געווען זייער רויִק. ער האָט זיך שוין לאנג ניט געפילט אזוי גוט, ווי איצט. ער האָט געטראכט וועגן דעם, אז ניט אומזיסט האָט ער פונדעסטוועגן דורכגעמאכט א לעבן... צי האָט ער אופגעטאָן אלץ, וואָס אים האָט זיך געוואָלט, דאָס ווייסט ער ניט. אָבער אז ער האָט קאָשער פארדינט אפּ דער עלטער א ביסל רו — דאָס יאָ. ער איז טרײַ און איבערגעגעבן געווען זײַן מענטשלעכן כויוו, ער האָט ניט וואָס צו זײַן אראָפּגעפאלן בא זיך. ניט קיין שלעכטער סאָלדאט איז ער געווען, ניין, ניין... אײַ, אנדערע זײַן גלײַכן דינען נאָך אין דער ארמיי אָדער פארנעמען גרויסע שטעלעס אין דער ווירטשאַפט, און ער איז געבליבן עפּעס אזוי-אָ... איז וואָס קאָן מען מאכן?.. אזוי האָט

זיך עס שוין באקומען. ניט ער איז דערין שולדיק...

ער איז געגאנגען מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט דורכן סעדל, און טיף אײַנגעטעמט דעם רייעך פון בלומען און האָניק. ער איז געגאנגען, און די יונגע ביימלעך האָבן אים געגלעט מיט קילע בלעטער דאָס פּנים, געפלאטערט פאר די אויגן. דאָס קליינע ווײַסגעטינקעוועטע שטיבל, ארומגערינגלט מיט ביימער און קוסטעס, האָט אויסגעזען אין דעם אָוונט ווי א פּאלעצל. פונעם פענצטער האָט געפלייצט א מילדע שײַן און באגאָסן די הויכע געאָרגינעס אזוי, אז זיי האָבן באקומען אן אויסטערלישן קאָליר. דער קישעף פון דער זומערדיקער ווארעמער נאכט איז געלעגן אף אלץ, סײַ אפן הימל און סײַ אף דער ערד.

קוים האָט גאָראָוואָי אופגעעפנט די פּאָרטקע פונעם הויף, האָט זיך דער הונט א וואָרף געגעבן אים אנטקעגן און מיט א פריילעך שטיל סקאוויטשען גענומען דרייען מיטן עק. דער באלעבאָס האָט אים געגעבן עטלעכע פּעטשעלעך איבערן האלדז. דער הונט איז אים ארופגעשפּרונגען מיט די לאַפּעס אף דער ברוסט און זיך גענומען ציִען צום פּאָנעם. גאָראָוואָי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און איז ארײַן אין פירהויז. דאָ האָט ער דערהערט, ווי מאריע אַמפּערט זיך מיט עמעצן אין קיך. אים אנטקעגן איז ארויסגעקומען זייערע א שכיינע, טראָגנדיק אין דער פּאָלע עטלעכע צענדליק עפּל.

אין שטוב האָט, ווי אין סעדל, געשמעקט מיט בלומען און מיט האָניק. וווּהין ער האָט ניט געוואָרפן קיין קוק, איז געלעגן די „פרוכט פון זײַנע הענט" — עפּל, טאָמאטן און שפּעטע מאלינעס — איז מאמעש ניט געווען, וווּהין אהינצוטאָן. און, ווי טאָמיד אין אזא פאל, האָט ער איראָניש א שמייכל געטאָן: „כאָטש נעם און בוי זיך אוים א שפּײַכלער". דער דאָזיקער געדאנק האָט אים קיין פארגעניגן ניט פארשאפן. פארקערט, ער האָט דערפילט, ווי אין אים וואקסט אָן עפּעס אן אומצופרידנקײַט: „וואָס האָט עס די שכיינע געוואָלט געבן מאריען און פון וואָס האָט זי זיך עס אָפּגעזאָגט?" — האָט אים שוין ניט געלאָזט רוען.

מאריע האָט איבערגעכאפּט זײַן בליק, נאָר צו איר, וואָס פארשטייט יעדע זאך אפן ווונק, איז ניט דערגאנגען, ווי ווײַט ער איז איבעראשט. ווען זי וואָלט זיך פריִער באטראכט ווי עס באדארף צו זײַן, וואָלט זי בעסער די צונג זיך אָפּגעביסן, אײדער ארויסכאפּן זיך מיט די ווערטער: „כאָטש נעם און טראָג עפּעס ארוים פארקויפן אין מארק"...

כאָטש זי האָט שוין איצט פארשטאנען, אז יעדעס וואָרט אירס קאָן בלויז צוגיסן בוימל צום פײַער, פונדעסטוועגן האָט זי ניט געקאָנט זיך אײַנהאלטן און ניט איבערכאזערן דאָס, וואָס די שכיינע האָט איר געזאָגט פארן אוועקגיין:

— די שכיינע זאָגט, אז עס איז בא אונדז א גאנצער מאיאָנטעק. ווען ס'איז אין אנדערע הענט, זאָגט זי, וואָלט מען א סאך געלט אָפּגעלייזט...

קיין שפּאס אָבער האָט זיך דערפון ניט באקומען און כאפּן צוריק איז שוין געווען צו שפּעט. גאָראָוואָי איז טייקעף כמורנע געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שווער עטעמען. „נו, אוואדע, — איז אים דורכגעפלויגן א געדאנק, — א קלייניקײַט, אזא מין רײַכקײַט, שיר ניט א באלעגוף געוואָרן אף דער עלטער..." און אלץ אין אים האָט זיך אָנגעצונדן...

— וואָס טויג דיר טראָגן אפן מארק? — האָט ער א זאָג געטאָן מיט גיפט, — זאָג די שכיינים, אז דו האָסט, וואָס צו פארקויפן, וועט מען קומען צו דיר אין שטוב... עס פעלט דיר דאָך מיסטאמע אוים אף ברויט? דאכט זיך, אז דו האָסט שוין געמאכט ניט קיין שלעכטן אָנהייב. האָט מען דיך כאָטש ניט אָפּגענארט?

מאריע האָט מיט באדויערונג אים אָנגעקוקט און לעבאטכילע גאָרניט געענטפערט. ערשט שפּעטער האָט זי א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ווי שעמסטו זיך ניט? מיט וועמען רעדסטו אזוי? מיינסט, איך פארשטיי ניט, וואָס האָט דיך אזוי אופגערעגט? שוין זשע מיינסטו, אז איך בין אזוי געפאלן?..

זי האָט אים געוואָלט דערציילן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, וויאזוי עס איז ארײַנגעקומען די שכיינע און זי האָט איר געגעבן פאר די קינדער א ביסל עפּל, נאָר יענע האָט ניט געוואָלט נעמען אָן געלט. ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געוואָלט הערן. דער געדאנק אליין, אז אזא מין זאך וואָלט געקאָנט פּאסירן, האָט אים טיף באליידיקט. עס איז אים מיטאמאָל פארשטערט געוואָרן דאָס פארגעניגן, וואָס ער האָט געהאט פון א טאָג ארבעט אינעם סאָד. ער איז געוואָרן טרויעריק און פארצאָרנט. ס'איז אים געוואָרן א ביזע-ביזאָיען פאר זיך אליין — צו וואָס ער, דער פּאָדפּאָלקאָווניק גאָראָוואָי, האָט דערלעבט...

פון דער מינוט אָן איז ער ווי פארביטן געוואָרן. ער האָט זיך ארומגעדרייט, ווי א בלינדער, איבער דער קיך און איז מיט א שווערן טראָט ארײַן אין צימער. אונטער זײַנע פיס האָט זיך געפּאקט אן אוגערקע, האָט ער זי מיט כאס אָפּגעשלײַדערט פון זיך. די אוגערקע האָט א זעץ געגעבן אינעם שארפן ווינקל פון בופעט און איז זיך צעפלויגן אף שטיקלעך. אראָפּלאָזנדיק זיך אפן דיוואן, האָט ער, קלוימערשט ניט ווילנדיק, א שטויס געגעבן דעם טיש, און די עפּל האָבן זיך מיט א קלאַפּערײַ א שאָט געגעבן אפן דיל...

## 3

אינדערפרי האָט זיך דער פּאָדפּאָלקאָווניק דערפילט ניט מיט אלעמען און זיך ניט אופגעהויבן פונעם געלעגער. מאריע האָט באשטימט, אז דער אקשן האָט זיך, קענטיק, צוגעקילט, ווײַל ער האָט זיך געבאָדן א פארשוויצ-



טער, און זי האָט אים גענומען היילן מיט הויימישע מיטלען: געשטעלט באנקעס, געפּויעט מיט הייסער טיי מיט אײַנגעמאכטס פון מאלינעס... וויפל מאָל האָט זי צו אים געטײַנעט, זיך געבעטן בא אים, אז ער זאָל אוועקוואַרפן זײַנע ארמייִשע געוווינהײַטן און זיך א ביסל אָפּהיטן. נאָר ער פאָלגט דען? ער מיינט, אז ער איז נאָך אלץ א יִונגעלע.

ס'איז דורכגעגאנגען א טאָג און צוויי. ער האָט זיך שוין דערפילט בעסער. דער הוסט האָט זיך געשטילט. דער קאָפּ האָט אופגעהערט אזוי ווי טאָן. ער וואָלט שוין געוויס געקאָנט אופשטיין, נאָר דאָס ווײַב לאָזט ניט. ליגט ער זיך, בלעטערט עפּעס א ביכל און רייכערט אָן אופהער.

מאריע האָט גענומען אויסוואשן עטלעכע שטיקלעך וועש. ליגט ער און הערט, ווי עס קלאַפּט נודנע די ברעט אין דער מולטער, און ער דערפילט, אז פון מינוט צו מינוט וואקסט אין אים א שווער געפיל, פון וועלכן ער קאָן זיך ניט באפרײַען. ענלעכע שטימונגען זײַנען ניט זעלטן געווען בא אים אויך פריִער. באזונדערס די ערשטע צײַט, ווען ער האָט זיך דעמאָביליזירט פון דער ארמיי. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז אים ארט ניט, וואָס ער האָט געדארפט אוועקגיין פון דער דינסט, האָט עס אים דאָך זייער פארדראָסן און ער האָט שטארק איבערגעלעבט...

געוויינלעך פלעגן אים אזעלכע שטימונגען באהערשן אָסיען-צײַט אָדער ווינטער, ווען ער האָט ניט געהאט וואָס צו טאָן, ווען דער ווינט האָט געריסן די לעצטע בלעטער פון די ביימער אָדער ווען אלץ ארום איז געווען באדעקט מיט א טיפן שניי.

אָט דאן טאקע האָט ער געקויפט א הונט און א ביקס. ניט געקוקט אף דעם וועטער, — עס האָט געמעגט גיסן א רעגן, שיטן א שניי, — האָט ער אָנגעטאָן הויכע יעגער-שטיוול, גענומען מיט זיך די ביקס און אוועק ארומבלאָנדזשען איבער די פעלדער און בלאָטעס. וויפל מאָל האָט ער געטראכט, אז ווען ניט די קאָפּווייטעקן, וואָס זײַנען פארבליבן פון זינט ער איז קאָנטוזיעט, וואָלט ער פון דער ארמיי ניט אוועקגעגאנגען. עלטערע פון אים דינען נאָך...

גאָראָוואָי האָט אופגעהויבן די האנט איבערן קאָפּ און אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ. קוים האָט ער נאָר ארײַנגעשטעקט דאָס גאָפּעלע, האָט זיך פון דער ווײַט, פון פאר הונדערט מײַל, מיט ראַש, ווי כוואַליעס פון א יאם, אָנגעטראָגן דער גערודער פון מאשינעס און מעכאניזמען, דער געהילך פון מענטשלעכע שטימען...

ערגעץ דאָרט, אין דער ברייטער וועלט, האָבן מענטשן אופגעטאָן וווּנדערלעכע זאכן, איבערגעטראָגן בערג, געמאכט יאמען.

איבער דער גאס איז עמעצער פארבײַגעפאָרן, הילכיק אָנטרײַבנדיק דאָס פערד. א צוג איז דורכגעגאנגען איבער דער בריק. און יעדער קלאנג, וואָס האָט זיך צו אים דערטראָגן, האָט פון אים עפּעס געמאָנט.

אָט איז שוין דער צוג דורכגעגאנגען, די בריק האָט אופגעהערט זיך טרייסלען און רודערן. ער האָט דערהערט, ווי בא דער שוועל סקאוויטשעט דער הונט פונעם שלאָף. נאָר דאָס האָט ער איצט ניט געקאָנט פארלײַדן:

— טרײַב אים ארוים! וואָס קוויטשעט ער אזוי?

מאריע האָט ארויסגעטריבן דעם הונט, פארמאכט די טיר.

גאָראָוואָי האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאר א ווילדער פרייד ער האָט זיך גענומען בויען די שטוב, פארפלאנצן דאָס סעדל, ווי לאנג ער איז אומגעפאָרן איבערן ראיאָן, ביז וואנען ער האָט געקראָגן די בעסטע סאָרטן פלאנצן, און מיט וואָס פאר א פלײַס ער האָט זיך צוגעכאפּט לייענען אגראָטעכנישע ביכער קעדיי דערגיין, ווי אמבעסטן באארבעטן די ערד... ער איז געווען צופרידן, ער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס זײַן מי איז ניט אומזיסט, וואָס אלע, ווער עס איז ניט דורכגעגאנגען פארבײַ, האָבן ניט געקאָנט צו זאט זיך אָנקוקן אף דעם, וואָס א מענטש קאָן אופטאָן אף א פּוסט אָרט אין מעשעך פון וואָסערע פינף זעקס יאָר.

— ווארט נאָר, ווארט! — פלעגט ער אין אזא מינוט זאָגן. — איר וועט נאָך זען, וואָס דאָ וועט זײַן אין א יאָר צען ארום, איר וועט דאָס אָרט ניט דערקענען.

און בעעמעס, אלץ איז, דוכט זיך, געגאנגען אזוי גוט און פײַן. ער האָט געארבעט. און ס'האָט זיך געדוכט, אז אָט אזוי וועט ער זיך שוין פּאַוואָלינקע עלטערן. וואָס זשע איז מיטאמאָל געשען? מיט וואָס איז ער אומצופרידן? ניין, ס'איז טאקע עפּעס ניט דאָס. ניט דאָס האָט ער דאָך געוואָלט, ניט דערצו האָט ער דאָך דאָס גאנצע לעבן געשטרעבט.

גאָראָוואָי האָט אראָפּגעלאָזט די פיס פונעם דיוואן און האָט זיך אוועקגעזעצט. זאָל ער זאָגן, אז ער איז עפּעס קראנק? ניין, קיין זאך טוט אים איצט ניט וויי...

עס האָט זיך אים געוואָלט וויסן, וויפל איצט די צײַט. ער האָט זיך א ציִ געגעבן צום שטול נאָכן זייגער. זע נאָר, ס'איז גאָרניט אזוי שפּעט. צו נאכט איז נאָך ווײַט... און אינדרויסן איז, דוכט זיך, גאָרניט אזוי כמארעדיק, ס'טריפט בלויז א קליין רעגנדל. ער האָט זיך אופגעהויבן און אײַלנדיק גענומען זיך אָנטאָן.

— וווּהין? — האָט אים מאריע פארוווּנדערט געפרעגט. — וואָס האָסטו זיך מיטאמאָל אופגעכאפּט?

— איך קאָן מער ניט ליגן. כ'וועל זיך דורכגיין א ביסל...

— ס'גייט דאָך א רעגן.

— אלץ בעסער איידער זיצן אין שטוב.

ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו אירע רייד, זיך אָנגעטאָן און איז ארוים אינדרויסן...

דער הונט האָט זיך דערפרייט מיט אים. געמיינט, אז דער באלעבאָס וועט אים א רוף טאָ

נאר דער פאדפאלקאווניק האט אים אריינגעטריבן אין פירהויז און פארמאכט די טיר.

דער טײַך איז געלעגן, ווי אין א נעפל. טונקעלע כוואליעס האבן געפאטשט אין ברעג. א קורצע ווײַלע איז גאראוואי געשטאנען באם פלויט, ניט וויסנדיק, וואס צו טאן און וווהין זיך לאזן גיין. עפשער גאר צוגיין אפן זאוואד, אריינטראגן מיטגלידס-אפצאל אין פארטיי, האט ער א טראכט געטאן. ניין. גיין אהין האט זיך אים איצט ניט געוואלט. דער סעקרעטאר פון דער פארטיי-ארגאניזאציע וועט באלד אנהייבן אויספרעגן, וואס איז מיט אים... בעסער עס אפלייגן אף א צווייט מאל. ער איז אוועק מיטן ברעג טײַך.

ווײַסע ענטלעך זײַנען אומגעשווומען, געטוקט די קעפ אינעם וואסער, אויסגעצויגן די שנאבלען צו דער הייך און זיך געלאזט ווײַטער איינס נאך ס'אנדערע.

אינמיטן טײַך האט עמעצער געכאפט פיש. דאס שיפל האט זיך קימאט ווי ניט באוועגט. מע האט געהערט, ווי מע רעדט זיך דורך צווישן זיך. אף יענער זײַט בריק האט אומדערמידלעך געפעכקעט דער לאקאמאביל און עס האט זיך געהערט, ווי עס גרילצן און שרײַען די זעגן...

דער פאדפאלקאווניק איז געגאנגען פאמעלעך. דער רעגנמאנטל איז אף אים גיך נאס געווארן און גענומען פאטשן מיט די פאלעס איבער די קני. ער האט עס אבער ניט באמערקט. ער איז געגאנגען, ווי איינער, וואס האט זיך מער ניט, וווהין צו אײַלן. אריבערגעשפאנט א קוואל, וואס האט געיאגט צום טײַך, איז ער געקומען צו דער זעגמיל, וואס האט זיך צעשפרייט מיט אירע ביניאנים, מיטן פארגרייטן געהילץ, מיט די פריש-צעזעגטע קלעצער איבערן גאנצן ארום.

ניט געקוקט דערוף, וואס דער רעגן האט נאך אלץ געגאסן, האט זיך די ארבעט ניט אפגעשטעלט. ווי טאמיד האבן געגרילצט די זעגן, פארכלינענדיק זיך, ווען זיי זײַנען אנגעשפרונגען אף א סוק. ריטמיש, אן אופהער, האט דער לאקאמאביל געווארפן צום הימל קליינע בימלעך רויך. עס האבן זיך געהערט שטימען פון מענטשן. אנגעקומען און אוועקגעגאנגען זײַנען מאשינעס.

דער פאדפאלקאווניק האט א שטילן זיפץ געגעבן און זיך אוועקגעלאזט ווײַטער מיטן ברעג, אהינצו, וווּ עס איז געשטאנען א קליין בוקסירל מיט בארזשעס. אף זיי האבן זיך ארוף און אראפ ארומגעטראגן מענטשן מיט זעק אף די פלייצעס, געקײַקלט פעסער מיט ברענשטאף. אויך דא איז קיין צײַט ניט געווען, יעדער האט זיך געטאן זײַן ארבעט.

דער פאדפאלקאווניק האט זיך צוגעקוקט, ווי לײַכט די יונגען טראגן אף זיך שווערע פאפירענע זעק. אים האט זיך פארגלוסט אויסמישן זיך מיט די טרעגער; ווי אלע, ארופנעמען אף די אקסל א מאסע און אוועקטראגן צו די בארזשעס, ערגעץ אף איינער פון זיי זי אראפווארפן און אזוי לײַכט, ווי אלע, גיך און פלינק זיך אראפלאזן מיט דעם הוידענדיקן ברעט איבערן וואסער, קעדיי נעמען א נײַעם פאק. ער האט דערפילט, אז ניט קיין קרענק מאטערט אים — ער האט זיך פאשעט פארבענקט נאך מענטשן, מיט וועלכע ער האט צוזאמען דורכגעמאכט א לעבן און פון וועלכע ער האט זיך די לעצטע צײַט אפגעריסן. ניין, אויך ניט די ארבעט איז געווען דער איקער. ארבעט האט אים קיינמאל ניט אויסגעפעלט. דער גארטן מיטן סערל האבן בא אים צוגענומען א וועלט מיט צײַט. די צארע איז געווען דאס, וואס די ארבעט, מיט וועלכער ער איז געווען פארנומען, איז אים ניט געווען צום הארצן; ניין, ניט דאס האט ער געדארפט, ניט דאס...

דער פאדפאלקאווניק האט זיך פארגעשטעלט, וויאזוי ער נעמט זיך ארבעטן צוזאמען מיט די טרעגער. ס'איז מיטיק-צײַט. זיי לאכן, זיי שטיפן איינער מיט דעם אנדערן און אים איז אזוי גוט מיט זיי, ווי עס פלעג אים גוט זײַן מיט זײַנע סאלדאטן אין א מינוט נאך א שלאכט אדער אף א פריוואל. יאגעדעס... עפל... גרינווארג... אף וועלכע צארעס דארף ער ארום דעם זיך ארומדרייען? ער וועט דאס אלץ אופעסן? שוין זשע האט ער, דער פאדפאלקאווניק גאראוואי, זיך געשלאגן אף די פראנטן און בלוט פארגאסן, אז ער זאל איצט זיך פארנעמען דער רועך ווייסט מיט וואס?

מיט א בייזער קראפט האט זיך גאראוואי א ריס געטאן פונעם ארט און איז אוועקגעגאנגען מיטן שטעטל. די גאסן זײַנען פול געווען מיט מענטשן. עס האבן געאײַלט מאשינעס. אלע האבן געוווּסט, וואס זיי האבן צו טאן, וווהין זיי גייען. איצט האט אים שטארק פארדראסן, לעמײַ באלד, ווי נאר מע האט אים באפרײַט פון דער ארמיי, האט ער זיך ניט אפגעזוכט עפעס א שטעלע, ווי איניקע זײַנע כאווײרים, וועלכע האבן זיך דעמאביליזירט אין איין צײַט מיט אים. ער האט זיך ניט געקאנט מויכל זײַן, פארוואס ער האט זיך געלאזט אײַנריידן און זיך פארנומען מיט דער באלעבאטישקײַט.

צום אײַזנבאן-וועג, וואס האט דורכגעשניטן דאס שטעטל, איז ער צוגעקומען פונקט דעמלט, ווען עס איז אנגעגאנגען א צוג און דער שלאגבוים איז געווען פארמאכט. דער צוג איז מיט ראש און פײַפערײַ דורכגעפלויגן אזוי האסטיק, אז מע האט בלויז געזען, ווי די פענצטער שווינדלען פארבײַ. דער צוג איז פארבײַ, ווי נאר צוליב דעם, קעדיי אן איבעריק מאל צו דערמאנען אים, אז אויסער דעם שטעטל איז נאך דא א גרויסע וועלט מיט פיל מענטשן און אן א שיר ארבעט.

דער צוג האט נאכאמאל פונדערווײַטן א פײַף געטאן און איז פארשוווּנדן. נאר דער פאדפאלקאווניק האט זיך פונעם ארט ניט גערירט, כאטש דער שלאגבוים איז שוין געווען אפן און אלע פורן און מאשינעס האבן זיך גענומען באוועגן. בא וואס, מישטיינסגעזאגט, איז ער געבליבן? א וועלט ראשט. מע פארט אופהייבן



נײַערד, בויען עלעקטראסטאנציעס. טויזנטער מענטשן שיקט די פארטיי אף ארבעט אין די קאלווירטן. איינער פון זײַנע כאווײרים איז איצט דירעקטאר פון א גרויסן סאווירט אין סיביר. א צווייטער ארבעט אלס פארטארג פון צעקא אף א בויונג אין קאזאכסטאן. בלויז ער, גאראוואי, האט זיך אליין די יארן פארקירצט. צו פרי האט ער אף זיך אנגעצויגן די עלטער...

א פארזארגטער האט ער זיך אומגעקערט אהיים. איין זאך האט אים איצט בלויז געקימערט: וויאזוי לעבט מען ווײַטער? וואס טוט מען? ער האט זיך פארגעשטעלט די ווײַטערדיקע טעג זײַנע: אינדערפרי וועט ער אופשטיין און ווידער אוועקגיין זיך גראבן אינעם סעדל... דערנאך וועט אנקומען דער הארבסט, דער ווינטער, און ער וועט ניט וויסן, וווהין זיך אהינצוטאן. ער וועט ווײַטער לייענען אגראטעכנישע ביכער, וועלכע זײַנען אים שוין נימעס געווארן, אזוי וועט ער זיך נודיען וואכן און כאדאשים לאנג, ביז עס וועט ניט ווערן פרילינג, און די ערד וועט זיך ווידער באפרײַען פונעם שניי און ער וועט קאנען ארויסגיין אינעם סעדל עפעס טאן. פון צײַט צו צײַט וועט ער אויך קומען אין זאוואד „מעטאליסט", ווו ער געפינט זיך אפן פארטיי-דיסקאנט. נאר קומען וועט ער אהין ניט ווי א מענטש, וואס ארבעט דארטן, נאר ווי א גאסט. ער וועט בײַזײַן אף פארזאמלונגען, וועט הערן, ווי הייס מע באהאנדלט פראגן פון דער ארבעט. ווען-ניט-ווען וועט מען אים, צוליב אנטאן קאווער, אויך אויסקלײַבן אין פרעזידיום, אנפארטרויען אפילע פירן א פארזאמלונג. נאר דאס אלץ וועט ניט פארטרײַבן דעם אומעט פון זײַן הארצן, און ער וועט בלײַבן באם באוווּסטזײַן, אז ער האט זײַנס שוין אפגעלעבט.

דער פאדפאלקאווניק האט זיך צוגעלייגט. דער שלאף אבער האט אים לאנג ניט גענומען, און ער האט זיך געדרייט פון זײַט אף זײַט...

4

אף מארגן אינדערפרי, ווען אלץ אין דרויסן האט געשײַנט מיט יענער לויטערקײַט, וואס קומט טכילעס הארבסט, איז גאראוואי ארויסגעגאנגען פון שטוב. ווי טאמיד, ווען ער דארף זיך באווײַזן צווישן מענטשן, איז ער געווען געגאלט און אקוראט אנגעטאן. אף דער ברוסט האט ער געטראגן צוויי רייען פילקאליריקע מאשמעלעך פון באלוינונגען. אנגעטאן איז ער געווען אין ציווילע קליידער. נאר יעדער, וואס האט אים באגעגנט, האט זיך לײַכט אנגעשטויסן, אז דער מענטש איז לאנג געווען אין דער ארמיי און אז ער האט נאך ביז איצט אײַנגעהיט אין זיך די פאוואדקעס פון א סאלדאט. אין זײַן זיכערן און שטײַפן טראט, אין יעדן קער זײַנעם האט זיך געפילט, אז דער מענטש האט זיך אף עפעס וויכטיקס באשלאסן און אז קיינער אין דער וועלט וועט שוין ניט אויספירן, ער זאל זיך דערפון אפזאגן. אף דער הויפטגאס האט ער זיך ארײַנגעזעצט אין אווטאבוס, ווו א כאפטע פיאנערן האט, ווי דער שטייגער איז, שטארק געטומלט.

צו דעם פאדפאלקאווניק איז דער טומל קימאט ניט דערגאנגען. ער איז געזעסן אף זײַן ארט אן ערנסטער און האט געשוויגן.

ניט ווײַט פונעם ראיקאם פון פארטיי, לעבן וועלכן עס זײַנען געשטאנען עטלעכע פאסאזשיר-אווטאס, איז ער ארויס פון אווטאבוס, האט זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאק פונעם ווײַסן מויערל, צו צו דער טיר פונעם סעקרעטאר פון ראיקאם, האט צורעכט געמאכט אף זיך דאס אנטאן און אנגעקלאפט. פון אינווייניק האט זיך דערהערט א שטים, וואס האט אים געבעטן ארײַנקומען.

דער פאדפאלקאווניק האט אין קאבינעט זיך פארהאלטן א היפשע צײַט. די באזוכער, וואס זײַנען געקומען נאך אים, איז דערעסן געווארן ווארטן. זיי האבן געפרווּט אנקלאפן אין טיר. נאר יעדעס מאל האט דער סעקרעטאר געענטפערט, אז ער איז פארנומען. ער האט אלץ געשמועסט מיטן פאדפאלקאווניק. ענדלעך האט זיך די טיר געעפנט, און גאראוואי, א בארויִקטער, איז ארויס פון קאבינעט...

אין א כוידעש ארום, ווען אומעטום אף די פעלדער איז מען צוגעטראטן צום פארזייען די ווינטער-טווּע, האט מען אין קאלווירט, וואס ניט ווײַט פון שטעטל, געקאנט זען דעם פאדפאלקאווניק אין א רעגנמאנטל, מיט א פעלדטאש אף דער זײַט אומפארן אף א נײַעם מאטאציקל. ער איז געפארן פון באצירק צו באצירק און באטראכט, ווי עס גייט די ארבעט. באקוקט אין איין ארט די פעלדער, האט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט אפן מאטאציקל און מיט א טראסקערײַ זיך אוועקגעלאזט ווײַטער, אופהייבנדיק הינטער זיך קנוילן מיט שטויב.

ער איז ניט אראפ פונעם מאטאציקל אויך דעמלט, ווען עס האט זיך אים אנטקעגן אנגעטראגן א רעגן און פארצויגן די ווײַט.

דאס איז געווען א שפארעוודיקער רעגן, נאך וועלכן עס בענקט די ערד, אזא, וואס פרישט אפ די פעלדער און דערפרייט דאס הארץ פונעם מענטשן...

.1961

יאנקעוו שטערנבערג

# העראָישע באַלאַדע

אלע וועגן, וואָס דער מענטש פארשריבן האָט
אף דער ערד און אין דער לופט און אף די יאמען,
פלעכטן איבער זיך און לויפן היינט צוזאמען
מיטן שטעג, וואָס ציט פון פארק פון מייטלענד־ראָד[1].

ווער זשע אָט דעם קלאָרן וואונדער־שטעג געצייכנט האָט?

נאָך געדענקען דאָ די ביימער אָט דעם פארקס
יענעם דענקער אין זיין ארבעט־צימער,
מיט זיין וואכן פענצטער ביז פארטאָג אין שימער —
יענעם דענקער, וואָס געהייסן קארל מארקס.

אי פילאָסאָף, אי געלערנטער, אי כאווער —
שטארק אין גייסט, אומבייגזאם, ווי האָמערס א העלד.
ווי א זייגער ער צענעמט דעם ביניען „סכוירע־געלט",
ער צעגלידערט קאפיטאל, אנטפלעקט זיין סאמהאמאָוועס־זשאווער.

אונטער אויג פון גאנץ אייראָפּע, וואָס קעסיידער זיך באמיט

האלטן נאָנט צו אים איר שווארצע וואך, — די סילועטן,
וואָס באנאכט זיי האָבן דאָ זיין ליכט געהיט,
און באטאָג אים נאָכגעגאנגען טריט בא טריט,
אלץ קעדיי די אָרדנונג פון דער וועלט באדראָטער רעטן

און דעם גוטן גאָט, וואָס בענטשט דאָס שפילן גאָלף
פון די רייכע און צופרידענע און זאטע,
זייער גאָט — דאָס אייגנטום פריוואטע —
מיט געזעץ: א מענטש א מענטשן איז א וואָלף...

נאָך געדענקט דער פארק דעם מאוור־ברוינעם[2] עמיגראנט.

---

1 מייטלענד־פּארק־ראָד — א ראיאָן אין לאָנדאָן, ווו קארל מארקס האָט געוווינט.
2 מאוור — אזוי האָבן די אייגענע און פריינט גערופן קארל מארקסן.





אָט א דאָ, אין דעם עטאזש, געווען זיין האפן,
ווו — נאָך נאווענאד, געיאָגט פון לאנד צו לאנד,
זיך פאראנקערט האָט מיט ענגעלסן באנאנד.
דאָ, אין אונטערשטן עטאזש, האָט ער געשאפן.

אויך די וויטע, נידעריקע ביימער אופגעהויבן
האָבן זיך — אריינגעקוקט אין שויב צו אים,
און אף זייער סוידעס־שיינער בלעטער־שטים
פון זיין ריזן־מי דערציילט די שטערן אויבן —

זיך געבוקט, דערציילט, געשושקעט ביימעריש־אינטים,

ווי דער מאן מיט קאָפּ און גריווע פון א לייב,
קעמפער, ביכער־נאָזיר און פון גייסט דער ריטער,
וואָס די נעכט דאָ שטורעמט ביז אשמוירע דריטער,
אלע מאָל זיך פון זיין שרייבטיש טוט א הייב,

פון די אויסיעס לויט זיין געשטאלט און בילד —
שנעל־געקריצטע יעראָגליפן, הייס־פארצייכנט,
און הייבט אָן צו שפאנען — זיין געדאנק דערגרייכן,
ווי דער יעגער, וואָס זיין יאגד פון וויט דערפילט.

ווי דער יעגער אומדערמידלעך, טאָמיד אָנגעצילט!

וויפל ער אזוי האָט פון זיין טיר
ביז צום פענצטער קילאָמעטרען אויסגעטראָטן,
און געלאָזט דאָ, אף די ווענט, זיין הייסן שאָטן,
און אף טעפּעך־מיט דעם שפור פון זיין שפאציר —

ענלעך צו דעם לאָנקע־שטעג, וואָס בוילעט פירט...
יאָ, ס'געדענקען נאָך די מייטלענד־פארק־ראָד־ביימער,
ווי דער וואונדער־שטעג דער אָפענער געהיימער
אין א טאָג אויך זייערע קרוינען האָט באריר ט

און ווי איבער זיי א פלי געטאָן — עס האָט זיך זיי געדאכט.

אים באמערקן לאָנדאָנס אַרבעטער־קווארטאלן,
אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן פונעם קעלער ביזן דאך
און מיט נויט־געשפענסטערס, וואָס זיי שלאָפן אין קאנאלן,
און מיט ניין יאָר אלט פאבריקן־קינדערלעך א סאך.

איס דערבליקט מאַנטשעסטער, לידז און בירמינהאַם —
ענגלאַנדס שטעט אין שוועַרסטן יאָך פון שטאָל־מאַשינען,
וואָס צו זיי פון דאָרף מע טרײַבט די אַרבעטס־בינען...
בלויז דער קאַלטער, שטאָלצער הערשער פונעם לאַנד און יאַם:

פאַבריקאַנט און לאָרד — זיך מאַכט ניט זעענדיק דעם שטעג פון פלאַם...

אָבער ביז זײַן נײַן מאָס רייד־פּלאַטע האָט זיך אויסגעגענעצט,
הערנדיק די טייקעף וויאַנענדיקע דראַשעס לאַנג,
האָט דער שטעג אין רוים זיך פאַרגעזעצט זײַן גאַנג,
אָן א פאַס אַריבער אויך די גרויסבריטאַניע־גרענעץ.

און אַוועק, אַוועק דורך צײַטן אינעם רויך פון קריג,
איבער לענדער כאַרעווע אין פײַער פון מילכאָמע,
און פון שלאַכטן גרויזאַם־בלוטיקע צוליב נעקאָמע
אינעם אייג'נעם אַרבעטס־פאָלק, מיט גוואַלד דערשטיקט...

ווער זשע ווײַטער האָט דעם שטעג געפּלאַסטערט, ווי א בריק?

ס'רוישן, ענטפערן דעם אַלטן קרעמלס יונגע טענען:
— ער! דער מאַן ציווילער אָף סאָלדאַטסקן בראַנעוויק,
און אין סמאָלני... ער, דער מאַנער, לערער, באָלשעוויק,
וואָס אין מענטשס זיקאָרן זיך פאַרקריצט מיט נאָמען: לענין!

ער, וואָס האָט צעטרייסלט פעסטע די זײַלן פון דער וועלט —
שווער־פאַרורטיילטע, שווער־שולדיקע אין זײַנע אויגן;
האָבן האָרעפּאַשניקעס זיך אָף זײַן רוף געצויגן,
און אין צען טעג זי געענדערט, מיט זײַן שײַן באַהעלט...

הײַנט דער שטעג, פון איס דערצייכנט, מיליאָנען שוין באַזעלט!

אין אייראָפּע, אַזיע און אין אַפריקע שוואַרצהויטיקער.
אומעטום די אַרבעטער דעם אַלטן סיידער שטיינינקן.
אומעטום די פעלקער זיך צום פרײַהײַטס־קאַמף פאַרייניקן.
אין אייראָפּע, אַפריקע און אַזיע דער געל־ברוינקער.

אַלע וועגן, וואָס דער מענטש פאַרשריבן האָט
אָף דער ערד און אין דער לופט און אָף די יאַמען,
פלעכטן איבער זיך און לויפן הײַנט צוזאַמען
מיטן שטעג פון סמאָלני — שטעג פון פּאַרק פון מייטלענד־ראָד.

.1961





רום די זין פון דער פּאַרטײ"!



## ארן ווערגעליס

געבוירן אין 1918 אין שטעטל ליובאר (אוקראַינע). פאַרענדיקט דעם ליטעראַריש-לינגוויסטישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. וווינט אין מאָסקווע.

### בענקשאַפט

די בענקשאַפט צו זײַן מיט א כאַווער צוזאַמען
איז פונקט, ווי די בענקשאַפט פון קינד צו זײַן מאַמען.

ס׳פלעג טרעפן אין שלאַכט:
אף א פעלד, אין א רעגן,
כאָטש שוועבעלעך האָב איך געהאַט, נאָר פאַרוויכערן
געפּויזעט צום שאָכן.
קיין קויל פלעג ניט שרעקן! —
אַזוי האָט די בענקשאַפט באַוויזן דעם קויך אירן...

כ׳געדענק: אין דער טײַגע —
א יעגער, א שווײַגער,
צו מיר פלעג ער קומען זיך האַלטן אַן אײַצע —
דורכגיין א זיבעציק ווייאָרסט אין דער טײַגע,
אַוועקגיין צוריק מיט דער ביקס אף דער פּלייצע...

די בענקשאַפט צו זײַן מיט א כאַווער צוזאַמען
איז פונקט, ווי די בענקשאַפט פון קינד צו זײַן מאַמען.

### פאָרגעפל

איך האָב ניט מוירע פאַר דײַן שיינקײַט, כאָטש זי איז שטאַרק פאַר מיר
געפערלעך.
איך וויים אפּריי׳ר, אַז זי וועט נעמען מײַן רו, מײַן גלײַכגילט אף די הערנער.
זי איז א הייסע און א בלינדע, זי וואַרפט ניט אָפּ און קלײַבט ניט איבער.
ווען כ׳נעם אַוועק פון איר די אויגן, איז פונקט ווי כ׳וואָלט א יאַם אַריבער.

איך האָב ניט מוירע פאַר דײַן גוטסקײַט, כאָטש כ׳בין איר שטענדיק עפּעס
שולדיק.
איך וויים אפּריי׳ר: מײַן האַרץ באַצווינגען זי וועט פּאַמעלעך און געדולדיק.
אַצינדער וויים איך שוין אף זיכער, ווער ס׳וועט געווינען, ווער — פאַרשפּילן,
איך גיי אַוועק פון מײַן ניטגלויבן, איך גיי אַוועק מיט גוטן ווילן.





דער, וואָס הייבט אויף די פּאָר.

בילד פון קונסטלער ג. מ. קאָרזשעוו

# װענערע

אין פעװראַל 1958 האָט מען אַרױסגעשיקט אַ ראַדאַר־סיגנאַל
צו װענערע. דערנאָך איז אױפגעכאַפּט געװאָרן דער עכאָ, װאָס האָט
זיך אָפּגעשלאָגן אין איר אױבערפלאַך און צוריק געקומען אױף
דער ערד.

(פון די צײַטונגען)

דער באָכער באַם ראַדאַר, דער שעמעװדיקער יאַט,
געשיקט האָט אַ סיגנאַל פון דר׳ערד — אַזש צו װענערע:
— אָ, רוף זיך דאָרטן אָפּ!.. אָ, ענטפער מיר!.. איך װאַרט...
אַװעק אַ טאָג און צװײ,
און װאָכן גײען שװערע...

אַהינצו קילאָמעטערס — פופציק מיליאָן.
לעם באָכער זיצט און שװײַגט זײַן כאַװערטע, װאָס נעכטן
ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע,
און, פאַרטאָן,
זי ענטפערט ניט, זי קאָן ניט צוקלײַבן קײן װערטער...

אַװעק אַ טאָג און צװײ,
און װאָכן גײען שװערע.
דאָס ערדיש מײדל שװײַגט... װענערע שװײַגט אין רױם...
און פּלוצעם האָט פון דאָרט, פון הימל, פון װענערען
אַן ענטפער צום ראַדאַר דערטראָגן זיך קױם־קױם.

דער באָכער האָט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם אַזש פון פרײדן,
אַן איבערמענטשלעך גליק — געמאַכט קימאַט אים װילד:
„די געטלעכע... זי הערט... זי רופט זיך אָפּ... זי פילט...“
און שפּעטער דעם מעהאַלעך צו זײַן ערדיש מײדל
אַ מאָסט געטאָן —
און גלײַך דערפילט אין האַרץ אַ קעלט:
װי אומדערגרײכלעך װײַט עס איז דעם מײדלס װעלט!

# [illegible]

שענק מיר קױעך, איך זאָל שטענדיק מײַנע אוצרעס בלױז צעגיבן.
כ׳װיל נאָר װיסן: מײַנע רינדער אין אַ װעלכער שטאַל פאַרטריבן.
צי זײ װעלן דאָרטן װאַקסן? צי מע װעט זײ דאָרטן מעלקן?
צי באַצײַטנס װעט אַ פּאַסטעך מיט אַ בײַטש צו זײ זיך מעלדן?
אױף זײ פּענטעס, מײַנע רינדער, װיפל קױ׳ך זװעט מען באַדאַרפן?
און צי קענען זײ אַ קלאַפּ טאָן מיט די הערנער מיט די שאַרפע?

אָפּט איך שלאָף ניט און איך רו ניט ביז דעם מאָרגנליכט דעם טריבן,
און איך טראַכט, צי אַלע רינדער כ׳האָב אין גוטע הענט פאַרטריבן.



# ספּירן

מע האָט אױסגעגראָבן די אוראַלטע שטאָט ספּירא.

(פון די צײַטונגען)

ספּירא,
די גריכישע שטאָט,
איז פאַרשװוּנדן,
אַרױסגעפאַלן פון װעלטס זיקאָרן.
און איך האָב אַ לײמענעם קרוג דאָרט פאַרלאָרן
אין אײנעם אַ װײַטן, העט־װײַטן יאָרהונדערט.

אַצינד, אַז מע װײסט שױן, װו ספּירא געפינט זיך,
קער איך זיך אום אױף פאַרצײַטיקע ראָגן.
איך זוך אין פאַרשאָטענער שטאָט אין דער פינצטער —
דאָס מײדל איך זוך, װאָס דעם קרוג האָט געטראָגן.

אינגאַנצן ערשט צװײ מיט אַ האַלבן יאָרטױזנט
די גריכיש־עטרוסקישע שטאָט איז פאַרשאָטן.
הערט מען נאָך אַלץ דאָרט אינאָװנט, אינדרױסן
דעם הײמלעכן סקריפּ באַם פאַרמאַכן די לאָדן.

און זיכער איז נאָך ניט פאַרשטײנערט געװאָרן
מײַן שעפּטשען „געליבטע“, דאָס נאָכגײן פּוסטריט איר,
דער קלאַפּ פונעם קרוג, װען דאָס מײדל, פאַרציטערט,
פון אַקסל פון רעכטן זי האָט אים פאַרלאָרן.

דערנאָכדעם מע האָט מיך אין ספּירא דערהאַרגעט,
געװען איז אַ שװערע מילכאָמע, אַ שכיטע,
און כ׳האָב ניט באַװיזן די שערבלעך פאַרהיטן,
צעדרױבלט זײ ליגן פון צײַטן פון האַרבע.

איז זײַ זשע מיר מױכל, מײַן מײדל פון ספּירא,
פאַר דעם, װאָס געלאָזט כ׳האָב פון טױט זיך פאַרפירן.

# אַ שפּעטע ליבע

כאַסװעכאָלילע! כאָלילעװעכאַס!
אױסשטעכן װעל איך דאָס אױג באַם כאַלאַס,
אָפּנעמען ס׳לאָשן באַם שעד, באַם פאַרפירער,
אײדער אַ קוק טאָן — זיך אָפּקערן פריִער.

טאַקע דערפאַר, ווײַל זי איז מיר געפעלן,
ווײַל אירע אויגן איך קאָן ניט פאַרפעלן, —
כ׳וועל זיך באַשיצן מיט שפּאַס און מיט האַס —
כאַסוועכאַלילע! כאַלילעוועכאַס!

אַלט בין איך פערציק און זי איז ערשט אַכצן,
שטעל איך אַ שוימער אַוועק באַ מײַן האַרצן.
דאַכט זיך, אַראָפּ איז פון האַרצן די לאַסט —
כאַסוועכאַלילע! כאַלילעוועכאַס!

## דאָס מײדל שפּילעט צו דעם זאַק

שוין נאָענט באַ דעם פליאַזש, לעם אַספאַלטירטן וועג,
ווו ס׳גייען מאַנצבלען אָנגעטאָנענע אַרום שפּאַצירן,
האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעשטעלט אין הוילער שרעק:
„אַ זאָק... זיך אָפּגעשפּיליעט... כ׳וועל אים באַלד פאַרלירן...״

און גלײַך גענומען צושפּיליען דעם זאָק...
די כאַווערטע האָט זי פאַר׳שטעלט פון פרעמדע אויגן,
און זי — מיט צניעט, וואָס אַ מיידל נאָר פאַרמאָגט,
איבער דעם פוס דעם אייגענעם האָט זיך פאַרבויגן.

ווי זי וואָלט אָפּגעדעקט אַ הייליקײַט, צי אַ גענייווע גאָר,
האָט זי געהיים און שעמעוודיק דאָס קלייד עטוואָס פאַרהויבן
און זיך אַליין פאַרדעקט די אויגן מיט די האָר,
ווי גלײַך געשראָקן זיך דאָס אייגן לײַב באַרויבן.

„מע קוקט, דאַכט זיך״... — געשעפּטשעט, און אַ רעגע בלויז
געפּאָרעט זיך באַם זאָק סײַ פלינק, סײַ אויך באַשיידן.
דערנאָך אַראָפּ פון וועג און אָף דעם פליאַזש אַרויס
און גלײַך גענומען זיך אַראָפּציִען דאָס קליידל.

די זאָקן אויסגעטאָן און פון די אַקסל שנעל
אַראָפּגעלאָזט דאָס העמד — געבליבן הויל אינגאַנצן.
אַ קוק געטאָן מיט אומשולד אָף דער גרויסער וועלט,
אַרײַן אין יאַם — אַנטלאָפן פון די מאַנצבלען.

## [illegible]

די נאַכט איז באַלויכטן מיט דעכער שניי.
ניטאָ קיין לעוואָנע. די שטערן — פאַרשאָטן.
און איך — באַם פאַרלאָשענעם פענצטער איך שטיי,
באַלויכטן מיט שניי, וואָס אָף אים כ׳האָב געטראָטן.

ווען אָנצינדן וואָלסט אין דעם פענצטער די שײַן,
איך גיב נאָר אַ טראַכט — ס׳איז קעדײַ עס צו וויסן:
אַן ערדישע ליכט אין דער נאַכט וואָלסט צעגיסן,
און איך אין דײַן הימלשער ליכט וואָלט אַרײַן...

·1961—1960



### הירש בלאָשטיין

געבוירן אין 1895 אין שטעטל קיידאַן (ליטע). געאַרבעט אַלס לערער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין אָנהייב פון די 20-ער יאָרן. אין 1925 עמיגרירט קיין אַרגענטינע. אין 1932 געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. וווינט אין טשערנאָוויץ.

# מיטן ברייטן שליאַך

סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט אַ זופּ געטאָן פון דער קאַלט געוואָרענער גלאָז טיי און מיט אַן אומעטיקן שמייכל געזאָגט צום יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים:

— ווען איך וואָלט זיך געקאָנט דערלויבן, אַראָן מאַרקאָוויטש, אַזאַ לוקסוס, ווי נעמען באַ זיך אַליין אַ טאָג אורלויב, וואָלט איך מיט אײַך צוזאַמען זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין מעדוועדעווקע — אין געסט צו די יונגע יאָרן מײַנע... דאָרטן האָב איך מײַן ערשטע פּראַקטיק געהאַט... ס׳איז שוין באַלד פופציק יאָר דערין. אַ שפּילכל — פופציק יאָר! איך בין דעמלט נאָך גאָר-גאָר יונג געווען...

— איר זײַט נאָך איצט אויך ניט אַלט, פּראָפעסאָר, — האָט אופריכטיק באַמערקט דער יונגערמאַן. — מיר, דאָקטוירים, ווייסן, אַז די אויסערלעכקײַט איז נאָך ניט אַלץ... דער אײַנבונד איז ניט דאָס בוך...

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אופגעהויבן פונעם ווייך-געבעטן שטול און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט צערוקט דעם פאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט אינדרויסן. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער און יוגנטלעך גלײַכער, נאָר מיט אַ מילך-ווײַסן קאָפּ, איז ער געווען באַהערשט פון געפילן, וואָס האָבן זיך דערוועקט ביים אָט דעם שמועס. ער האָט גערעדט, ניט אומקוקנדיק זיך אָפן גאַסט...

— אַ ליכטיקע, לעוואָנעדיקע נאַכט. אַ טונקל-בלויער הימל, שטערן... די גאַס איז פול מיט מענטשן. מיידלעך לאַכן... מיט וואָס איז עס ניט אָנהייב מײַ? די קאַשטאַנען-ביימער שטייען נאַקעטע? איז וואָס? איז עפּשער גאָר אָנהייב מאַרט... קומט אָבער דער קאַלענדאַר און זאָגט: ניין! ס׳איז הײַנט דער איין-און-צוואַנציקסטער נאָיאַבער! און אין פּראַט פון צײַט, מוז איך אײַך זאָגן, שטעלט דער קאַלענדאַר שטענדיק אַ פּינקטלעכן דיאַגנאָז... איך שפּאַן שוין באַלד אַרײַן אין אַכטן צענדליק, אַראָן מאַרקאָוויטש, עס בלײַבט ווייניק צײַט!

ער האָט זיך צוריק געזעצט אין שטול, דורכגעלאָזט דורך די שטאַרקע פינגער דאָס סערוואַנטעס-בערדל, און די ברוינע אויגן האָבן טרוימעריש אַ פינקל געטאָן.

— „די, וואָס וועלן לעבן מיט הונדערט, מיט צוויי הונדערט יאָר נאָך אונדז, — האָט ער פאָרגעזעצט, — וועלן זײַן גליקלעכער פון אונדז״... אַזוי, דוכט זיך, האָט געזאָגט טשעכאָווס אַסטראָוו (פאַר דער פּינקטלעכקײַט פון דער ציטאַטע בין איך ניט אָרעוו — דער זיקאָרן מײַנער, פאַרשטייט איר מיך, איז שוין נישט דאָס...). און איך, דער סאָוועטישער אַסטראָוו, וואָס שטייט שוין מיט אַ פוס אין קאָסמאָס, ווען עס ווימפּעל עס געפינט זיך אָף דער לעוואָנע, קאָן זיך דערלויבן צו טרוימען וועגן גאָר אַנדערע זאַכן... איך מיין, אַז איינגיכן וועט דער מענטש זײַן פאַרזיכערט מיט אַזאַ לאַנג לעבן, אַז אים וועט קלעקן גענוג צײַט אויסצופילן אַלע זײַנע פליכטן אָף דער ערד...

אַראָן מאַרקאָוויטש האָט ניט דרייסט איבערגעשלאָגן:

— איך האַלט, פּראָפעסאָר, אַז דעם מענטשנס פליכטן אָף דער ערד האָבן באַשטימטע גרענעצן.

— ניין, מײַן פרײַנט. וועגן דעם איז אַ סאַך צו ריידן. פליכטן און טרוימען זײַנען ניט אָט דער פּאַפּיראָס, וואָס איר האַלט אין דער האַנט:

אויסגעברענט ביזן מונדשטוק — און פאַרטיק... מיר וועלן בײַ א געלעגנהייט נאָך ריידן וועגן דעם. איך האָב ליב צו פילאָסאָפירן. איר געדענקט דאָך מיך, מיסטאָמע, פון מײַנע לעקציעס... — סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט זיך ברייט צעשמייכלט, און ס'האָט זיך דײַטלעכער אָנגעצייכנט דאָס געדיכטע געוועב פון דינע קנייטשעלעך אַף די באַקן. — יאָ, איך האָב זיך געקליבן אײַך דערציילן וועגן מעדוועדעווקע. דאָרטן איז מיט מיר פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע... זייער אַן אינטערעסאַנטע... דאָס האָט, אָן סאָפעק, געשפּילט א געוויסע ראָל אין מײַן ווײַטערדיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, מיך געשטויסן, אַז איך זאָל אַרבעטן אַפן געביט פון פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן. עמעס, דאָס איז א געשיכטע וועגן ווײַטן אַוואַר, אָבער איך בין דאָך שוין אויך נישט קיין הײַנטיקער... אַגעוו, איך האַלט, אַז אָן דעם נעכטן וואָלט קיין הײַנט ניט געווען...— ער האָט א שמייכל געטאָן: — אַנטדעקט אַמעריקע, האַ?.. יאָ, דאָס איז געווען אין טויזנט נײַן הונדערט צוועלפטן יאָר... איך בין דעמלט געווען דאָקטער טאַקע אין אָט דער זעלבער מעדוועדעווקע, וווּהין איר פאָרט איצט... איך האָב באַדינט די אַרומיקע דערפער... איר וועט נאָך טרינקען טיי?

סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט אײַנגעשלאָסן דעם עלעקטרישן טשײַניק, וואָס איז געשטאַנען אַפן גרויסן, מיט פּאַפּירן און ביכער פאַרלייגטן שרײַבטיש, און האָט פאַרגעזעצט.

— מיך האָט מען אין מעדוועדעווקע ליב געהאַט. אייגנטלעך, ניט אַלע... מעדוועדעווקע, ווייסט איר מיסטאָמע, האָבן היטלערס און אַנטאָנעסקוס ווילדע כײַעס פאַרוואַנדלט אין כורוועס און געלאָזן נאָך זיך א גרויסן ברידער-קייווער אינעם יאַר לעבן אַלטן בעסוילעם. איצט איז מעדוועדעווקע שוין צוריק אופגעבויט, שענער און גרעסער ווי פריִער... ס'איז איצט דאָרטן א ראַיאָנער צענטער....

אין יענער צײַט, וועגן וועלכער איך דערצייל אײַך, האָבן אין מעדוועדעווקע געלעבט דעריקער באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער. זייערע שטיבלעך זײַנען געשטאַנען אַף דער ערד פונעם פּוילישן פּאָרעץ פּאַן יאַגוטאָווסקי. מע האָט אים געצאָלט אָרענדע פאַרן פּיצל ערד, אַף וועלכן מענטשן זײַנען געשטאָרבן דרײַ מאָל א טאָג פאַר הונגער. צו אים האָט אויך געהערט די ערד, אַף וועלכער עס געפינט זיך איצט דער קאָלווירט „נאָווע זשיטיא". יאַגוטאָווסקי, פאַרשטייט זיך, האָט מיך ניט שטאַרק ליב געהאַט. ניט ער, ניט דער פּריסטאַוו, ניט דער גאַלעך, און מיסטאָמע האָבן מיך אויך ניט באַזונדערס ליב געהאַט די עטלעכע ייִדישע טוווע-סאָברים; דער דאָזיקער קאָמפּאַניע איז ניט געווען צום האַרצן, וואָס דער יונגער דאָקטער איז צופיל פאַניבראַט מיט די אָרעמעלײַט, היילט זיי אומזיסט און ווײַכט פון דער „העכערער" געזעלשאַפט. און עפּשער זײַנען צו זיי דערגאַנגען קלאַנגען, אַז איך האָב א שטיקל שײַכעס צו דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען טעטיק צווישן די באַטראַקעס אין די אַרומיקע דערפער?

דער טשײַניק איז אופגעזאָטן. פונעם נעזל און פון אונטערן דעקל האָט גענומען זעצן א פּאַרע. אַראָן האָט אויסגעשלאָסן דעם טשײַניק, אָפּגיך זיך אָנגעגאָסן טיי, עטלעכע מאָל א זופּ געגעבן — דאָס אַלץ האָט ער געטאָן, קעדיי ניט שטערן דעם פּראָפעסאָר צו דערציילן. סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט ווײַטער גערעדט:

— צווישן די מעדוועדעווקער באַלמעלאָכעס איז געווען איינער זעליק ביכדער, אָדער, ווי מע האָט אים גערופן הינטער די אויגן, זעליק „פּעלצל". אין די שטעטלעך, ווייסט איר דאָך מיסטאָמע, האָט זיך איטלעכער געהאַט זײַן צונאָמען. זעליק דעם שנײַדער האָט מען גערופן „פּעלצל" דערפאַר, וואָס ער איז געווען ניט פון די געהויבענע מײַסטערס: גענייט פּויערשע סוויטקעס און געשעמט פאַר א „קאַפּצן אין זיבן פּאָלעס", — די לעצטע ווערטער האָט סערגיי מיכײַלאָוויטש געזאָגט אַף ייִדיש. — איר זעט, איך געדענק נאָך א ביסל... אין יענע יאָרן, לעבנדיק צווישן ייִדן, האָב איך ניט שלעכט גערעדט ייִדיש. ביכלאַל דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז מע רעדט מיטן פּאַציענט אַף זײַן שפּראַך, ווערט דעם דאָקטער א סאַך קלאָרער, וואָס איז מיטן קראַנקן, און דעם כוילע ווערט אויך עטוואָס לײַכטער... ביפּראַט נאָך, אַז דו לאָזט אים זיך אויסריידן א ביסל דאָס האַרץ... איך האָב דעם זעליקן ווייניק געקענט, כאָטש איך האָב אים דאַפּקע יאָ געוואָלט קענען...

— ס'האָט אײַך אַלס דאָקטער עפּעס אינטערעסירט אין אים? ער האָט געליטן אַף עפּעס אויסטערלישס?

— יאָ, אַף עפּעס אויסטערלישס, — סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט באַדײַטונגספול א שמייכל געטאָן. — זײַנע ליידן האָבן געהאַט גאָר א גרויסן אינטערעס פאַר א דאָקטער, וואָס וויל היילן נישט נאָר כאָלאָים, נאָר די קראַנקע געזעלשאַפט... זעליקס איין-און-איינציקער זון איז שוין דרײַ יאָר געזעסן אין טפיסע פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט... דאָוויד, זעליקס זון, איז געווען ביז זײַן אַרעסט א מיטגליד פונעם אונטערערדישן באָלשעוויסטישן קרײַז-קאָמיטעט. אין מעדוועדעווקע האָט מען מיר דערציילט, ס'אַראַ טומל דער פּראָצעס פונעם שנײַדער-געזעל האָט אַרויסגערופן אין דער גובערניע. די רעדע, וואָס דאָוויד האָט געהאַלטן אַפן פּראָצעס, האָט דער קאָמיטעט אָפּגעדרוקט אין א ספּעציעל בלעטל און פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן קאַנט.

די טיר פונעם קאַבינעט האָט זיך שטיל געעפנט. ס'איז אַרײַנגעקומען פּאָלינע אַנטאָנאָווע, דעם פּראָפעסאָרס פרוי. אין דער גרויסער, הויכער טיר האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער, ווי זי איז געווען אינדערעמעס.

— סעריאָזשע, — האָט זי גוטמוטיק פאַרגעוואָרפן דעם פּראָפעסאָר, — ס'איז דאָך שוין



שפּעט! דער גאַסט איז אַוודאי מיד... — אַראָן האָט זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר איר:

— א דאַנק, פּאָלינא אַנטאָנאָוונאַ! קיין בעסערער אָפּרו, ווי הערן סערגיי מיכײַלאָוויטשן, איז גאָר ניט נייטיק.

סערגיי מיכײַלאָוויטש האָט צוגעגעבן:

— באַרויִק זיך נישט, פּאָלינקע, איך וועל שוין אַליין אײַנאָרדענען אונדזער גאַסט אַף נאַכטלעגער...

— איז זוי האַלטן מיר? באַם סאַמע איקער... איך בין גראָד אַוועקגעפאָרן אַף עטלעכע טעג אין די אַרומיקע דערפער. דאָס איז געווען ווי איצט — שפּעט אין האַרבסט. מיר, דאָקטוירים, האָבן ניט ליב די דאָזיקע צײַט פון יאָר, וואָס איז זייער ניט קיין גינסטיקע פאַר קראַנקע ביכלאַל און פאַר טובערקוליאָזע ביפּראַט... אין די אָרעמע, הונגעריקע דערפער איז געווען א סאַך אַרבעט... קום איך אַמאָל אַהיים און באַווײַז נאָך ניט אַראָפּצונעמען פון זיך דעם מאַנטל, דערציילט מיר מײַן שטוב-אַרבעטערן, אַן עלטערע באַריידעוודיקע פרוי, אַז דאָוויד, זעליק דעם שנײַדערס זון, האָט זיך נעכטן פּלוצעם אומגעקערט אַהיים! זי האָט אַליין געזען, ווי זעליק איז מיט אים געפאָרן פון וואָקזאַל. דאָוויד איז געלעגן אין וואָגן... און אויסגעזען האָט ער... א שענערן לייגט מען אין דער ערד אַרײַן... דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט שוין: דאָוויד איז ניט קיין היגער... אַז „זיי" לאָזן אַרויס פון טורמע פאַרן טערמין, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווײַל „זיי" ווילן נישט האָבן דעם קלאָפּאָט און דעם טומל, וואָס די אַרעסטאַנטן מאַכן, בײַם עמעצער פון זייערע שטאַרבט אין טפיסע... אַגעוו, דערציילט זי, זעליק איז שוין דאָ געווען א פּאָר מאָל, געפרעגט, ווען איך וועל קומען... איר שטעלט זיך פאָר, אַראָן מאַרקאָוויטש, מײַנע געפילן אין יענע מינוטן?

דער פּראָפעסאָר, וועלכער פלעגט פאַררייכערן בלויז אין פאַל פון שטאַרקער אופרעגונג, האָט גענומען א פּאַפּיראָס באַם גאַסט...

— איך האָב זיך פאַרטראַכט, צי זאָל איך גיין גלײַך צו זעליקן, צי פריִער זיך אַרײַנכאַפּן אין שפּיטאָל... — האָט ער פאַרגעזעצט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס.

— פון דער פאַרלעגנהייט האָט מיך אַרויסגעפירט א קלאַפּ אין טיר. א שטילער, אומזיכערער, ניט דרייסטער קלאַפּ. איצט קלאַפּט קיינער ניט אַזוי... אַזוי האָט געקלאַפּט בלויז די אָרעמקײַט, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיך און אין דער אַרומיקער וועלט. איך עפן די טיר: עס שטייט זעליק! אײַנגעבויגן, מיט דעם קאַשקעט אין די ציטערנדיקע הענט. הויט און ביינער. דער שאַרבן איז נאַקעט... בלויז לעבן קאַרק, פון איין אויער צום צווייטן, גייט א גרויע פּאַסמע שיטערע האָר, וואָס גיסט זיך צונויף מיט די פּייעס. דאָס פּאָנעם איז געלבלעך-גרוי. די טיף אײַנגעפאַלענע, אויסגעבליאַקעוועטע אויגן ברענען מיט א פיבערדיקן פײַערל. די ליפּן און דאָס גרויע שיטערע בערדל טרייסלען זיך... „פּאַני דאָקטער, אויב איר קאָנט, קומט צו מיר, מײַן זון איז שטאַרק קראַנק"... כאַפּ איך מײַן רענצל און גיי גלײַך מיט אים. מיר שווײַגן ביידע. שוין לעבן דער טיר האָט זעליק בלויז א פּאָר ווערטער אַרויסגעבראַכט: „באַנאַכט האָט זיך אים געלאָזט בלוט פון האַלדז, ווי בײַ זײַן מאַמען, זאָל איר גרינג זײַן די ערד"...

סערגיי מיכײַלאָוויטש נעמט ווידער צום מויל דעם פּאַפּיראָס, וועלכער איז שוין פאַרלאָשן. מיט ציטערנדיקע פינגער צינדט ער אָן א שוועבעלע:

— זאָגט מיר, אַראָן מאַרקאָוויטש, אַז איר קומט צו א כוילע, טוט איר א קוק, וויִאַזוי ער לעבט? בײַ מיר איז דאָס אַן אײַנגעבוירענע זאַך... שטעלט אײַך פאָר: א קליין צימער. אינמיטן — א הוילער, פון צײַט גרוי געוואָרענער טיש. אַפן טיש — א „זינגער"-מאַשין, איבערגעדעקט מיט עפּעס א שוואַרצער שמאַטע. בײַ גלויביקע ייִדן דעקט מען אַזוי איבער א מעס. ניטאָ קיין אַרבעט שוין לאַנג... דאָס שטריקל, אַף וועלכן די שנײַדערס הענגען אויף די סכוירע, וואָס די קונדן ברענגען, איז אינגאַנצן ליידיק... בײַ איין וואַנט — אַן אַלטער קאָמאָד, מיט האַלב אָפענע, צעקרימטע שופלאָדן... בײַ דער צווייטער וואַנט — א טאַפּטשאַן, אַף וועלכן עס ליגט א פאַרוואַקסענער מענטש, מיט א געדיכטער שוואַרצער באָרד. שווער צו זאָגן, אַז אים זאָל זײַן קוים זעקס-זיבן און צוואַנציק יאָר. אַפן אײַנגעפאַלענעם פּאָנעם ברענען גרויסע שוואַרצע אויגן. די באַקן פלאַמען. ער דערלאַנגט מיר א הייסע טרוקענע האַנט. ער דריקט מײַנע, ווי ער וואָלט געווען מײַנער אַן אַלטער פרײַנט, און — שמייכלט קינדיש, טרויעריק. ער טוט א ווונק צום פאָטער — און מיר בלײַבן אַליין. ער פרוּווט זיך זעצן. איך לאָז אים ניט. ער זאָגט צו מיר:

— דאָקטער... איך האָב אײַך, אייגנטלעך, אַרויסגערופן ניט נאָר ווי א דאָקטער. אין טפיסע ווייסט מען אַלץ... עס פרייט מיך, וואָס איך זע אײַך. איך מיין, אַז איר פאַרשטייט מיך, כאַווער וולאַדימיר... — „וולאַדימיר" איז דעמלט געווען מײַן פּאַרטייִישער נאָמען. איך פיל, ווי איבער מײַן לײַב גייט דורך א פרעסטעלע, און הער ווײַטער:

— א גרוס אײַך פון ניקאָלײַ סאָקאָלאָוו, — קוקט ער מיר דורכדרינגלעך אַרײַן אין די אויגן. — מיר זײַנען דערוואַקסענע מענטשן, אָן איליוזיעס. טרוימען האָבן מיר, און גאָר גרויסע... אָבער פון פּוסטע איליוזיעס זײַנען מיר ווײַט... איך שטאַרב, דאָקטער... איר פאַרשפּאָרט מיך אפילע צו באַטראַכטן. אַז מע שיקט פון „דאָרטן" אַף אַהיים, איז דאָס שוין דער ריכטיקסטער סימן... נאָר איך האָב נאָך אײַך געשיקט, עפּשער קענט איר אָפּרוקן דעם טויט פון מיר כאָטש נאָך אַף עטלעכע טעג... — ער האָט שטיל א שמייכל געטאָן. — איך דאַרף כאָטש נאָך צוויי טעג אָט... ווי דאָס לעבן! איך זע, איר ווילט מיך ניט אָנרעדן, ווי באַטראַכטן? מיילע, באַטראַכט...

פּרשׂ־טעקסט המשך:

איצט דערזעט אראָן דעם שאָפערס פּאָנעם: נאָך גאָר א יונגם, פולע באקן, פריילעכע גרויע אויגן.

שוין זיצנדיק אין מאשין, זאָגט אראָן:

— איר האָט מיך פּאַשעט געראטעוועט!

— ס׳טרעפט, דאָקטער, עס טרעפט, — ענטפערט מיט א שמייכל דער שאָפער. — אמאָל איז ניט שלעכט, אז מע ראטעוועט אויך א דאָקטער...

— פונוואנען האָט איר אָבער געוווּסט, אז איך דארף קומען? איך האָב דאָך קיינעם ניט אָנגעזאָגט!

— מ׳האָט אָנגעזאָגט, דאָקטער. דער סעק-רעטאר פון געגנטלעכן געזונט-אָפּטייל האָט אָנגעקלונגען אהער, אז איר פאָרט, און געבעטן באגעגענען...

— זעסט, ס׳א טײַער מיידל! — האָט פון גאנצן הארצן אראָן געזאָגט. — איך האָב דאָס גלײַך געזען לויט אירע אויגן. איך בין א מייוון אף אויגן...

— איר זײַט דען אן אויגן-דאָקטער? אבי זי האָט געזאָגט, אז א טעראפּעווט.

אראָן לאכט:

— דארף מען איר גלייבן. אזעלכע אויגן, ווי אירע, נארן נישט אָפּ. ווי הייסט זי? איך דארף זי כאָטש באדאנקען.

— זי הייסט טאניע. און קיין דאנק דארף זי נישט. איך קען זי גוט. קימאט, ווי זיך...

— וואָס איז זי, א קאלע אײַערע?

— א קאלע, אָבער ניט מײַנע. מײַן קאלע קאָן זי בעשום-אויפן ניט זײַן.

— פארוואָס?

— א שוועסטער איז זי מײַנע. — און ער האָט זיך צעשמייכלט. — א ווויל מיידל איז זי, דאָס איז עמעס... פון סאָקאָלאָווס פאָראָ-דע... איר זײַט דאָ קיינמאָל ניט געווען, איר קענט דאָ קיינעם ניט... נאָר אין מעדוועדעווקע געדענקען אלע גוט דעם זיידן אונדזערן, וואָס איז מיט א יאָר פופציק צוריק אומגעקומען אין סיביר...

— ווארט, ווארט! — טוט זיך א כאַפּ אראָן.

— ער האָט געהייסן ניקאָלײַ סאָקאָלאָוו?

— פונוואנען ווייסט איר?! — וווּנדערט זיך דער שאָפער.

און אראָן ענטפערט מיט א געהיימניספולן שמייכל:

— כ׳האָב זיך נעכטן באקאנט מיט אים —

— — — — — — — — — — — —

דער „ווילים" איז בײַגעקומען איין שניי-הורבע נאָך דער צווייטער. דער שאָפער האָט געדרייכערט און געשוויגן. ארום האָט זיך גע-וואָרפן און געשלײַדערט דער סטעפּ. קיין וועג האָט מען ניט געזען. און דאָך... האָט אראָן די גאנצע צײַט איצט געזען פאר זיך א ברייטן ליכטיקן שליאך, וועלכן עס האָבן דורכגעלייגט די פאָריקע דוירעס, אזוינע, ווי די סאָקאָלאָווס, בינדערס... נאָך א ווײַלע, און דורך דעם גע-דיכטן שנייפאל האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסזען די ערשטע הײַזער פון מעדוועדעווקע...

.1961

---

# מאקסים רילסקי



געבוירן אין 1895 אין קיִעוו. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1910. פארענדיקט דעם קיִעווער אוניווערסיטעט, מיטגליד פון דער אוקראַיִני-שער וויסנשאפט-אקאדעמיע. וווינט אין קיִעוו.

## א פרימאָרגן אין אונדזער היילאַנד

וואָלקנדלעך שניי־ווײַסע, פעדערלעך גרינגע אין הימל,
טויען אף גראָזן — א דרויסן א שיינער וועט זײַן.
איבערן טאָל, איבער בארג עמעץ קרײַזט, ווי אין דרימל —
עפשער אן אָדלער, צי עפשער א פליִער, קאָן זײַן...

רויכן געפרענדזלטע, גרויע, און ראָזע, און בלויע,
קומען פון קוימענס, פון הויכע, ווי טורעמס, ארויס.
יול האָט מיט ליבע דאָס נײַפעלד דערווארעמט דאָס רויע,
קילער פארטאָג — און די ארבעט אין גאנג איז, אין ברויז!

סעדער, ערשט פריש פונעם שלאָף. אין די סטעפּן די ווייצן
כוואליענדיק וויגן זיך דאָרט אין דער ווײַט,
שטאָלענע רעלסן מיט פינקלענדע זונעלעך רייצן,
ס׳יאָגן וואגאָנעס — מיט וויסטעניש פירט מען א שטרײַט.

פלאטערט א פייגעלע אויבן מיט פליגעלעך, ציט׳ריק צעשפרייטע,
יונגע קאָלווירטניצעס זינגען צוזאמען א ליד,
איינע הייבט אָן, און די רעגע עס העלפט שוין א צווייטע,
ווערט אף די ראכוועסן ברייטע דער ניגן צעבליט:

אוים מיט מילכאָמע! א סאָף שוין זאָל ווערן צו טאָנים!
הערשן זאָל שאָלעם! מער פרײַהײַט פאר פרידלעכע ווערק!
איבער דעם מאָסקווע־טײַך שײַנען די קרעמלשע פאָנען,
בלוילעכע שאָטנס זיך ציִען פון לענינשע בערג.

פון אוקראַיִניש — וו. האָפּשטיין

---

## מאקסים טאנק



געבוירן אין 1912 אין דאָרף פּילקאָוו-שטשינע (ווײַסרוסלאַנד). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַ-טערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מינסק.

# א טאָסט פאַר פרײַנטשאַפט

ווי נאָר מיר פארוואָרפן אין דער הייך די הענט —
געלהויטיקע,
שווארצע,
ווײַסע,
קענען מיר אופהייבן אפילע די זון,
וואָס פון יענער זײַט בארג־שפּיץ ברענט,
די געדיכטע וואָלקנס צערײַסן!

ווי נאָר מיר שליסן צונויף די הענט,
קען א פעלדז ווערן צעשמעטערט!
אונדזער לעבעדיקער קראנץ פון הענט —
געלהויטיקע,
שווארצע,
ווײַסע,
נעמט ארום די גאנצע פלאנעטע!

ווען מיר זאָלן אופהייבן דעם פויסט
פון מיליאָנען הענט —
געלהויטיקע,
שווארצע,
ווײַסע —
פאר אונדזער וועג דעם גערעכטן,
פליט די לעצטע רינג פון דער קייט ארויס,
פלאצט די קנעכטשאפט!

הייבט, ברידער, אוף די קויסעס
מיט ווײַן און לידער פון הארצן
פאר ליכטיקער פרײַנטשאפט פון הענט —
געלהויטיקע,
ווײַסע,
שווארצע!



## ראסול גאמזאטאָוו



פאָלקס-דיכטער פון דאגעסטאנער אווטאָנאָ-מער רעפּובליק. געבוירן אין 1923. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער ליטעראַרישן אינסטיטוט אפן נאָמען פון מאקסים גאָרקי. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדי-שער מילכאָמע. וווינט אין מאכאטשקאלא.

# פייגל

יעדעס מאָל, ווען איך קום נאָר ארײַן אין דעם וואלד,
מיט א ליד — א געזאנג איר באגעגנט מיך באלד.
ווען די זון טוט א בליץ אף די בערג אינדערפרי —
מיך וועקט אוף פון דעם שלאָף אײַער ליד: טשיו־טשי...
כ׳וויל אײַך, פייגעלעך, פרעגן פון לאנג שוין, פון לאנג:
וואָס באטײַט „טשיו־טשי״, וואָס באטײַט דאָס געזאנג?
זאָל עס הייסן: אין ליבע איר שווערט זיך אזוי,
צי א וויגליד גייט אוף פון די בעכערלעך טוי?
צי פון פרייד א געזאנג, ווי א פלייט זיך צעקלינגט?
גיי, פארשטיי, וואָס איר ווילט, וואָס איר זינגט...
„טשיו־טשי״ — און עס רוישט שוין דער קוואל,
טשיו־טשי — ווערט די ערד אויסגעגנייט מיט א שטראל.
אוי, איר טײַערע פייגעלעך, כ׳פרעג אײַך פון לאנג:
ס׳איז א וואָרט? צי א שפרוך? א געוויינלעכער קלאנג?
אלע פרײַנט מײַנע זאָגן מיט שמייכל צו מיר:
צופיל קווייטן און פייגעלעך זינגען בא דיר...
אײַך פארטרײַבן פון ליד? אָ, ניין! ס׳איז א שפאס,
פול און פיל איז מיט אײַך מײַן געבענטשטער קאווקאז.
זאָל דעם פויגלס געזאנג, אָט דעם ציכטיקן קלאנג
אויך דערהערן די הויפטשטאָט, דאָס גאנצענע לאנד.
אף דער רויִקער ערד, אלע טאָג, אינדערפרי —
זינגט, פייגעלעך, זינגט:
טשיו־טשי...
טשיו־טשי...

## הירש אָשעראָוויטש



געבוירן אין 1908 אין פּאָנעוועזש (ליטע). פאַרענדיקט דעם קאָוונער אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. וווינט אין ווילנע.

# די וואַרטונג

„...אין אונדזער צײַט אָנהייבן א מילכאָמע קאָן נאָר א מעטעאָר, וועלכער וועט אליין טאַקע אומקומען אין איר פלאַם".

ג. ס. כרושטשאָוו

עמעצער: אין כוישעכדיקער, טיפער הייל איך בין אנטרונען...
האָט טאַקע אָפּגעגאָלטן מיר?
איז טאַקע וואָר, אז מיר צו ראַטעווען זיך פון דער אַטאָם־באָמבע איז געלונגען?

ווי קיל דאָ איז, און שטיל!
קיין שאָרך, קיין קלאנג, קיין קאָל, קיין אָטעם.
ארויס א לעבעדיקער כ׳בין פון סאַמע פלאַם...
געבענטשט זײַ, צופאַל, איינציקער און גרויסער רעטער,
האָסט מיך ארויסגעכאַפּט, ארויסגעריסן פונעם אומקום,
איך בין געראַטעוועט, איך לעב, איך בין געבליבן —
איך בין ניט אויסגעדאַמפט,
ווי ס׳איז געשען מיט טוי און טײַך, מיט גראָז און וואַלד,
מיט מענטש און הויז, מיט באַרג און קיזל.
דאָס האַרץ אין מיר — עס קלאַפּט משוגע פון דער פרייד:
„איך בין געבליבן... כ׳לעב... איך לעב!..״

א שטים: ארויס פון הייל!

עמעצער: וואָס טוט זיך דאָ? עס האָט זיך אויסגעדוכט מיר, אז מע רעדט...
די שטים: ארויס פון הייל!
עמעצער: א מענטש איז דאָ פאַראַן! א מענטש... א נאָך־איינער צו מיר!..



ווו זיצסטו דאָ, אָ, זאָג? ווער ביסטו, ווער? דערנענטער זיך אהער!
די שטים: ארויס פון הייל!
עמעצער: דו טרײַבסט מיך גאָר?
אויך איצט האָסטו נאָך ניט באַנומען,
ווי נאָנט צוויי מענטשן צווישן זיך באַדאַרפן זײַן?
צוויי מענטשן, און נאָך לעצטע פון א וועלט...
די שטים: ארויס, פאַרדאָרבענער, פון הייל!
עמעצער: ניט זידל מיך! אין אונדזער לאַגע זידלען זיך...
צי ווייסטו, וואָס דו טוסט?
די שטים: איך ווייס, איך ווייס! ארויס פון הייל!
עמעצער: וואָס טרײַבסטו מיך?
קום, טײַערער, אהער, גענען צו מיר.
מיר זײַנען ביידע אינעם אומגליק גלײַך:
פאַרלאָזן אלץ, פאַרלאָרן אלץ,
אנטלאָפן פון א העלער וועלט אין א שטאָק־כוישעכדיקער הייל...
די שטים: אנטלאָפן? איך בין ניט אנטלאָפן — איך האָב דאָ געוווינט.
עמעצער: גאָר דאָ געוווינט? אין אָט דער קייווערדיקער, טוכלער הייל?
וואָס כויזעקסטו פון מיר?
די שטים: איך זאָג דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: ארויס פון הייל!
איך דאַרף דיך דאָ ניט, הערסט?
איך קאָן דײַן אָטעם און דײַן קאָל ניט לײַדן, ווייס!
דו וועסט מיט מיר ניט זײַן, ניין־ניין!
עמעצער: פאַרוואָס?
די שטים: דו פרעגסט: פאַרוואָס? אליין פאַרשטייסטו ניט?
געדענקסט שוין ניט דעם וועג, וועלכער האָט דיך אהער געבראַכט?
איז גאָרנישט ניט געשען, צי ס׳איז פאַרלאָפן עפּעס יאָ?
ווו איז די וועלט — די שיינע בליִענדיקע וועלט?..
עמעצער: אָ, שווײַג!.. ניט שנײַד מײַן האַרץ!
וואָס האָסטו, ברודער, זאָג, זיך אָנגעזעצט אף מיר?
מיר זײַנען ביידע דאָך — —
די שטים: אזוי?.. שוין ביידע גאָר?
איך וואָרן דיך: הער אוף!
זאָלסט ניט דערוועגן זיך אזוינס צו זאָגן מער!
ניט ביידע, הערסט? וואָס טוליעסטו זיך עס צו מיר?
עמעצער: ווער ביסטו, מענטש, וואָס אזוי גרויזאַם ביסט צו מיר?
ווער ביסטו עס אזא? אנטפּלעק!
די שטים: אנטפּלעקן דיר, ווער כ׳בין אזא? עס איז ניטאָ, וואָס צו אנטפּלעקן.
מײַן פּאָנעם און מײַן לײַב דערזען איז דיר ניט מעגלעך...
פאַר דיר איך בין פון לאַנג שוין אין דער צײַט צעגאַנגען...
די זון געוואָרן מיד איז פון ארומקרײַזן ארום דער ערד
זינט יענעם טאָג, ווען כ׳האָב מײַן אויג פאַרשלאָסן.
די צאָל פון שטערן אפן הימל איז די צאָל
פון קינד נאָך קינד, נאָך קינד, נאָך קינד,
וואָס איז פון מיר ביז דיר געגאַנגען.
די האָר, וואָס אף מײַן לײַב, זײַנען שוין אויסגעקראָכן,
די שווערע, לאַנגע הענט מײַנע געוואָרן זײַנען קירצער,
מײַן קאָפּ פאַרלאָרן האָט זײַן שפּיציקייט, איז קײַלעכיק געוואָרן.

איך בין אַט דער, וואָס האָסט אים אַפּגערוקט אַלץ צו דער מאַלפּע.
איך בין אַט דער, וואָס האָסט אים אופגעהערט צו רופן „טאַטע”,
און אַפּגעפרעמדט א נאָמען אים געגעבן: „אורמענטש”...

עמעצער: אַט ווער דו ביסט!..

די שטים: יאָ, איך בין דער!.. איצט ווייסטו, ווער עס טרייַבט דיך?
יאָ, איך בין דער, וואָס האָט אין הייל געוווינט,
געשיצט זיך דאָ פון זון, פון רעגן און פון שטורעם.

עמעצער: איז וואָס פון דעם?
איז דאָס א סיבע דען, דו זאָלסט מיך טרייַבן?
דו זעסט דאָך, ווי געקומען כ׳בין אהער,
דו זעסט דאָך, וואָס געוואָרן ס׳איז פון אַלץ, וואָס מיר באַלאַנגט!

די שטים: צו וואָס ביסטו אהער געקומען?

עמעצער: ניט מאַטער מיך! דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס ס׳איז געשען!
ניין, ניט געקומען כ׳בין צו דיר. אַנטלאָפן כ׳בין, אַנטלאָפן...
ווער קען דיר ענטפערן, צו וואָס, ווען אויבן ווירבלען כוואַליעס רויך,
ווען אויבן פלייצן יאַמען פלאַם, ווען אומעטום דער טויט איז?
ווער קען דיר ענטפערן, צו וואָס?

די שטים: איך דאַרף דייַן ענטפער ניט!
און אויב געפרעגט איך האָב „צו וואָס”, געטאָן כ׳האָב עס, צו זאָגן דיר,
אַז ביסט אַן איבעריקער דאָ.

עמעצער: פאַרוואָס? וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן?
וואָס שטראַפסטו מיך, אַז כ׳בין אַזוי שוין אויך געשטראָפט,
געשלאָגן מיט א בראַך...

די שטים: הער אוף!.. גענוג זיך קלאָגן, אַז געשלאָגן ביסט,
ווען דו אַליין האָסט זיך געשלאָגן.
וואָס קומסטו, ברענגער פונעם סאָף,
צו מיר — דעם ברענגער פונעם אָנהייב?
ווי זאָל איך דולדן דיך, פאַרשטײַ אַליין,
ווי זאָל איך דיך ניט טרייַבן און ניט האַסן,
אַז אַלץ האָט אומגעבראַכט דייַן בייזע ווייכע האַנט,
פאַרדאַרבן אַלץ, וואָס איז פון מיר געגאַנגען?..
און איך האָב דאָך אַמאָל — אין אייַזיק האַרטע טעג,
ווען אַלץ אַרום געווען איז וואַלדישע סאַקאַנע,
מיט אַנגעשפּאַנטן גוף, מיט גלידער — הייס פון מי,
פון וועלטן שטייניקע געריסן פּיצלעך לעבן.
געווען איז אַלץ אַרום אי פרעמד, אי קאַלט, אי שווער,
מייַן אומדערפאַרן האַרץ באַליידיקט האָט געיאָמערט.
אַף יעדן טראַט — א שלאַנג, אַף יעדן קער — א בער,
אַף יעדן טאָג — א טשאַטע ווילדע טויטן...
א שטיין האָב איך געכאַפּט — באַקומען האָט מייַן האַנט א פליִענדיקע דלאָניע.
א צווייַג האָב איך דערזען — געוווּנען האָט מייַן פויסט א ווונדערלעכן פינגער.

אַרייַן בין איך אין הייל, געשאַפן זיך א היים —
אַן אָרט, וואָס אייגן איז און אָן געפאַרן,
א רו באַנאַכט, א שוץ באַטאָג —
א ווינקעלע, אין וועלכן עס איז אייַנגעפאַסט מייַן לעבן,
און דו, ווי קומסט אין הייל?



אַרייַן דו ביסט אהער אַן אויסגעלאָשענער, דערפרייט זיך מיטן כוישעך.
געקומען ביסט אין הייל, ניט טרעטנדיק פאָרויס,
נאָר הינטערווײַלעכס פאַלנדיק אין אַפּגרונט...

עמעצער: כ׳האָב דייַנע שטראָף־רייד אויסגעהערט,
כ׳האָב אַלץ, וואָס האָסט געזאָגט, פאַרנומען.
דייַן טייַנע שנייַדיקע איז מער נאָך ווי גערעכט.
פונוואַנען אָבער נעמסטו, זאָג מיר נאָר,
פונוואַנען ביסטו, כ׳פרעג דיך, אַזוי זיכער,
אַז איך בין טאַקע פּינקטלעך דער,
צו וועמען דייַן באַשולדיקונג זיך בינדט,
אַז מייַן געדאַנק, אַז מייַנע הענט האָבן די וועלט אונטערגעצונדן?

די שטים: פאַרשטום, אַקשאָנעסדיקע שלאַנג, ניט רייץ זיך מיט מייַן צאָרן!
צי איז ניט גלייַך צו דעם, וואָס טוט, אויך דער, וואָס טוט דערלאָזן?
פאַרוואָס האָסטו אים, דעם פאַרברעכער, ניט געצוימט, ניט אָנגעטאָן קיין צוואַנג־העמד?
דו האָסט דערלאָזט, עס זאָל געשען, איז ענטפער איצט, דערלאָזער!

עמעצער: גערעכט, גערעכט... אָ, ליידער, ביסטו דאָך גערעכט...
איך האָב געקוקט... איך האָב געוואַרט...
איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז א מײַלע זייַן געדולדיק...
אצינד איך זע, אַז אָפט עס טרעפט: עס איז געדולד די גרעסטע זינד
און וואַרטעניש העלפט האָדעווען פאַרברעכן!
איך האָב געטראַכט... איך האָב — — —
ווער קרעכצט עס דאָרט? א זיפץ, א קינדס געוויין און טריט...
מע גייט, דוכט זיך, אהער?.. מע גייט!.. אַט זייַנען זיי:
א מאַן, נאָך אים א מוטער מיט א קינד אַף אירע הענט,
און הינטער זיי לויפט נאָך א פרייַכנדיקער לײַביקער מעגושעם...

דער גערעכטער: איך האַלט אייַך, שרעקט זיך ניט,
איר זאָלט ניט שטרויכלען אין דער פינצטער,
כאָלילע, ניט אַראָפוואַרפן דאָס קינד!

די מוטער: איך האַלט אים, כ׳האַלט אים פעסט!

דער גערעכטער: גייט לאַנגזאַמער און שפּאַרט זיך אָן אין מיר!

די מוטער: איך ווייס, איר ווילט מיר גוטס.
אין סאַמע פלאַקער זייַט איר דאָך אַרייַן,
אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן מיך און אים —
אַט דעם, פאַר וועלכן אייביק שולדיק איך וועל זייַן,
וואָס כ׳האָב געבאָרן אים אין אַזאַ צייַט...

דער גערעכטער: ששש... באַרויִקט אייַך...
א רעגע נאָך, און ס׳וועט דאָס אויג זיך צוגעוווינען צום אַרום.

דער שולדיקער: באַרויִקט זיך. דאָ איז דאָך אויס געפאַר...

עמעצער: עס איז אַן אַלטע הייל. א הייל — א היים.

אַלע דרייַ אַרייַנגעקומענע: א מענטש איז דאָ?..

עמעצער: א מענטש! אַוואַדע איז א מענטש פאַראַן דאָ.
א מענטש — אַן עמעצער — אַן אָן־פאַרברעכן־שולדיקער,
וואָס מוז און וועט באַצאָלן פאַרן בייז...
א מענטש — אַן עמעצער, וואָס ערשט אין הייל פאַרשטאַנען האָט,
אַז דאָס ניט־טאָן קאָן זייַן א נידעריקע טאַט...

די מוטער: שלאָף אייַן, שלאָף אייַן, שלאָף אייַן, מייַן קינד!

דער שולדיקער: ניין, ניט געקאָנט האָט מען זיך ריכטן אַף אַזױנס...
עס איז פֿיל ביטערער, פֿיל גרױזאַמער
פֿון דעם, פֿאַר װאָס מע האָט געקאָנט זיך שרעקן...
פֿאַרױסגעזען, דוכט, אַלץ, און דאָך געהאַט אַ טאָעס.
באַם גורל איז קײן זיכערקײַט ניטאָ!..

דער גערעכטער: אַז אַך און װײ צו דײַן פֿאַרױסזעונג!
אַז װינד און װײ איז איצט צו דיר, מיט דיר אײנײנעם — אױך צו די,
װאָס האָבן דיך באַצײַטנס ניט געבונדן...

די שטים: געקומען נײַע נאָך... איך האָב דערפֿילט,
אַרײַן ס'איז בײז, אַרײַן ס'איז זינד,
אַרײַן ס'איז רישעס און פֿאַרברעכן...

אַלע דרײַ אַרײַנגעקומענע: װער איז עס? װער רעדט עס?

עמעצער: דאָס איז דער אורמענטש, װאָס האָט דאָ געלעבט.
און, אױב איר װילט, איז עס די שטים פֿון אונדזער אײגענעם געװיסן...
עס איז נאַטירלעך דאָך, אַז דאָ, אין הײל,
װוּ ס'האָט אַמאָל געװױנט דער װילדער מענטש,
זאָל אונדז זיך אױסדוכטן, זײַן קאָל מיר הערן,
און אַלע טײַנעס פֿונעם מענטשלעכן געװיסן,
װעלכן די בײז־טוער האָבן אַצינד פֿאַרשטיקט,
דערהערן זאָלן מיר, װי פֿון אַ פֿרעמדער שטים...

די מוטער: אַ האַרבע שטים... אַזאַ פֿאַרביטערטקײַט אין איר, ס'צעבערעכט דאָס האַרץ...

אַ־װײ, װי כ'װאָלט זי װעלן טרײסטן!
אַזױפֿיל עלנט אין איר קלאַנג, אַזױפֿיל װײ אין יעדן װאָרט,
אַ שטים אַ האַרציקע, דאָך אַזאַ האַרבע...

די שטים: איך װײס, איר טראַכט: כ'בין װילד געװען —
אַ האָריקער, אַ נאַקעטער, אַ שװערער...
גענעכטיקט אין דער הײל, געגעסן אַף אַ שטײן,
געטרונקען, טוקנדיק דעם קאָפּ אין קװאַלן...
װאָס האָב איך דען געהאַט און װאָס האָב איך פֿאַרמאָגט?
כ'האָב גאָרנישט ניט געהאַט. אַ לעבן נאָר פֿאַרמאָגט כ'האָב;
און װער אַ לעבן האָט, קײן צװײטס ער ניט באַדאַרף,
צו װאָס זשע זאָל ער צונעמען דעם ברודערס לעבן?
אין סאַמע אָנהײב אָבער איז אַזױנס געשען:
אַ ברודער־מאָרד... ער איז אַװעק דערנאָך דורך דורעס...
ביז איר געװאָרן זײַט איצט קאַינס פֿון דער גאַנצער װעלט...

די מוטער: ניט הער, מײַן קינד, ס'איז אױסגעטראַכט!
ניט דו, ניט דו... װער װיל באַהעפֿטן דיך צום בײז?
ניט דו, מײַן קינד, ניט דו,
ניט איך און ניט דײַן טאַטע...

עמעצער: און אױך ניט איך, װאָס זיץ דערנעבן דיר!
און אױך ניט יענער פֿעטער, װאָס פֿון פֿאָרנט זיצט,
און אױך ניט דער, װאָס זיצט פֿון הינ — — —

דער גערעכטער: װאָס זײַט איר שטיל געבליבן?
פֿאַרװאָס איז אָפּגעלײמט געװאָרן אײַער צונג?
ער איז אַרײַן, דער מערדער, זיך באַהאַלטן אין דער הײל...
געפֿירט אַהער כ'האָב ראַטעװען די מוטער מיט איר קינד,



איז ער פֿון הינטן נאָכגעלאָפֿן.
מיט װעלכן רעכט איז ער אַהער געקומען?

דער שולדיקער: דער זעלבער אומגליק איז פֿאַר מיר, פּונקט װי פֿאַר אײַך.

מיר זײַנען גלײַך — מיר האָבן אַלע אַלץ אַף אַלעמאָל פֿאַרלאָרן...

דער גערעכטער: װאָס עפּעס מיטאַמאָל פֿאַרשװוּנדן איז באַ דיר
דער אונטערשײד, װאָס דו געמאַכט האָסט צװישן מענטשן?
גאָר אַלע גלײַך...
באַ דיר, װאָס שטענדיק ביסט געװען אַ מײַדים
די גלײַכקײַט צו צעטײלן אַף כאַלאָקים, װאָס ניט גלײַך...

דער שולדיקער: אָ, שעם זיך כאָטש אַצינד צו פֿרײען זיך מיט פֿרעמדע זינד!
אַזעלכע זאַכן פּאַסן ניט אין אָנבליק פֿונעם טױט!
צי דען איז איצט אַ צײַט אַף פֿאָרצװאָרפֿן מיר, צי דיר,
לעמײַ עס האָבן אונדז באַצװוּנגען שװאַכקײַטן אין טעג פֿון פֿרידן?
אַ פֿאַל געטאָן עס האָט די װעלט.
פּונקט װי פֿון אױסגעקערטע קרוגן,
זיך אױסגעגאָסן האָבן לעבנס,
צערונען זיך, און — מער ניטאָ...
באַם טױט איז אומגלײַכקײַט ניט שײַך,
פֿאַר אים עס זײַנען אַלע גלײַך.

די מוטער: ניין!..

עמעצער: װאָס ניין?

דער גערעכטער: אַלץ!.. אַלץ ניין!.. ניטאָ איז אַזאַ װאָרט באַ אים,
אַף װעלכן װער ניט איז פֿון אונדז זאָל קאָנען זאָגן: „יאָ”.

די מוטער: אָ, מײַן קינד, װי מיר דערמאָנט,
װען איך װיג דיך אַף מײַן אָרעם,
אַז אַ כיראָסימע מאָנט,
מע זאָל פֿלאַקערן פֿון צאָרן...
קאָלזמאַן לעבן ס'װעט אַ מענטש
און זיך הערן װעט זײַן שטימע,
װעט זיך דוכטן, ס'קלאָגט אַ קינד:
„כיראָסימע!.. כיראָסימע!..”
װײן ניט, אײפּעלע, ניט װײן,
כאָטש ס'איז אַלץ אַזױ געמײן.
דאַרפֿסט, מײַן אײפּעלע, פֿאַרשטײן:
פֿעטערס אַלערלײ פֿאַראַנען!..

עמעצער: אָט האָט איר אײַך אַ װיגליד...

די מוטער: ניט פֿון פֿײגעלעך אין נעסטן,
ניט פֿון ציגעלעך אין שטאַלן,
נאָר פֿון פֿעסט פֿון אַלע פֿעסטן,
װאָס איז אונדזער ערד באַפֿאַלן...
שלעכט געװיגט עס האָבן מאַמעס,
קנאַפּ געליבט זײערע קינדער,
אױב אַרױס פֿון אונדזער שטאַם איז
אַזאַ װעלטן־אונטערצינדער...
פֿעטערס אַלערלײ פֿאַראַנען, פֿעטערס אַלערלײ פֿאַראַנען...

דער שולדיקער: ניט פויק אין אויער!.. זיך צעזונגען...
צום גאנצן גרויל, צום וויסטן בראַך,
עס האָט נאָך אויסגעפעלט איר טירעפדיק געזאנג...

דער גערעכטער: עס רעגט דיך אויף? דײַן אופרעגונג איז מיט א גרונט,
דײַן שפּירעוודיקײַט צו א הארבן וואָרט איז ווױלבארעכטיקט...

עמעצער: א מאמע שלעפּעו־ט אײַן איר קינד, ווער קאָן זײַן קעגן דעם?
ס׳געפעלן ניט די ווערטער דיר?
די ווערטער פון א וויגליד געהערן ניט דער מאמען, נאָר דער צײַט.
זיי זײַנען ניט נאָר אירע, זיי זײַנען מײַנע, זײַנע, דײַנע!

דער שולדיקער: פּוסטע רייד!

דער גערעכטער: פאר דיר זיי קלינגען פּוסט, ווײַל אָנגעפילט זיי זײַנען מיטן עמעס...
און אים, דעם עמעס, זעסטו ניט, דאָס וואָרע וואָרט פארטראָגסטו ניט,
ווײַל מיטן עמעס קאָן מען ניט דערגיין צו דעם געדאנק,
אז אלץ, וואָס גוט איז, דאַרף נאָר דיר אליין געהערן...
איצט ענטפער, ווי האָסטו פארווענדט די קראַפט,
וואָס דוירעס האָבן אונדז געגעבן?
וואָס האָט דײַן האנט געמאכט דערפון,
וואָס פריִערדיקע האָבן אָנגעזאמלט?
און זאָג, ווהין האָסטו די וועלט דערפירט, דו כײַע־ראָע?

עמעצער: ענטפער, שולדיקער, מיט קלאָרע ווערטער.
דאָס פאָדער איך — דער עמעצער,
דאָס פאָדערט דער גערעכטער, די מוטער מיט איר קינד,
דאָס פאָדערט אונדזער אלעמענס געוויסן.

די מוטער: וואָס רעדט איר נאָך מיט אים? כאַפּט אָן אים פארן גאָרגל און דערשטיקט!

דער שולדיקער: אויב ס׳קאָן ארויסזאָגן אזוינס א צארטע פרוי א מוטער,
איז וואָס זשע קאָן מען פאָדערן פון הארטע מענער?
א סימען, ס׳איז די צײַט אזא, א סימען, ס׳איז די וועלט אזא,
א סימען, ס׳איז די שולד אָן אלגעמיינע און ניט איינעמס...

עמעצער: ניטאָ קיין אלגעמיינע שולד!
פאראַן נאָר צײַטנווײַז צו פיל געדולד, און אף א צו גרויסער געדולדיקײַט
עס קוקן אויס די אויגן זייערע די רויבגיריקע און פארשוועכער...

די מוטער: ניטאָ קיין אלגעמיינע שולד,
אויב ס׳ווערט דער מענטש געבאָרן מיט אזויפיל אומשולד!

דער גערעכטער: ניטאָ קיין אלגעמיינע שולד,
ווי ס׳קאָן ניט זײַן קיין אלגעמיינער אומקום!..
ניט צוק אזוי צולאָכעסדיק מיט דײַנע אקסלען, הערסט?
דערגאנגען זײַנען מיר צו דעם,
אז ס׳זעען דײַטלעך איצט די אויגן אונדזערע אויך אין דער פינצטער.
ס׳איז אלץ אצינד, ווי אף דער האנט,
דער כעזשבן איז בארעכנט שוין — א פּינקטלעכער, א קלאָרער.
האָסט זיך געוואָרפן אף דער וועלט.
פארוואָס ביסטו צו אזא נידערטרעכטיקײַט דערגאנגען?
ס׳איז ניט קיין צופעליקער טראָט,
דאָס איז דער גאנג פון גיריקע פארלאנגען...



דו האָסט געטראכט, אז הענט, וואָס האָרעווען און בויען,
געהערן מוזן צו א הונגעריקן גוף,
און די, וואָס זיצן מיט די בלאנק־געפוצטע נעגל,
זיך ציִען דאַרפן, ווי די זאטע קעץ.
די וואָגשאָל, וואָס אף איר ארויפגעוואָרפן האָסט דײַן גאָלד־זאק,
אראָפּגעוויגן האָט פאר דיר דעם זאק,
אין וועלכן האָסט ארײַנגעשפּארט דעם מענטש,
זײַן עמעס, זײַן גערעכטיקײַט, זײַן גליק...
וואָס האָסטו, כ׳פרעג דיך, זיך געטראכט,
ווען פעסט געהאלטן אין דײַן האנט
דו האָסט דעם אופגעדעקטן סאָד —
די גרעסטע אופטועז פון דוירעס,
און פון דער זון די גרעסטע מאכט
איז אין דײַן האנט ארײַנגעפלאָסן?
גראָבט מען ארויס פון ערדן ארץ,
צי מע דערגייט דעם סאָד פון שטאָל, —
כאַפּט זיך ארײַן צו אונדז אין האנט
באשאפונג, אויסראָטונג — א צווילינג.
געפינט מען אוים דאָס שווארצע זאמד,
וואָס קאָן א הייב טאָן שווערסטן בארג,
צעשפריצן פעלדזן אין דער לופט, —
באזעצט זיך דאַן אין אונדזער האנט
באשאפונג, אויסראָטונג — א צווילינג.
דערגרייכט מען צו דעם וווּנדער־פונק,
וואָס טוט זיך וואַרפן, ווי א שלאנג,
מע שפּארט ארײַן אים אין א דראָט, —
צעוואקסט זיך דאַן אין אונדזער האנט
באשאפונג, אויסראָטונג — א צווילינג.
און אז מע קומט צום גרעסטן נעס —
צום טיילן אלץ, צעשפּאלטן אלץ —
דאַן ליגט שוין רײַף אין אונדזער האנט
די גרעסטע פּרוּווּנג פארן מענטש:
באשאפונג, אויסראָטונג — א צווילינג...
ניט בײַגעשטאנען ביסטו דעם ניסאָיען:
מיט רויבערישער האנט דו האָסט די צווילינגשאפט צעשטערט,
געשענקט דער ייִנגערער — דער אויסראָטונג — די בכוירע...

דער שולדיקער: אָ־וויי, די שלייפן פּלאצן מיר! איך קאָן ניט האלטן מער מײַן קאָפּ —
מײַן קאָפּ, וואָס, דוכט, אינמיטן שטעקט פון א זיך דרייענדיקער ראָד...
איך קאָן ניט האלטן מער מײַן קאָפּ!.. ארום גייט אָן א ווילד געלויף.
עס דרייען זיך די פעלדזן־ווענט, דער כוישעך קרײַזט א קאראהאָד,
איך קאָן ניט האלטן מער מײַן קאָפּ! איך קאָן ניט...
וואסער!.. וואסער!.. ווא־סער!..

די מוטער: פון וואסער האָסט דעם וואסערשטאָף ארויסגענומען,
און פונעם וואסערשטאָף דעם גרעסטן טויט ארויסבאקומען...

עמעצער: ניטאָ קיין וואסער מער. טרינק פײַער!
טרינק פײַער, אויב דו האָסט אליין דערצו דערפירט...

דער גערעכטער: און דאָס עס זאָגט דיר איצט אזא,

וואָס איז אָן עמעצער געווען קאַליאַמאַוו,
וואָס האָט געמיינט, אז שוין דאָס ערלעכע זיך האלטן אָן א זײַט
איז א פארזיכערונג, אז ס׳ווערט דאָס בייז געלינדערט.
האָסטו צונישט געמאכט זײַן ווייכלײַביקן צוטרוי;
פארוואָלט האָט זיך דײַן הארץ: אף יעדן זײַן א האר,
אליין פון אלע ווילקײַטן דער ערדס געניסן.
אליין — אף אלץ, אף אלץ; אליין — אף גאנצער וועלט...

דער שולדיקער: כ׳האָב ניט געמיינט, אוועק ס׳וועט אזוי ווײַט...
איך האָב ניט פאַרגעשטעלט זיך אזא סאָף...

דער גערעכטער: ניט עמעס! האָסט זיך פאַרגעשטעלט.
דו האָסט נאָר ניט געוואָלט זיך מודיע זײַן, אז דו פארשטייסט.
אויב האָסט אין עפּעס זיך גענארט, אויב האָסט א טאָעס יאָ געהאַט,
איז נאָר אין דעם, וואָס האָסט געמיינט, אז ס׳איז ביז דיר,
צו דיר דער אומקום וועט ניט גרייכן...
באגריפן אָבער האָסטו אלץ, פארשטאנען האָסטו, ליידער, יאָ.
געוווּסט האָסטו, וווּהין עס פירט; געוווּסט, נאָר ס׳האָט דיך ניט גערירט.
איין גלוסטונג האָט אין דיר געברענט, געהאלטן האָסט פון איין געבאָט,
פארהייליקט האָסטו אײן געזעץ: דעם שרעקלעכן „אלץ נאָר פאר מיר!״
פארוואָרפן האָסט די ליבשאפט־מאָס, גענומען מעסטן אלץ מיט סינע,
באשפּײַט דאָס גרויסמענטשלעכע גליק;
די ערד, וועלכער באשערט איז א גאניידן זײַן,
האָסטו געצוווּנגען ווערן א געהענעם.
אראָפּגעזונקען ביסט אין בייז צום סאמע גרונט.

עמעצער: געמוזט האָסטו דערגיין, וווּהין דערגאנגען ביסט,
עס מוז דער „אויבערמענטש״ דערגיין צו אויבערבאָמבעס...

דער גערעכטער: אָ, וויפל ליבשאפט, קענטעניש, געניטקײַט
האָסטו ארײַנגעטאָן אין אָט דער קיילע פונעם טויט!..
די נעכט די שלאָפלאָזע פון זוכנדיקע זיידעס
האָסטו פארווענדט אף גזיילע און רעציכע.
פון אלע ליכטיקע און גליקלעכע געפינסן
האָסטו געשליפן פארן אויסראָט א געצײַג...

די מוטער: איך וועל מיט הענט מיט אייגענע פאריאָגן דיך אין פלאם...
פארשאָלטן זײַ!
פארשאָלטן זײַ שוין בלויז דערפאר אליין, וואָס האָסט דערפירט דערצו,
א מאמע זאָל ניט ווילן פון ראכמאָנעס...
גיי!!!

דער גערעכטער: נאָך וואָס ביסטו אהער אנטלאָפן? אף וואָס זשע
ווילסטו איצט נאָך האָפן?
דו מיינסט, זיך ראטעווען פון אומקום, באשאפער פונעם טויט?..
פארוואָס זשע קומט דיר לעבן,
אז האָסט דײַן הארץ און סייכל,
דײַן האנט און קענטשאפט קעגן דעם געשטעלט?

עמעצער: ניטאָ פאר דיר קיין רעטונג.
מע קאָן באהאלטן זיך פון פלאם, דאָך ניט פון מענטשן...
ארויס פונדאנען, גיי!!!

דער גערעכטער: פארלאָז די הייל און גיי פארברענט ווערן אף
אטאָמישן שײַטער.



דײַן האנט, וואָס אופגעהויבן האָסט אף מענטש און וועלט,
וועט דיך אליין פארניכטן!

עמעצער: דער כורבן קייטלט זיך נאָך דאָרט: עס פאלן בערג,
ס׳פארשווינדן טאָלן,
עס הייבן טײַכן אוף זיך אין דער לופט
און, ווי דער אָטעם אין א ווינטער־טאָג, זיי באלד פארשווינדן.
עס קראכט א וואלד, ס׳צעגייט א שטאָט, עס דאמפן אויס זיך וואָלקנס.
א מענטש, א שפערל, א מאַנבלאַן — די זעלבע מעקענע אין פלאם...

דער גערעכטער: אין בוזעם פון דער ערד, זיך צוגעדעקט מיט בערג,
האָסטו געטראכט, געפונען האָסט אנטרינונג:
האָסט אָפּגענארט דעם טויט, באהאלטן זיך פון סאָף,
א זייכער וועסטו זײַן — דער לעצטער מענטש פארבלײַבן?..
טאָ זע זשע איצט, ווי ס׳פּלאצט דער זייפנבלאָז — דײַן טרייסט,
מיט וועלכער זיך אליין געטאָן האָסט נארן;
דו וועסט ניט זײַן דער לעצטער מענטש,
וועסט גיכער זײַן דער לעצטער אויסוווּרף...
ס׳האָט מאָסקווע דיך געוואָרנט.
געפאָדערט האָבן די גערעכטע, זאָלסט ניט אָנצינדן קיין קריג,
די טויב פון שאָלעם האָט צו דיר געוואָרקעט פון די ווענט פון קרעמל.
נאָר דו האָסט ניט געהאָרכט, האָסט ניט געוואָלט די וואָר באנעמען,
און ביסט אוועק מיט דײַן געגארטן בלוט־ און־פײַער־וועג.
איז גיי, וווּהין געגאנגען ביסט, און זינק ארײַן אין פלאם...

עמעצער: דו הערסט? הייב אוף זיך, און — ארויס!

די מוטער: וואָס וואַרטסטו? גיי!

דער גערעכטער: וועסט מוזן גיין! אויב ניט מיט גוטן, איז מיט צוואנג!

די מוטער: ארויס!.. דעם ערשטן שטויס
עס גיט דיר די, וואָס טראָגט אף אירע הענט א קינד.

עמעצער: דעם צווייטן שטויס באקום פון מיר, וואָס האָט געזינדיקט
מיט א קאלטבלוטיקן ווארטן און דערלאָזן.

דער גערעכטער: דעם לעצטן וואָרף־ארויס עס גיט דיר דער,
וועלכער האָט שטענדיק קעגן דיר געקעמפט.
דער פלאם, וואָס דו געצונדן האָסט,
וועט דיך און דײַנע אופטוען פארניכטן.
ארויס — און ווער פארברענט!

דער גערעכטער, עמעצער, די מוטער: ארויס!.. ארויס!..
ארויס פון צווישן אונדז, אין אונטערגאנג ארײַן!..

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

עמעצער: ענדלעך!

דער גערעכטער: עס איז געשען!

די מוטער: אין נאָמען פון מײַן קינד!..

---

יויסעף ראבין

# אין א שטאָט אַף אורעל

1

שוין העכער א יאָר, ווי זיי געפעלן זיך איינער דעם אנדערן. אינאָוונט באַגלייט ער זי אהיים. דעם גאנצן וועג רירן זיי זיך אפילע מיט די עלנבויגנס ניט אָן. זיי בלײַבן שטיין באם טויער פון איר שטוב און בא ביידן איז איין געדאנק, נאָר יעדערער טראכט אים אַף זײַן אויפן.

זי: אײַנלאדן אים צו זיך?

ער: עפשער וועט זי דאָך אײַנלאדן?

„פראָים, קומט ארײַן צו מיר...“ ווען זי זאָגט עס, וואָלט שוין דערנאָך אומעגלעך געוועזן זיי צעשיידן. אָבער ווי נאָר דער נאָמען „פראָים“ וויל זיך לייגן אַף איר צונג, אזוי דערזעט זי, ווי צווישן זיי ביידן, וואָס שטייען באם טויער און דארפן מאכן נאָר איין טראָט אַף אריבערגיין די שוועל, שטעלט זיך א דריטער — איר מאַן. אפּאָנעם, דער מאַן אירער ווייסט שוין, ווען פראָים באגלייט זי אהיים און ווען זיי שטעלן זיך אָפּ באם טויער. ער ווייסט עם מיסטאמע, ווײַל דאפקע דעמלט וואקסט ער אוים פאר אירע אויגן. אמאָל קומט ער, ווי א שילער, פונקט אזא, ווי אין יענעם טאָג, ווען זייער באַקאנטשאפט האָט זיך אָנגעהויבן, אמאָל ווי א סטודענט, ווען ביידע האָבן געלערנט אין מעדיצינישן אינסטיטוט. און ווי נאָר זי דערזעט אים א יונגן און שיינעם, וויל זי, ווי אמאָל, אים זאָגן:

— דאָווידל... — און אָנעמען אים פאר דער האנט.

פאר פראָימען בלײַבט שוין דעמלט גאָרניט איבער.

הײַנט איז פרילינג. פראָים באגלייט זי אהיים, זיי שווײַגן, כאָטש זיי האָבן איינער דעם אנדערן א סאך צו זאָגן, נאָר דער פרילינג, וואָס האָט ליב געפילן, האָט פײַנט איבעריקע רייד. ווי אלעמאָל, בלײַבן זיי שטיין באם טויער פון איר הויז.

פראָים האלט ניט אוים און זאָגט:

— א גוטער אָוונט הײַנט, אניע. אין אזא אָוונט איז שווער צו זײַן אליין...

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אַף „יאָ“. א שמייכל באווײַזט זיך אַף אירע ליפּן. די אויגן זײַנען בא איר האלב צוגעמאכט.

„הײַנט אָדער קיינמאָל ניט, — טראכט פראָים. — פארוואָס דארף זי אים רופן? פאר וואָס קאָן ער זי ניט נעמען אונטער דער האנט און אליין ארײַנגיין צו איר? ביז וויפל איז דער שיר גיין ארום און ארום און ניט טרעפן די טיר?“

און זי פארשטייט זײַנע געדאנקען. זי נעמט זײַן האנט. די ווערטער, וועלכע מע זאָגט אין א פרילינגדיקן אָוונט צו א פרוי, זײַנען בא אים גרייט. אָט, אָט... נאָר, דריקנדיק צארט און שטײַף זײַן האנט, רופט אניע אָן אן אנדער נאָמען, ניט זײַנעם:

— דאָווידל...

פראָים געזעגנט זיך און גייט צוריק אהיים. זיצן אין אזא אָוונט אין צימער איז שווער, גייט ער אין שטאָט-פּארק, זעצט זיך אַף א ליידיקער באנק אין א טונקעלער אליי און זאָגט זיך: א סאָף! בעסער גוט ניט אָנהייבן, איידער שלעכט ענדיקן. ער טאָר זיך מיט אניען מער ניט באַגעגענען. אין וועג שטייט איר געוועזענער מאַן, וואָס איז אזוי יונג אומגעקומען פון אן אומגליקס-צופאל. זי קאָן אים ניט פארבײַגיין. פראָים פארשטייט עס גוט, וואָרעם אויך אים שטייט אין וועג זײַן פרוי, וואָס איז אומגעקומען אין געטאָ, און כאָטש ניט איין יאָר איז שוין אוועק, איז זי אויך אָפּט, פּונקט ווי אניעס מאַן, א דריטע.

פראָים זיצט ביז שפּעט אין דער טונקעלער אליי, טראכט וועגן זיך און וועגן אניען. דערנאָך שטעלט ער זיך ראשיק אוף און זאָגט:

— נו, פארפאלן... ניט באשערט, איז ניט באשערט!

ווינציק-ווער געדענקט און ווייסט, אז אניען רופט מען אנא אבראמאָוונא. ווי מיידלווײַז, רופן זי אלע אניע. זי אליין איז צו דעם אזוי צוגעוווינט, אז אַף אנא אבראמאָוונא רופט זי זיך אָפּט ניט גלײַך אָפּ. אין דער פּאָליקליניק האָט זי א שעם פון א גוטן דאָקטער, א פילבארן מענטשן, וואָס קען אויסהערן אן אָנגעווייטעקט הארץ און געבן א טרייסט. דעם קראנקן ווערט לײַכטער מער פון אירע גוטע רייד, ווי פון די רעפועס. מעדיצין איז בא איר אן אײַנגעבאָרענע זאך.

אניע פארגעסט אָבער ניט, אז כויץ א דאָקטער, איז זי אויך א פרוי, א צוויי-און-דרײַסיקיאָריקע, א שטאלטנע, מיט שיינע פּים און מיט טונקל-בלאָנדע זײַדענע האָר. זי ווייסט, אז זי געפעלט.

ווען זי גייט פון דער ארבעט, קומט איר אָפּט אין געדאנק א ווילדער אײַנפאל: דאָוויד ווארט אַף איר. זי נעמט אײַלן, זי לויפט איבער די טרעפּ. זי איז זיכער, אז דער מאַן זיצט מיט א צײַטונג אין דער האנט און ווארט אַף איר. זי זעט עס גענוי: ביז זי וועט גרייטן צום טיש, וועט ער דערציילן, וואָס אין דער צײַטונג איז געשריבן, אָדער ער וועט עפּעס פאָרלייענען. דעמלט וועט זיך ארויסווײַזן, אז אניע ווייסט אמאָל ניט אזוינס, וואָס א שילער פון זיבעטן קלאס ווייסט. דער מאַן וועט גוטמוטיק אָפּשפּאָטן פון איר, און זי וועט ענטפערן גאנץ רויִק:

— טײַערער, איך באהערש נאָר צוויי פאכן: איך בין א דאָקטער און א באלעבאָסטע...

דאָס אלץ שטעלט זי זיך פאָר לויפנדיק אַף די טרעפּ. אין שטוב איז זי ווידער אליין. און די יאָרן רוקן זיך, גייען... זי פילט זיך אָפּט, ווי א געוויקס, וואָס איז איבערגעזעצט פון איין באָדן אין א צווייטן. דאָס געוויקס בענקט נאָכן פרויערדיקן קלימאט, אָבער אינעם נײַעם באָדן וויל עס זיך אײַנוואקסן, צופּאסן זיך מיט אלע זײַנע צווײַגעלעך, עס וויל לעבן.

אניע וויל אויך לעבן. יעדער גליד אירער פּאָדערט עס, מאָנט. פראָים געפעלט איר. און אז זי קומט אינעם פרילינגדיקן אָוונט צו זיך אין צימער, דרייט זי זיך ארום איבעם מאנטל און געפינט זיך קיין אָרט ניט. פראָים איז אוועק א באליידיקטער און איז, פארשטייט זיך, גערעכט. זי איז גרייט גיין אָניאָגן אים, אפילע איבערבעטן... נאָר זי טוט אוים דעם מאנטל און זאָגט מיט א טײַנע:

— דאָווידל, מירן אזוי קיינעם ניט לאָזן נאָך זיך... איך וואָלט נאָך געדארפט זײַן א מאמע...

זי שטייט באם אָפענעם פענצטער און קוקט ארוים צו דער גאס. זי וויל אײַנעטעמען די לײַכטקײַט פון דער נאכט, דערזען די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס לײַכטן פון אלע זײַטן. פריִער, באם טויער, האָט זיך אָפּטמאָל צווישן איר מיט פראָימען געשטעלט דער מאַן. איצט, באם פענצטער, ווו דער ווינט ברענגט דעם רייעך פון עפּל-צווײַג מיט בעז, האָט זיך צווישן איר מיט איר מאַן דאָס ערשטע מאָל געשטעלט פראָים. ער איז גערעכט, פראָים: זײַן אליין איז שווער. זי וויל גאָר ניט לייקענען — ער געפעלט איר שוין לאנג... און איצט, נאָך מער ווי אלעמאָל, פילט זי, אז דעם דאָזיקן מענטשן וואָלט זי זיך געקאָנט איבגאנצן אָנטרויען, ער וואָלט געוועזן איר שוץ, און זי וואָלט זיך אַף אים פארלאָזט. וואָרעם אַף אלץ, וואָס זי באגערט און וואָס איר געפעלט, דארף זי פון עמעצן הערן א „יאָ“ אָדער א „ניין“. זי דארף עמעצן גלייבן און פאָלגן. עס טרעפט אפילע, אז אין די געדאנקען פרעגט זי בא פראָימען אייצעס. איר איז דאָפּקע צום הארצן, וואָס אין לעבן איז ער קליגער און געניטער פון איר. „א מאנצבל דארף זײַן קליגער“...

אניע שטייט נאָך אלץ באם פענצטער און טראכט וועגן דעם, אז מיט פראָימען האָט זיך באקומען פּאָשעט ניט שיין. איצט איז זי גרייט ארויסגיין אין גאס. עס פעלט איר אײַן, אז עפּשער וועט זי באגעגענען פראָימען. זי טוט זיך אָן און גייט ארוים פון שטוב. אין וועג באגעגנט זי א באקאנטע פרוי, א דאָקטערשע פון איר פּאָליקליניק, און הייסן הייסט די דאָקטערשע — אנא אבראמאָוונא, פּונקט, ווי זי. יענע איז א שווארצע, א פול-לײַביקע, אין א לאנג קלייד, קעדיי פארדעקן די שווערע פים, און מיט א טיפער דעקאָלטע, וואָס באווײַזט דאָס ריכוועלע פונעם הויכן בוזעם. זי וואַרפט זיך צו אניען, ווי זי וואָלט זי שוין א סאך יאָרן ניט געזען.

— אניע, טײַערע... איר שפּאצירט?

— יאָ, איך שפּאציר.

— איז ער דאָך א גאנאל, ווי פירט ער אײַך ניט אָפּ אהיים?

— ווער? — פרעגט אניע.

— דער מאנצבל, מיט וועלכן איר האָט שפּאצירט.

— איך שפּאציר אליין.

— נו, נו... — זאָגט אנא אבראמאָוונא און טוט א קוק אַף אניען מיט א שמייכעלע, ווי זאָגנדיק: מיך וועסטו ניט נארן... — אך, אניע, אניע, זאָגט מיר, ווער זײַט איר: א נאַזווע צי א כימרע?

— ניט דאָס און ניט יענץ. פּאָשעט א נארישע, —ענטפערט אניע.

— כא-כא-כא, א נארישע... איר זײַט א פארשטעלטע.. איך בין אײַך מעקאנע. איך, אז איך זינדיק, זעען עס אַף מיר אלע, זינדיק איך ניט, טראכט מען עס אַף מיר אוים... אַף אײַך טראכט מען עפּשער אויך, נאָר זאָגן וועט עס קיינער ניט... אניע, טײַערע, הערט מיך אוים... מיר זײַנען ביידע פרויען און ביידע מעדיקער... יאָרן גייען, פרויִשקײַט וועפּט זיך גיך אוים, ווי זעלצער-וואסער. ווער עס פארזוכט אזא אויסגעוועפּט וואסער, האָט כאראָטע. איך וועל אײַך באקאנען מיט איינעם א מענטשן...

— מע דארף ניט! — שרײַט אוים אניע. — איך בין שוין באקאנט.

— אויב ניט קיין סאָד... — זאָגט אנא אבראמאָוונא מיט א שמייכעלע, — איז מיט וועמען?

אניע וויל ניט ענטפערן. וואָס קריכט מען איר אין דער נעשאָמע? אָבער עס כאפּט זיך בא איר ארוים:

— מיט פראָים גורעוויטשן.

— מיט פראָים גורעוויטשן? מײַן שאָכן? דעם צעך-נאטשאלניק אפן וואגאָן-זאוואָד? שמילינקע גראָבן אלעמאָל טיף...

אניע געזעגנט זיך און גייט גיך אוועק. זי אײַלט, זי לויפט... עם פארדריסט זי: פארוואָס האָט זי אזא שוואכן כאראקטער און קען ניט ענטפערן אַף יענעמס שטעכווערטלעך? פראָים איז ניט אזא, טראכט זי. ער וואָלט קורץ און שארף געזאָגט צוויי-דרײַ ווערטער, און די דאָזיקע אנא אבראמאָוונא וואָלט פארביסן איר צינגל און נאָך דערבײַ געמאכט א פרום פּאָנעם.

גייענדיק פונעם פּארק אהיים, טראכט פראָים וועגן דעם, אז פאר אים וואָלט געווען א סאך

בעסער זיך אומקערן צוריק אין זײַן געבורטסשטאָט, פונוואַנען ער איז אַהער געקומען זוכן זײַן מישפּאָכע. באַגעגענען זיך מיט אַניען איז אים זייער שווער. אַניע קאָן זיך באַנוגענען מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, אים איז עס ווינציק.

„יאָ דאָס בעסטע איז, דוכט זיך, אַוועקפאָרן...", רעדט ער מיט זיך אַליין. און וויבאַלד ער טראַכט אָף אַ קאָל, באַטײַט עס, אַז ער איז ניט אינגאַנצן זיכער אין דעם, וואָס ער טראַכט. ער האָט זיך צו אַניען אַזוי צוגעוווינט, אַז ניט זען זי וועט אים אויך זײַן זייער שווער. ער וועט בענקען. און ביכלאַל... וואָס איז דאָס אַנטלויפן? אָבער אַוועקפאָרן פונדאַנען דאַרף ער. ניט צוליב אַניען, צוליב זיך אַליין.

פראָים גורעוויטש איז געבוירן אין מינסק, געאַרבעט אין אַ זאַוואָד אַלס שלאָסער, דערנאָך געענדיקט אַ טעכניקום און איז ביז דער מילכאָמע געווען אַ מײַסטער אין זעלבן זאַוואָד. נאָך דער מילכאָמע, אַז ער איז געקומען פון פראָנט צוריק קיין מינסק, האָט ער זײַן מישפּאָכע ניט געפונען. ער האָט זי אַ לאַנגע צײַט געזוכט. דער עמעס איז, אַז סײַ דער „ניט געפונען", און סײַ דאָס „זוכן" איז געווען ניט מער ווי אַן אײַנרייִדעניש: ער האָט די מישפּאָכע געפונען, נאָר ניט קיין לעבעדיקע. ער האָט זי געזוכט, ווײַל אים האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן... און ווען ער האָט דערהערט אַ קלאַנג, אַז זײַן מישפּאָכע, קאָן זײַן, האָט זיך עוואַקויִרט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָנעם „קאָן זײַן" און איז געקומען אַהער, אין דער גרויסער אינדוסטריע-שטאָט אָף אוראַל, זי זוכן. ער האָט קיינעם ניט געפונען, נאָר פאָרן צוריק איז אים געווען שווער. צו וועמען?..

איינמאָל, גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, האָט ער באַגעגנט אַניען. ביידע האָבן פאַרלאַנגזאַמט זייערע טריט און זיך אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך ערגעץ שוין באַגעגנט, נאָר זײַנען נאָך ביז איצט ניט באַקאַנט. עס האָט געפעלט איין רעגע, אַז זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן און זיך באַגריסן. זיי זײַנען אָבער געגאַנגען זייער וועג. דערבײַ האָט יעדערער געוואָלט אויסדרייען דעם קאָפּ און באַגלייטן דעם צווייטן מיט אַ בליק. פראָים האָט געטראַכט: ווער איז אָט די פרוי? אַניען ווידער האָט געוווּנדערט, וואָס זי האָט ביז איצט ניט באַגעגנט דעם וווּקסיקן מאַנצבל, וואָס רופט אַרויס צו זיך צוטרוי. ווער איז ער?

אין עטלעכע טעג אַרום, גייענדיק ווידער פון דער אַרבעט, האָבן זיי זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט. דאָס מאָל האָבן ביידע ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעדרייט די קעפּ אָף הינטן... און ביידע האָבן זיך צעלאַכט. פראָים איז צו איר צוגעגאַנגען, אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

— ווו איך האָב אײַך געזען, ווייס איך ניט, נאָר איר זײַט מיר שטאַרק באַקאַנט.

— איך בין זיכער, — האָט געענטפערט אַניע, — אַז איך האָב אײַך קיינמאָל אינערגעץ ניט געזען, נאָר באַקאַנט זײַט איר מיר אויך.

פון דעמלט אָן האָט שוין זײַן פאַרבלײַבן אין דער שטאָט באַקומען אַ גרויסן זין. אָבער הײַנט האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער האָט ניט, אָף וואָס צו האָפן. און ס'האָט אים גענומען ציִען צוריק קיין מינסק. עפשער וועט ער דאָך געפינען אַ קאָרעוו, אַ באַקאַנטן... ער האָט איצט אַ סאַך שאַרפער דערפילט זײַן עלנטקײַט. און וואָס נעענטער ער קומט צום הויז, וווּ ער וווינט, אַלץ קלאָרער ווערט אים: ער פאָרט! ער מוז פאָרן!

2

פראָים עפנט די טיר און דערזעט, אַז זײַנע ביידע שכייניעס שטייען אין קאָרידאָר און האַלטן אינמיטן אַ געשפּרעך. ווי נאָר ער איז אַרײַן, זײַנען זיי מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען וועגן אים. ס'איז צו אים אַפילע דערגאַנגען דאָס וואָרט „כאַסענע".

זיי זײַנען דרײַ שכיינים אין איין דירע. אַלע דרײַ אָן מישפּאָכעס, איינזאַמע: פראָים, אַנאַ אַבראַמאָוונאַ און די אופראַמערן פון פראָימס צעך — די טיאָטיע נאַסטיע. ביידע שכיינעס אינטערעסירן זיך מיט זייער שאָכן, נאָר יעדערע אָף אַן אַנדער אויפן. אַנאַ אַבראַמאָוונאַ האָט אַפילע פאַר פראָימען אַ ביסל מוירע. ער איז אַ מענטש, וואָס לייענט אירע געדאַנקען, ער איז אָף איר אַ מייוון. פראָים געפעלט איר, זי לייקנט עס ניט. פאַר איר איז אָבער קלאָר, אַז זי אים געפעלט אַ סאַך ווינציקער, איידער ער איר. זי ווייסט אַפילע פאַרוואָס. דעריקער דערפאַר, ווײַל ער שטויסט זיך אָן, אַז דער וועג צו איר איז ניט קיין שווערער. אָבער זי מאָנט דאָך ניט בײַ אים, ער זאָל ווערן איר כאָסן... דורכשפּאַצירן זיך צוזאַמען אָף דער גאַס, באַגעגענען צוזאַמען נײַ-יאָר — דאָס ווילט זיך איר זייער שטאַרק. וואָס זשע דען... זי אַליין זאָל אים רופן, אַליין בעטן? ניט איר פּאַסט עס, ניט ער וועט אײַנגיין. „אַ האַרט ניסל, אָט דער פראָים", טראַכט זי וועגן אים. אַמאָל טראַכט זי גאָר אַנדערש: מע זאָל איר דערציילן וועגן אַזאַ מאַנצבל, וואָלט זי ניט געגלייבט און וואָלט זיך אויסגעלאַכט. וואָרעם אינדערעמעסן... אָן איינזאַמער, געהאַט שוין אַ מישפּאָכע, באַזאָרגט, געזונט, סימפּאַטיש... מע וווינט איינער קעגן אַנדערן... און אַ מענטש זאָל קיין איין מאָל ניט פאַרבלאָנדזשען, ניט פאַרפּלאָנטערן די טירן. און ער ווייסט דאָך, טראַכט זי ווידער, אַז אַרויסטרײַבן וואָלט זי אים ניט, ער ווייסט עס...

מיילע... ניט — איז ניט. נאָר איר איז אַ שאָד אים אַרויסצולאָזן פון אירע הענט. זי זאָרגט וועגן אים. וואָס עסט ער, וואָס טרינקט ער? זי זוכט אַפילע פאַר אים אַ קאַלע. זאָרגט זי וועגן אים — איז ער מיט עפּעס אירער. וועגן דעם אַלץ קאָן זי שמועסן מיט דער טיאָטיע נאַסטיע.

הײַנט איז אַנאַ אַבראַמאָוונאַ געקומען אַהיים גאָר אַן אַנדערע. די טיאָטיע נאַסטיע האָט עס



באַלד דערקענט — ניט די זעלבע פריילעכע און זאָרגלאָזע, ווי אַלעמאָל. דער עמעס איז, אַז, קומענדיק פון דער גאַס צו זיך אין צימער, האָט אַנאַ אַבראַמאָוונאַ זיך אַליין ניט דערקענט. און אינגאַנצן צוליב די איינע עטלעכע ווערטער, וואָס זי האָט געהערט פון אַניען. ניט דערפאַר, ווײַל אַניע איז באַקאַנט מיט פראָימען. זי ווייסט גוט, אַז פראָים איז ניט איר, אַנאַ אַבראַמאָוונעס, שיקזאַל. נאָר באַלד וועט זי שוין בלײַבן די איינציקע אין איינזאַמע. יונג איז זי שוין אויך ניט. אין דער ערשטער רעגע האָט זיך איר נאָך געוואָלט אָפּקומען מיט אָפּלאַכן און אַוועקמאַכן אַלץ מיט דער האַנט: „מאָרגנע מאַנצבלען זײַנען אַרײַן אין דער מאָדע — גיב זיי פרומע, סטאַטעטשנע ווײַבער, רעבעצנס. יעדערער וויל דאַפקע אַ מישפּאָכע, אַ באַשטענדיקע, מיט קינדער, מיט קרויווים... און אָט די אַניע איז, אַפּאָנעם, אויך אַזאַ, ווי די מאַנצבלען". עס האָט זיך אָבער ניט געלאַכט. אָנשטאָט אַ שפּאַס קלינגט עס גאָר אָפּ, ווי אַ טײַנע צו זיך אַליין.

נאָך דער באַגעגעניש מיט אַניען איז זי ניט אַוועק אַהיים, נאָר לאַנג אַרומגעדרייט זיך איבער די גאַסן, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. איז געגאַנגען, וווּהין די פיס פירן, און די געדאַנקען — גאָרניט קיין פריילעכע. שטענדיק איז אַנאַ אַבראַמאָוונאַ געווען צופרידן מיט זיך, אַלעמאָל האָט איר געדוכט, אַז זי קליגט איבער די וועלט און מע דאַרף זיך פון קיין זאַך ניט נעמען צום האַרצן. איידער זי וועט, ווי אַ הון, זיך זעצן אָף איר סידעלע, וויל זי נאָך ווי אַ פויגל אַרומפליִען... און אָף יעדן בוים זאָל עמעצער מיט ליבע פאַרייביקן איר נאָמען. דערנאָך וועט זי ווערן פרום און גוט. אָבער הײַנט... אָט האָט די באַשיידענע אַניע, וואָס קיינער רעדט אָף איר קיין שלעכטס ניט און אָף וועלכער אַלע מאַנצבלען קוקן מיט אָפּשײַ, — אָט די אַניע האָט אָף דער פראַגע, מיט וועמען זי איז באַקאַנט, געענטפערט „פראָים גורעוויטש" מיטן זעלבן געפיל, ווי מע רעדט וועגן אַ כאָסן, וועגן אַ מאַן...

...און אַנאַ אַבראַמאָוונאַ האָט זיך אַזוי אומגעריכט פאַרבענקט נאָך אַ נאָענטן מענטשן. געבעטן נאָך וואָלט עס געקלונגען פאַר איר זייער ווילד — אַ פאַמיליען-לעבן. קינדער זאָלן זי רופן מאַמע... און צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן געדאַנק גיט זי אַ ציטער, שטעלט זיך אָפּ און הערט זיך אײַן. איר דוכט, אַ קינד רופט זי: „מאַמעניו". דער מאַן רופט זי: „אַניעטשקע"...

אַנאַ אַבראַמאָוונאַ איז קיינמאָל ניט געווען קעגן דעם, זי זאָל זײַן אַ מאַמע. נאָר מיט איין טנײַ: אַ מאַמע פון אַ פאַרטיק קינד, זאָל עס זײַן אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר-פינף. מע זאָל ניט דאַרפן טראָגן, האָבן, וויגן, ניאַנטשען. אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, אַ שיינס, אַ קלוגס, אָן אויסגעשפּילטס. זי וואָלט עס ליב געהאַט; וואָרעם ווי קאָן מען ניט ליב האָבן אַן אייגן קינד? איצט אָבער, דערהערנדיק די שטים פונעם מיידעלע, וואָס זינגט אין איר אויער

אַזוי וואַרעם און האַרציק, איז זי שוין גרייט, דוכט זיך, אײַנגיין סײַ אָף וויגן און סײַ אָף ניאַנטשען — זי האָט זיך פאַרבענקט...

דאָס מיידעלע זעט זי, אָבער ווער איז דער מאַן, וואָס רופט זי „אַניעטשקע", — ווייסט זי ניט. זי זעט אים ניט. זי קאָן זיך ניט פאָרשטעלן. ווען זי זאָל וועלן, וואָלט זי אַרויסרופן פאַר די אויגן פראָימען. ווײַל זי זיך ניט נאַרן. גענוג זיך גענאַרט. זי וויל כאָטש אָן ענלעכן אָף אים. נאָר אַלע ענלעכע זײַנען אַזעלכע, אַז דאָס איז ער אַליין, פראָים גורעוויטש.

זי וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געשטאַנען און געשמועסט מיט זיך, נאָר זי דערהערט ווידער, ווי דאָס מיידעלע רופט זי „מאַמע". אַנאַ אַבראַמאָוונאַ נעמט אײַלן. און קעדיי זיך באַרוִיקן, נעמט זי לויט איר געוווינהײַט קנײַפּן מיט צוויי פינגער דעם האַלדז — אַ סימען, אַז זי איז אויפגערעגט, זי וויל פאַר עמעצן זיך אויסריידן. פאַר וועמען? באַקאַנטע האָט זי אַ סאַך, נאָר פרײַנט, כאַווערטעס האָט זי קימאַט ניט. פאַר מיידלעך איז זי אַלט, פאַר כאַסענע געהאַטע איז זי אַ מיידל. זי אײַלט אַהיים צו דער טיאָטיע נאַסטיע — זיך אויסריידן.

אין יענעם אָוונט, אַז די טיאָטיע נאַסטיע האָט דערזען, ווי אַנאַ אַבראַמאָוונאַ איז אַרײַן אין שטוב גאָרניט ווי קיין פויגל, נאָר ווי אַ הון, וואָס איז ניט געוווינט צו פליִען און געפינט זיך אויך אָף דער ערד קיין אָרט ניט, האָט זי געזאָגט:

— עס שײַנט מיר, אַבראַמאָוונאַ, אַז דו נעמסט טראַכטן וועגן זיך אַליין אויך. ביסט עפּעס ניט פריילעך...

— שוין עפשער צײַט, טיאָטיע נאַסטיע.

— לאַנג צײַט. איך האָב דיר ניט איין מאָל געזאָגט. לאַכן זאַלבעצווייט, אַבראַמאָוונאַ, איז פריילעכער, ווי באַזונדער...

די טיאָטיע נאַסטיע איז אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ גרויע. אָף סמאָלענשטשינע האָט זי געהאַט אַ מאַן, אַ טאָכטער, אַן אייניקל. דער מאַן איז אומגעקומען אַלס פאַרטיזאַנער. דער איידעם — אָפן פראָנט, די טאָכטער איז פון צאָרעס געשטאָרבן בא די דײַטשן און דאָס אייניקל, אַ צווייייאָריק יִנגעלע, איז אָדער אומגעקומען אָדער פאַרפאַלן געוואָרן.

— טויטע — זאָגט נאַסטיע — פאַרגעסט מען. אַזוי פירט זיך זינט די וועלט שטייט. אָבער דאָס אייניקל מײַנס, וואַניושען... ער לעבט דאָך געוויס. אַ יאָסעם זוכט זײַן מאַמען.

זי קאָן דאָס אייניקל ניט פאַרגעסן, עס כאַלעמט זיך איר אָפּט. די טיאָטיע נאַסטיע גלייבט אין כאַלוימעס. אין גאָט גלייבט זי שוין ניט אַזוי, ווי אין פאַרשיידענע סימאָנים. אַפילע גאָט אַליין איז בא איר אויך אַ מין גוטער-ברודער, מע קאָן אים אַ קלאַפּ טאָן אין דער פּלייצע און זאָגן:

— ברודער-גאָט, האָסט ווידער אָף אַ נאָוועגע אָנגעפּלאָנטערט, אָט, לעמאַשל, רעגנט פונקט דאַן, ווען מע דאַרף ניט...

ווען נאַסטיען כאַלעמט זיך דאָס אייניקל, איז

זי אף מאָרגן א גאנצן טאָג אוים מענטש, זי לויפט ארום אים זוכן. ער רופט זי, ער וואַרט אף איר, ער לעבט. פראָים און אנא אבראמאָווונא טרייסטן זי.

די טיאָטיע נאסטיע מוז וועגן עמעצן זאָרגן. זי איז צו דעם צוגעווינט, איר איז דעמלט פּאָשעט גרינגער צו לעבן. זאָרגט זי פאר אירע ביידע שכיינים. פראָים איז איר פונדעסטוועגן מערער צום הארצן. ער איז סאָליד, א וואָרטסמאן, פירט זיך אוף, ווי עס פּאסט פאר זײַנע יאָרן. די דאָקטערשע לאכט נאָך אלץ און דרייט זיך אפן קנאפל, ווי אן אכצניאָריקע.

פראָימען אירצט זי, פרעגט בא אים אן אייצע. דער דאָקטערשע זאָגט זי אָפּט אין גוטן מוט:

— אבראמאָווונא, ביסט געגליכן צו א שאכטל קאָנפעקטן: וואָס מער עס שטייט אפן טיש, אלץ ליידיקער ווערט עס.

און ווען די דאָקטערשע איז הײַנט געקומען א פארזאָרגטע, איז נאסטיען אופגעקומען א געדאנק:

„צי זײַנען אירע ביידע שכיינים ניט קיין פּאָר?“

און מיט גרויסקײַט פאר איר צעך-נאטשאלניק, פאר פראָים באָריסאָוויטשן, ענטפערט זי זיך: „ניין“.

זי זאָגט צו דער דאָקטערשע, ווי א מאמע צו א טאָכטער:

— אבראמאָווונא, הער מײַן אייצע... האָב כאסענע!

און די דאָקטערשע כאזערט איבער:

— כאסענע האָבן...

אף דעם וואָרט קומט אָן פראָים. ער איז זיכער, אז דאָס רעדט מען וועגן אים, און ער פרעגט:

— וועמען קלײַבט איר זיך עס כאסענע מאכן?

— איך זוך א כאָסן... — ענטפערט אנא אבראמאָווונא. — און איר האָט שוין געפונען א קאלע... וועלן זײַן כאסענעט. — אין דער רעגע איז אנא אבראמאָווונא שוין ווידער די זעלבע, וואָס נעכטן און אייערנעכטן, זי מאכט צורעכט די דעקאָלטע, די ציינדלעך זײַנען ארויסגעשטעלט אף לאכן, זאָל איר פראָים זאָגן איין קאָמפּלימענט, איז זי גרייט, ווי א טויב, לייגן דעם קאָפּ בא אים אפן אקסל...

נאסטיען פארדריסט עס, דערפאר זאָגט זי שטרענג און זאכלעך:

— פראָים באָריסאָוויטש, מע האָט געקלונגען פונעם דירעקטאָר. מאָרגן, ווי נאָר איר קומט... גלײַך צו אים אין קאבינעט.

## 3

אף מאָרגן אינדערפרי, ווען פראָים גורעוויטש איז אוועק צו דער ארבעט, איז ער געווען צופרידן, וואָס ער דאַרף ארײַנגיין צום דירעקטאָר. גוט, וואָס אזוי האָט זיך געמאכט, — ער וועט אים נאָך הײַנט מעלדן, אז ער פּאָרט אוועק. פון דעם דאָזיקן געדאנק ווערט ער אופגעלייגט, עס פארכאפּט אים אזוי, אז וועגן עפּעס אנדערש קאָן ער גאָרניט טראכטן. ער וויל זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, וועגן וואָס דער דירעקטאָר האָט אים גערופן. און טאקע: ווי נאָר ער איז ארײַן אין קאבינעט, האָט ער צוזאָמען מיטן „גוטמאָרגן“, נאָך שטייענדיק באם טיש, געמאָלדן, אז ער בעט צוזוכן א קאנדידאט אף זײַן אָרט, ער פּאָרט אהיים.

דער דירעקטאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פארוואונדערונג און פון אומדערוואַרטקײַט מאמעש דאָס מויל געעפנט. זײַנע גרויע אויגן זײַנען געוואָרן טונקעלער און פול מיט איבעראשונג. דער דירעקטאָר, ווייסט מען, האָט א טעווע — אלע זײַנע געשעפטלעכע געשפּרעכן אָנהייבן שטיל, רויק, גאָר ווי א זײַטיקער, ניט אים מיינט מען עס, און ביסלעכווײַז נעמט ער זיך, ווי אן עקבער, ארײַנדרייען, ארײַנציִען, דערגייט צום סאמע געדיכטן, צעהיצט זיך און האלט אלץ און אלעמען אין די הענט. דערפאר זײַנען אלע פאָרזיכטיק, ווען מע קומט צו אים וועגן אן איניען. אף זײַנע ערשטע ווערטער דאַרף מען קיין גרויס אכט ניט לייגן: מע וואַרט אויס, מע לאָזט ריידן אים. און דאָ... נא דיר! קומט צוגיין א מענטש, פרעגט ניט, הערט ניט און זאָגט אָן א פּסורע:

— איך פּאָר אהיים!..

— זעצט זיך, כאווער גורעוויטש, איר שטייט, ווי אף איין פוס, איר אײַלט זיך?

— גיין.

— איר זײַט ניט געזונט?

— פארוואָס? געזונט.

— און קיין זאך טוט אײַך ניט וויי?

— ניין.

— איך צווייפל אין דעם. איר זײַט געוויס ניט מיט אלעמען. — דער דירעקטאָר זאָגט עס ארויס מיט אזא קאטעגאָרישקײַט, אז אפילע פראָים וויל שוין אין דעם צווייפלען. — וואָס איז מיט אײַך געשען, פראָים באָריסאָוויטש?

— גאָרניט.

— איך דערקען אײַך ניט.

— בין איך ניט שולדיק.

— אונדזער גאנצער קאָלעקטיוו וואַרט מיט אומגעדולד אף יענעם טאָג, ווען מיר וועלן נעמען בײַטן אונדזער אלטע טעכניק אף נײַער. מיר באקומען נײַע מאָטאָרן, נײַע ווערקשטעלן, נײַע אויסשטאטונג... און איר, פראָים באָריסאָוויטש, אנטלויפט אין אזא ערנסטן מאָמענט. ווי דאַרף מען עס אָנרופן? איר זײַט געווען א מיליטער-מאן... זאָגט, ווי רופט מען עס אָן?

— וואַרט, וואַרט... — האָט א זאָג געטאָן פראָים און זיך געזעצט אפן שטול שוין אָן אן אײַנלאדונג. ער האָט אופגעהויבן די רעכטע האנט מיט דער דלאָניע ארויף, וואָס האָט ווי געטײַנעט: וועגן וועמען רעדט מען עס? ווער אנטלויפט עס?

— איך אנטלויף? — האָט ער געפרעגט מיט א טײַנע. — וואָס עפּעס פלוצלינג?

— א שיינער פלוצלינג... — האָט דער די-



רעקטאָר געענטפערט רויִקער. — פארשטייט, וואָס איך זאָג אײַך. איך רוף אײַך ספּעציִעל ארויס וועגן אזא ערנסטן איניען... און איר... אָנשטאָט פאָרשלאָגן, אייצעס... „איך פּאָר אוועק!“

— ווער פּאָרט? — האָט פראָים אויסגעשריִען.

דער דירעקטאָר האָט זיך איצט אפילע ניט צוגעהערט צו פראָימס רייד. ער האָט פאָרגעזעצט זײַנס:

— ווי א מענטש איז בלינד... דאָס מיין איך זיך אליין. איך בין געווען זיכער, אז ווי נאָר איר דערהערט וועגן נײַע מאשינעס, קומט איר צו לויפן און ווילט אלץ צונעמען פאר זיך...

— פארוואָס אלץ? — האָט זיך פראָים א באליידיקטער אופגעשטעלט. — און פארוואָס פאר זיך? איך נעם עס צו זיך אהיים? מיך אינטערעסירט דער צעך. איך בין פאר אים פאראנטוואָרטלעך.

וויקטאָר וואסיליעוויטש האָט שוין געענדיקט זײַנס און קאָן שוין הערן, וואָס אנדערע זאָגן.

— און מיך אינטערעסירט דער גאנצער זאוואָד.

— דער זאוואָד באשטייט פון צעכן. — האָט פראָים גענומען ארויסווײַזן זײַן אמביציע. דערנאָך זיך בארויִקט און געפרעגט: — איז כאָטש פאראַן גענוג זאפּאס-טיילן צו די מאשינעס?

— דאָס וועל איך פרעגן בא אײַך, כאווער צעך-נאטשאלניק. בארעט זיך, זײַט אזוי גוט, מיטן הויפּט-אינזשעניער. איך וואַרט אף פאָרשלאָגן, ווי אויסשטאטן אײַער צעך. וואָס האָט איר נאָך געבעטן?

— איך? — האָט מיט פארוואונדערונג געפרעגט פראָים.

— אווארע איר.

— דערווײַל, וויקטאָר וואסיליעוויטש, בעט איך גאָרניט. איך וועל זיך פריִער באקענען מיט דער טעכניק... דעמלט...

— שטיי, שטיי, וואַרט... כאווער גורעוויטש, איך האָב זיך דערמאָנט. — איז דער דירעקטאָר אריבער אף „דו“ און זיך צעלאכט. — איך האָב גאָרניט געוווּסט, אז דו ביסט אזא דיפּלאָמאט. גוט צוגעטראכט, כיטרע... האָסט אָבער פארגעסן, אז דו האָסט צו טאָן מיט וויקטאָר וואסיליעוויטשן. נאָך ניט געבוירן דער, וואָס וועט מיך איבערשפּיצן. האָסט דערשמעקט: מאשינעס, מאָטאָרן... ביסטו געקומען מיט א סטראשונעק, פּאָרסט אוועק... האָסט פארגעסן, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן. — און ער האָט זיך אזוי פאנאנדערגעלאכט, אז זײַן געגאָלטער קאָפּ איז רויט געוואָרן.

געזעגענענדיק זיך, האָט ער געזאָגט פראָימען:

— פאר דײַן אײַנפאל אליין, פראָים באָריסאָוויטש, וועל איך דיך אוואַזשען. א קלוגן מענטשן קאָן מען אָנטרויען גוטע מאשינעס.

קימאט א גאנצן טאָג האָט געטריפט א רעגנדל. פארנאכט האָט זיך באוויזן די זון. אף די טעלעגראף-דראָטן זײַנען געהאנגען איינצלנע טראָפּנס, ווי קארעלן אף א פּאָדעם. די טיאָטיע נאסטיע איז ארוים אין גאָרטן און זיך גלײַך אומגעקערט אָנזאָגן פראָימען, אז די אוגערקעס האָבן ארויסגעלאָזט דאָס דריטע בלעטל און אז די באָטווינע איז אזא הויכע, אז קיין קארטאָפל וועט מיסטאמע גאָר ניט זײַן. אָבער דאָס איז אפּאָנעם געווען ניט דער איקער, וואָס נאסטיע האָט געוואָלט זאָגן.

— פראָים באָריסאָוויטש, אונדזער שכייניע — האָט זי אָנגעוויזן אף אבראמאָווונעס צימער — האָט זיך גענומען פארן סייכל. זי האָט אופגעהערט ארומשפּרינגען אף איין פוס. זי קלײַבט זיך כאסענע האָבן.

— איך ווינטש איר גליק, — האָט געענטפערט פראָים.

— שוין טאקע צײַט, זי זאָל האָבן א ביסל גליק.

די טיאָטיע נאסטיע האָט געוואַרט, אז פראָים באָריסאָוויטש וועט זײַן שטארק נײַגעריק. ער האָט אָבער גאָרניט געפרעגט, ווײַל ס'איז ניט זײַן טעווע צו וויסן, וואָס בא יענעם אין טעפּל טוט זיך. די טיאָטיע נאסטיע איז אוועק. פראָים האָט זיך צוגעשפּארט אף דער טאכטא מיט א בוך אין האנט. ער האָט איבערגעלייענט ניט מער ווי א האלב זײַטל און אוועקגעלייגט דאָס בוך. עס לייענט זיך ניט. עס טראכט זיך.

אופגעשטאנען אינדערפרי, איז ער, ווי שטענדיק, געלעגן א מינוט צען-פופצן מיט אָפּענע אויגן און האנאָע געהאט פון פוילן זיך א ביסל. אלץ, וואָס נעכטן פארן שלאָף איז פאר אים געווען אומקלאָר, איז איצט געוואָרן קלאָר און פארשטענדלעך. אפגיך אָנגעטאָן זיך, איז ער אוועק זיך וואשן, דערבײַ צוגעזונגען. אפן הארצן איז אים גוט. פאר זײַנע אויגן שטייט דער צעך, ווי ער וועט אויסזען מאָרגן און איבערמאָרגן, ער ווייסט, ווו צו שטעלן די מאשינעס און ווו איבערשטעלן, אים ווערט קלאָר, וויפל פריִער פלאץ וועט זיך באקומען פאר דער אווטאָמאטישער ליניע. ער פילט די ריטמישע ארבעט פון די מאשינעס...

ניט געענדיקט זיך וואשן, לויפט ער א נאסער צום טיש און כאפּט א בלײַער, פארשרײַבט עטלעכע ציפער אף דער צײַטונג, וואָס ליגט אפן טיש, קעדיי ניט פארגעסן, און גייט ווידער צום קראַן. באלד אָבער קערט ער זיך נאָכאמאָל אום צוריק און מאָלט אָן אף דער זעלבער צײַטונג א צייכענונג, וואָס קיינער וועט ניט פארשטיין, נאָר פאר אים איז עס גאנץ גענוג.

דוכט זיך, אז הײַנט וועט ער מער וועגן קיין זאך ניט טראכטן, אויסער וועגן זײַן צעך. לאָזט זיך אָבער אויס, אז ער געדענקט גוט נאָך עפּעס: ער דאַרף ניט גיין צו דער ארבעט און פון דער ארבעט מיטן פריִערדיקן וועג, נאָר מיט א נײַעם וועג...

...ער האָט גאָרניט צו אָניען, אָבער דאָך

קומט אַלעמאָל אפן געדאַנק די טײַנע: זי וועט הען איר מאַן לעבעדיק מאַכן?

פאַרוואָס זשע זאָגט ער עס איר ניט? זי וואָלט עס, קאָן זײַן, פאַרשטאַנען... און דאָ קומט די טײַנע צו זיך אַליין: נו, גוט... זיי געפֿעלן זיך. איר איז אָבער שווער אויסצומײַדן דאָווידן, ער שטייט איר אין וועג. מע דאַרף ניט זײַן קיין קינד, עס איז גאָר ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז ער שטייט איר אין וועג דערפאַר, ווײַל זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, זי קאָן אים ניט פאַרגעסן. נאָר ער, פראָים, האָט דאָך אויך ליב געהאַט, פונדעסטוועגן קלעקן אים קויכעס אָנצוהייבן אַלץ פונדאָסנײַ. מיט וואָס זשע האָט ער אָניען געהאָלפֿן בײַצוקומען אירע שוועריקײַטן, אָדער איר שוואַכקײַט? מיט וואָס? מיט גאָרניט!

ער נעמט אַרומגיין איבערן צימער. ער איז גרייט גיכער לויפֿן אין צעך אַרײַן, קעדיי אַרויסשלאָגן די דאָזיקע געדאַנקען פון קאָפּ. נאָר געדאַנקען האָבן אַ טעווע, אַז זיי פרעגן ניט — זיי קומען.

„האָסט זי באַגלייט אַהיים. ביסט געשטאַנען באַם טויער און געוואַרט, אַז זי זאָל דיך אײַנלאַדן צו זיך. האָסט פאַרגעסן, אַז איר פּאַסט עס ניט, ווען זי זאָל עס אַפילע וועלן. און לאָמיר ריידן צווישן זיך, פראָים, ווי אַ מאַנצבל מיט אַ מאַנצבל, — זאָגט ער צו זיך, גייענדיק איבערן צימער. — וואָלסט געדאַרפֿט זי אָנעמען בײַ דער האַנט און העלפֿן איר דורכגיין אָדער דורכלויפֿן די שוועריקײַט. און אַפילע אַ כאַפּ טאָן זי אַף די הענט און דורכטראָגן פאַרבײַ אַלץ, וואָס שטייט איר אין וועג. פריִער וואָלט זי דערווידערן, אָבער נאָכדעם געזאָגט אַ דאַנק“...

ער ווייסט עס, ער פאַרשטייט עס, אָבער פונקט אַזוי ווי ניט אַלעמאָל פאַרשטייט מען, וואָס מע טוט, אַזוי טוט זיך ניט שטענדיק אַלץ, ווי מע פאַרשטייט. ווען ער שטעלט זיך פאָר איר ערשטע דערווידערונג, איר אומצופרידנקײַט, נעמט עס אָפּ באַ אים די מוט. ער האָט זי צופֿיל ליב. ער קאָן עס ניט טאָן. און ווער וועט גלייבן, טראַכט ער ווײַטער, אַז פראָים גורעוויטש איז אַזוי אומבאַהאָלפֿן?.. אים אַליין גלייבט זיך עס ניט, וואָס זאָל ער אָבער טאָן? און כאָטש די טײַנע האָט ער צו זיך, זוכט ער פאָרט אַ שוטעף אין זײַן אומבאַהאָלפֿנקײַט. איר געוועזענער מאַן איז אויך שולדיק. פראָים האָט צו אים די גרעסטע טײַנע:

„דאָוויד, הערט אויס, איך האָב אײַך קיינמאָל ניט געזען, איר זײַט, ווייס איך, אַן אָרנטלעכער און גוטער מענטש, פאַרוואָס שטייט איר אָניען אין וועג? פאַרוואָס לאָזט איר לעבעדיקע ניט לעבן? ניט אַנדערש, איר האָט זי אַף אַן עמעס גאָר ניט ליב געהאַט...“

פראָים ווייסט נאָך אַליין ניט, אַז באַ אים נעמט אָנוואַקסן אַ נײַ געפֿיל — אייפערזוכט צו אָניעס געוועזענעם מאַן.

נאַסטיע איז אַרײַן אים אָנזאָגן, אַז דער כאָסן איז געקומען צו אַנאַ אַבראַמאָוונען.

— הייסט עס, אַז ס'איז עמעס, — האָט נאַסטיע צופרידן געזאָגט. — גאָט צו דאַנקען. וואָרעם אַ שיינער טאַכלעס וואָלט געווען, ווען פרויען און מאַנצבלען זיצן איינזאַמע, אָן מישפּאָכעס...

ער האָט אָניען אַזוי לאַנג אויסגעמיטן, אַז אים איז שוין געוואָרן ניט באַקוועם מיט איר זיך ביכלאַל צו באַגעגענען. וואָס וועט ער ענטפערן, פאַרוואָס ער מײַדט זי אויס? ער שעמט זיך שוין פּאַשעט פאַר איר. און ווידער זאָגט ער זיך:

איצט קען שוין קיין צווייפֿל ניט זײַן — ער פאָרט קיין מינסק.

## 4

אַ הייסער סאָף יול. אפן הימל באַווײַזן זיך ווײַסע לײַכטע וואָלקנדלעך, וואָס באַוועגן זיך לאַנגזאַם, ווי אויסגעפּוצטע מיידלעך אפן שפּאַציר. דערנאָך ווערן זיי טונקעלער, שווערער און פאַרכאַפּן דעם גאַנצן הימל. ערגעץ דונערט. אַ ווײַטער טויבער קנאַל גיט אַ זעץ איבער דער שטאָט. עס ווערט פינצטער, און איינצלנע גרויסע טראָפּנס הייבן אָן פאַלן אַף די טרוקענע גאַסן און פאַרשטויבטע ביימער. באַלד נעמען די וואָלקנס זיך פאַנאַנדערקריכן, די טראָפּנס פאַלן מער ניט, דער הימל ווערט רייִנער און רייִנער, עס צעשײַנט זיך די זון.

אין איינעם אַזאַ טאָג איז פראָים אַרײַן צום דירעקטאָר און נאָכאַמאָל געמאָלדן, אַז ער פאָרט קיין מינסק. דער דירעקטאָר האָט לאַנג ניט געפונען, וואָס צו ענטפערן. דערנאָך האָט ער אין פאַרלעגנהײַט געזאָגט:

— איך גיב זיך אונטער. נאָר איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט... צוליב וואָס ביסטו ווידער געקומען מיטן זעלבן סטראַשונעק. — דער דירעקטאָר האָט זיך שווערלעך אופגעהויבן פון זײַן שטול און פאַרגעזעצט: — מינסק? לאָמיר, פראָים באָריסאָוויטש, אַ קוק טאָן אַף דער קאַרטע, ווו געפינט זיך אָט דער דאָזיקער מינסק? — און ביידע זײַנען צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, — אָט, אָט... — האָט דער דירעקטאָר באַוויזן אַף דער קאַרטע. — אָט דער וועג פירט קיין מינסק. פון אוראַל ביז מינסק איז אַ היפּשער מעהאַלעך, מע קען זיך אין אַזאַ וועג גוט אויסשלאָפֿן. ביסט אין מינסק געבוירן?

— און אויסגעוואַקסן און געאַרבעט...

— און אין קאָמסאָמאָל... אויך אין מינסק?

— אויך.

— און אין דער פּאַרטיי?

— אויך אין מינסק.

וויקטאָר וואַסיליעוויטש האָט אַף אים אַ קרומלעכן קוק געטאָן מיט אומצוטרוי און געפרעגט, פאַרזשמורענדיק כיטרע איין אויג:

— וועגן וועמען דערציילסטו עס?

— וועגן זיך... וועגן וועמען דען? — האָט פראָים זיך געוווּנדערט.





— נו, גוט... זאָל זײַן וועגן זיך. און אַף וועלכער גאַס האָסטו געוווינט?

— אַף פּראָלעטאַרסקע.

דער דירעקטאָר האָט דראָבנע אַ לאַך געטאָן, גאָר ניט אַזוי, ווי ער לאַכט שטענדיק. ער האָט ווידער פאַרזשמורעט אַן אויג.

— אַף פּראָלעטאַרסקע נומער צען?

— ניין, נומער אַכצן.

— האָסט אַ טעות, באַטראַכט זיך... נומער צען.

— וואָס רעדט איר, וויקטאָר וואַסיליעוויטש, ווי קאָן איך האָבן אַ טעות... — האָט זיך געוווּנדערט פראָים.

— און דו ווייסט אַפילע, ווו יאַנקאַ קופּאַלאַ האָט געוווינט?

— אַף קרעשטשענסקע, וואָס גרענעצט מיט פּראָלעטאַרסקע. אַ גוט סעדל באַ אים געווען. ייִנגלווײַז געריסן פאַר מיידלעך בעז אין זײַן סאָד...

— וועגן וועמען דערציילסטו עס? — האָט אים איבערגעשלאָגן וויקטאָר וואַסיליעוויטש.

— וועגן זיך.

— אָך ביסטו אַ דיפּלאָמאַט, פראָים באָריסאָוויטש, דערציילסט וועגן זיך און אין זינען האָסטו מיך. איך בין דאָך אַ מינסקער.

— אַ מינסקער? — האָט אויסגעשריִען פראָים. — אַ לאַנדסמאַן?

— געבוירן דאָרט, אויסגעוואַקסן, געאַרבעט, אַרײַנגעטראָטן אין קאָמסאָמאָל, אין דער פּאַרטיי, געוווינט אַף פּראָלעטאַרסקע, ניט אַכצן, נאָר צען. דאָ פּלאָנטערסטו, ברודער. ייִנגלווײַז האָב איך פאַר מיידלעך בעז געגאַנוועט באַ יאַנקאַ קופּאַלאַ אין סאָד... ווייסט וואָס, גורעוויטש, אורלויב-צײַט לאָמיר פאָרן צוזאַמען קיין מינסק. איך בענק... פאַראַן באַ אונדז אַ סאַך שיינע שטעט... מאָסקווע איז אונדזערע, לעניגראַד — אונדזערע, מינסק — איז מײַנע. מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט... פאָרן מיר אורלויב-צײַט?

— וויקטאָר וואַסיליעוויטש, איך פאָר אַף שטענדיק. איך קאָן ניט אַנדערש. דאָרט האָב איך די קוואָרים פון מײַן פרוי מיטן קינד...

דער דירעקטאָר האָט פאַר זיך עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט „דאַ, דאַ...“ און צוגעגעבן:

— שווערע יאָרן איבערגעלעבט. די פאַשיסטן האָבן געקוילעט, געשניטן, אָך, טאַטעפּאָטער...

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— קום צום טיש, גורעוויטש, באַ דער קאַרטע בין איך אַ מינסקער, באַם טיש — אַ דירעקטאָר. וועלן מיר שמועסן...

וויקטאָר וואַסיליעוויטש האָט זיך געזעצט אַף זײַן שטול, גענומען דאָס טרײַבל פונעם טעלעפאָן, און אָנגעקלונגען אַהיים צו זײַן פרוי:

— צו מיטיק קום איך מיט אַ גאַסט, מיט אונדזערן אַ מינסקער. גרייט צו... פאַרשטייסט אַליין, וואָס...

ווי נאָר די טיר פון וויקטאָר וואַסיליעוויטשעס דירע האָט זיך געעפנט, האָט פראָים גלײַך דערפילט אַ געמיטלעכע היימישקײַט פון אַ פאַמיליען-לעבן. אַנטקעגן איז אַרויס דאָס ווײַב מיט צוויי קינדער. אין דער רעגע האָט וויקטאָר וואַסיליעוויטש כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט אײַנגעלאַדן דעם לאַנדסמאַן צו זיך. ער האָט זיך דערמאָנט פראָימס ווערטער: „דאָרט האָב איך די קוואָרים פון מײַן פרוי מיטן קינד...“

אַז מע האָט זיך געזעצט צום טיש, פאַרזוכט צו קאַפּעלעך, צוגעביסן, האָט מען זיך דערפילט געמיטלעכער, און וויקטאָר וואַסיליעוויטש האָט געזאָגט:

— דו ווייסט, פראָים באָריסאָוויטש, אַז אונדזער זאַוואָד איז ניט פון די לעצטע באַ אונדז אין לאַנד. זײַן ניט פון די לעצטע אין אַזאַ לענדעלע, ווי אונדזערס, איז אַ גרויסער קאָווער. און דאָך... בענק איך שטאַרק נאָך מײַן היימשטאָט. וואָס זשע זאָל איך טאָן? וואַרפֿן אַלץ און אַוועקפאָרן? ניין! — וועסטו אופהייבן אַ געשריי: „וואָס הייסט... אַ דירעקטאָר אַ קאָמוניסט וואַרפֿט זײַן אַרבעט און אַנטלויפֿט!“ וועסט אַזוי שרײַען, פראָים באָריסאָוויטש?

— אַוואַדע, וויקטאָר וואַסיליעוויטש, אַף דער ערשטער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג וועל איך אַזוי שרײַען...

— איז הער מיך אויס, גורעוויטש. מיר זײַנען שוין ביידע, גאָט צו דאַנקען, דערוואַקסענע מענטשן. דערלויב איך זיך דיר זאָגן... טרייסטן דיך איז ניט שײַער, וואָס קאָנען דאָ העלפֿן ווערטער? דאָס לעבן האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. צאָרעס דאַרף מען פאַרגעדענקען, קעדיי ניט דערלאָזן, זיי זאָלן זיך איבערכאַזערן. נאָר געדענקען דאַרף מען דאָס לעבן אויך. לעבסט אַף דער ערד און ניט אפן הימל. לאָמיר ריידן אָפן, ווי אַ כאַווער מיט אַ כאַווער. זײַנען דען אין אונדזער שטאָט ניטאָ קיין פרויען, וואָס קאָנען דיר געפֿעלן? דו ביסט, דוכט זיך, אַ מאַנצבל מיט אַלע מײַלעס: אַ קאַפּיטאַן אין דער אַרמיי, אַ נאַטשאַלניק פון אַ צעך. צי דען דאַרף איך גיין בעטן, אַז דער ראַיקאָם זאָל דיר ריידן אַ שידעך?.. האָב קיין פאַריבל ניט, מײַן ווײַב איז אַן אײדעם, אַז מיר האָבן וועגן דיר גערעדט הינטער די אויגן...

— עפּשער זײַט איר גערעכט, — האָט געענטפערט פראָים, — אָדער אין מיר האָט זיך עפּעס געענדערט. מײַן פרוי איז געווען אַ שײנע, אַ סאַך באָכערים זײַנען איר נאָכגעגאַנגען. און איך האָב זי פון אַלעמען אָפּגעשלאָגן. דעמאָלט איז מיר אַלץ געווען קלאָר, עס האָט זיך געטאָן פון זיך אַליין. און איצט... איך זאָג אײַך אָפן: מיר געפֿעלט איינע אַ פרוי... וואַרט איך אַלץ, אַז זי זאָל מיך פאַרשטיין אָן ווערטער און זאָגן „יאָ“.

— פראָים באָריסאָוויטש, — האָט זיך אַרײַנגעמישט וויקטאָר וואַסיליעוויטשס פרוי, — פאַרלאָזט זיך ניט אַף שטומלאָשן. אונדזערע אַ שוועסטער האָט ליב, אַז מע רעדט מיט אַ פול מויל און מע כאַזערט נאָך איבער. אפן וווּנק פאַרשטייען מיר ניט. דאָס הייסט, פאַר-

אווראָם גאָנטאר

# די בעסטע שטאָט

בא מיר ביסטו די שענסטע און די בעסטע —
כ׳באַדאַרף קיין אנדער היים.
עס איז פארליבט מײַן אויג אין יעדער שטיין,
אין יעדער הויז און אין דער קרעמל־פעסטונג.

ווי נאָר איך מאך דעם ערשטן טראָט פון הויז
דו קומסט א ליכטיקע אנטקעגן,
וווּהין איך זאָל ניט גיין, מיט וועלכע וועגן,
באַגעגנסט מיך מיט לוסט און מיט גערויש.

אף מאָסקווע־טײַך דער בריק פון שטיין
האָט בלענדיק, ווי א רעגנבויגן,
אף יידע ברעגן זיך פארבויגן
און וועט אזוי שוין אייביק שטיין.

איך גיי צום פושקין־דענקמאָל אינעם סקווער,
צו די טשוהונענע לאמטערן,
דעם זינגער פונעם פאָלק איך קום באַערן,
מיט אָפשײַ און מיט ליבשאפט כ׳קום אהער.

און ס׳ווערט מיר גוט, און כ׳קאָן אצינד צוריק
א ליכטיקער אהיים זיך קערן.
איז אָט פארוואָס כ׳האָב ליב איעדער ליק,
איעדער שטיין אונטער די מאָסקווער שטערן.

* * *

ווי מעכטיק ס׳זאָל ניט זײַן דער יאם —
עס צאמט אים פאָרט דער ברעג,
ווי קרעפטיק ס׳זאָל ניט זײַן דער שטאם —
באזיגט אים פאָרט די זעג.

ווי שוואך א ווילן זאָל ניט זײַן,
ווי קליין א טרוים,
ער לייגט זיך אין קיין ברעג ניט אײַן
און ווייסט ניט פון קיין צוים.



# די בראָכע פון מי

דער טאָג הייבט זיך אָן מיט א קלונג אין דער טיר,
מיט דער מילכיקערנס „גוטמאָרגן״.
דער וועקזייגער טוט מיט די ווײַזערס א ריר —
הייבן אָן זיך די טאָגיקע זאָרגן.

עס שוועבט נאָך דער שלאָף, כ׳קוק ארויס דורך דער שויב,
די נאכט איז נאָך ניט אָפגעטראָטן.
נאָר אלע כאלוימעס — זיי ווערן פארטויבט
פון גערויש, וואָס די גאס האָט צעשאָטן.

די וועלט איז שוין אוף, און אויך איך בין שוין וואך.
אף די ווענט בייגט זיך איבער מײַן שאָטן.
די זון האָט באגילדעט דאָס בלעך אף דעם דאך —
א סימען דער טאָג וועט געראָטן.

דער טאָג וועט מיר ברענגען די בראָכע פון מי,
די מי מײַן געמיט וועט דערהויבן.
דערפאר איך באגעגן איעדער פארפרי
מיט גלויבן.

* * *

דער ווײַנשל־בוים, וואָס קלאפט אין מײַנע שויבן,
ער בעט זיך: לאָז ארײַן, איך שטארב פון קעלט.
דער ווײַנשלבוים וועט מיר געוויס ניט גלויבן,
אז אף זײַן אָרט כ׳וואָלט זיך אליין געשטעלט.

אז כ׳וואָלט געוואָלט, ווי ער, אום פרילינג בליִען,
זיך קושן מיטן ווינט, וואָס יאָגט פארבײַ,
אז יונגע שוואלבן זאָלן צו מיר פליִען
מיט פויגלשן געזאנג און פלאפלערײַ.

און זומער ווערן רײַף מיט פרוכטן זאפטיק־זיסע,
וואָס זייער רום זאָל שעמען אף דער וועלט.
מײַן בוים מײַן טײַערער, דו מעגסט עס וויסן
איך בין מעקאנע דיר, כאָטש פרירסט פון קעלט.

* * *

דײַן ליבע איז ניט
ווי דער שאָטן פון בוים,
נאָר פונקט ווי דער שאָטן
פון פויגל אין רוים.

דער שאָטן פון בוים
איז שטענדיק באַם שטאַם.
פון פויגל דער שאָטן —
א כוואַליע אין יאַם.

אָט קושט זי די זאמד
פון א ווילד־פרעמדן ברעג,
א גלעט און א שפרונג
און איז ווײַטער אוועק.

דײַן ליבע איז פונקט
ווי פון כוואַליע דער שוים,
דײַן ליבע איז ניט
קיין פאַרווירקלעכטער טרוים.

פאַר בענקעניש בלויז
איז דער טרוים א געצעלט.
נאָר וואָס וואָלט איך טאָן
אָן דעם טרוים אַף דער וועלט.

* * *

איך וועל ניט אויסלעשן די צאַנקענדיקע ליכט,
זי לאָזן ברענען, ביז ס׳וועט פײַער קלעקן.
אויב ס׳וועט א מענטש פאַרבלאָנדזשען, זאָל זי אומגעריכט
א וועג א זיכערן פאַר אים אַנטפּלעקן.

איך צווייפל ניט, איך ווייס געוויס, איך גלויב —
עס וועט בא אים פאַרבלײַבן אין זיקאָרן
דאָס אומגעריכטע פײַערל אין שויב,
וואָס האָט א בלענד געטאָן צוריק מיט יאָרן.

# א טראָפּן פרייד

זאָלסט א טראָפּן פרייד מיר שענקען —
וועל איך אייביק דאָס געדענקען.
זײַ ניט קאַרג, מײַן קינד.

זע נאָר, ווי די פעלדער בליִען,
זע נאָר, ווי די פייגלען פליִען.
הער זיך אײַן אין ווינט,

ווי עס סוידען זיך די בלעטער,
און אין טײַך די כוואַליעס בעט ער:
יאָגט אײַך, יאָגט געשווינד.

ס׳איז די זון שוין אופגעגאַנגען
און געזאָגט אין פעלד די זאַנגען:
גרינט אײַך, גרינט.

ס׳איז די בין שוין אויך געפלויגן
צו דער הערטשקע זאַפטן זויגן —
פליט זי גרינג.

יעדער האָט שוין זײַנס באַקומען,
קוועלט דער וואַלד, דאָס פעלד מיט בלומען.

ווארט איך אויך אצינד —

זאָלסט א טראָפּן פרייד מיר געבן,
וועל איך שוין דאָס גאַנצע לעבן
גליקלעך זײַן, מײַן קינד.

.1961

מירע כענקין



1960—1893

מיר דרוקן דאָ א ציקל לידער, וועלכע די דיכטערין האָט אָנגעשריבן די לעצטע צײַט פון איר לעבן.

# אין די אָקטיאַבער־טעג

זיי שטעלן זיך אוועק, אַלע אונדזערע אָקטיאַבערס —
פון סאַמע, סאַמע ערשטן וויכער אינעם לאַנד —
אָט קוקן זיי אַף אונדז — אַי שטרענג, אַי כאַוועריש,
און ס׳דוכט זיך מיר, זיי זאָגן: — איר האָט גוט געשפּאַנט!

ס׳דערמאָנט זיך יענע צײַט: עס קראַכט, עס פאַלט, עס נידערט.
די גאַנצע וועלט האָט ניט, אַף וואָס א האָף צו טאָן.
און דאָ שטייט אוף א דאָר, וואָס וויל די צוקונפט שמידן,
און ברענגט דער וועלט איר האָפענונג — לעבנס פאַן.

פון דעמלט אָן זיי שײַנען, אונדזערע אָקטיאַבערס.
און פרילינגדיק עס ווערט דער האַרבסט אַף אונדזער ערד.
און אין דער הייך שוועבט אוף דער גרויסער נאָמען: „כאַווער“,
און ס׳טראַכט זיך מיר: כ׳בין אויך דעם נאָמען ווערט.

# מאַמע־לשון

דעם אָנדענק פון עזרא פינינבערג.

כ׳געדענק אָן אָוונט. אין קאַפע «Москва»,
דײַן פערציקיאָריקײַט מיר האָבן שטיל געפײַערט.
די שטילקײַט איז געווען אונדז זייער, זייער טײַער.

און פלוצעם בא א טישל יונג און ראַשיק
די שפּראַך פון איבאַרורי דאָלאָרעס

א קלונג געטאָן האָט אײַנגעשפּארט און פעסט —
די שפּראַך פון אופשטענדלער, מאדרידער געסט.

זיי האָבן זיך צעראשט, מאדרידער זין און טעכטער!
ווי פרײַ עס קלינגט אף מאָסקווער ערד זייער געלעכטער,
ווי פריידיק איז די שטים פון הארץ געזעכטן,
ווי העל דער מאָרגן איז, כאָטש ביטער איז דער נעכטן.

כ׳געדענק, ווי דאָס געטראָפן האָט: גאָר שפּעט
דערוווסט זיי האָבן זיך, אז ס׳זיצט דאָ א פּאָעט,
מיט בליקן ווארעמע זיי האָבן דיך געגלעט,
און יעדערער פון זיי דיך לייענען לידער בעט.

כ׳געדענק זי, אָט די שאָ, כ׳געדענק אָט די מינוטן:
געשפּילט האָט פריילעכקײַט אין אויגן דײַנע גוטע,
און שטילע זיכערקײַט דײַן קאָל עס האָט געמוטיקט.

דערנאָך געזונגען האָט מען, און מיט שפּראַך מאדרידער
דײַן מאמע־לאָשן האָט זיך טרײַ געברידערט,
מיט איבארורים שפּראַך, מיט הייסע אופשטאנד־לידער!

# מײַן דאָר

אזא מין דאָר: מיט זילבער־שלייפן
און אויגן יוגנטלעך צעגליטע.
דאָס לעבן וויל פון מיר אנטלויפן,
און איך — איך האלט אין סאמע מיטן.

מײַן שוועסטער, וואָס איז יונג פארשניטן,
האָט מיך פאר זיך געשטעלט — כ׳זאָל שפּאנען.
איז מוז איך כאָוועןאירע בליטן,
ווי ס׳כאָוועט אוים איר קינד א מאמע.

מײַן ברודער, וואָס אין שלאכט געפאלן,
האָט אָנגעזאָגט, זײַן פרייד זאָל וואקסן,
און, ווי אן אויסדערוויילטע קאלע,
די ערד זאָל שײַנען נאָך די שלאקסן.

אזא מין דאָר: מיט זילבער־שלייפן
און אויגן יוגנטלעך צעגליטע,
דאָס לעבן וויל פון מיר אנטלויפן,
און איך — איך האלט אין סאמע מיטן.

* * *

מײַן הײַנט איז א גרויסער. איר טוט נאָר א קוק:
די ווענט פון מײַן הײַנט — ווי זיי זײַנען צערוקט!

אהינצו — די נעכטנס, די מאָרגנס — אהער.
די צוקונפט א לײַבלעכע שוועסטער מיר ווערט.

איך שפּאַן איבער נעכטנס, איך לעב אין מײַן הײַנט,
דער מאָרגן — ער ווארפט צו מיר סנאָפּעס מיט שײַן.

און ס׳ווערט אזוי ווארעם, און ס׳ווערט אזוי ליכטיק,
און פּײַן מײַנע, לייד מײַנע ווערט מיר ניט וויכטיק.

די מאָרגנס, די מאָרגנס — זיי שײַנען אהער.
מיט זיי איז מיר גאָרנישט ניט שווער.

* * *

כ׳האָב פארמאָסטן זיך שפּאנען ווײַט.
דו, מײַן איינציקער, מיך פארבײַט.

מײַנע גרינגע טריט — בא דײַן וועג.
ניט פארומער זיי, ניט פארמעק.

זאָל זיי אײַנהילן ס׳גרינע גראָז.
דיך, מײַן איינציקער, איך פארלאָז.

צום געזעגענען, בא דײַן שוועל,
כ׳נעם דײַן שמייכל מיט, — ס׳איז מיר העל.

* * *

זאָרגן און פארדראָסן פון מײַן לעבן,
גייט אוועק, ניט מאטערט מיך, ניט בינדט!
גאָרנישט, גאָרנישט קאָנט איר מיר ניט געבן,
נאָר מײַן אויג, וואָס וואך איז, מאכן בלינד.

זאָרגן און פארדראָסן פון מײַן לעבן,
ניט פארשטעלט דעם וועג מײַן הויכער פרייד.
ס׳האָט מײַן לאנד איין לעבן מיר געגעבן
כ׳זאָל עס רימען און באזינגען שטילערהייט.

.1960

## כאַים מאַלטינסקי



געבוירן אין 1910 אין פּאַנעוועזש (ליטע). פאַרענדיקט דעם קיִעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. וווינט אין מינסק.

### מיט זין מיט סאַמע טרײַע

דאָס לעבן יאָגט גאַלאָפּ,
נאָר דער זיקאָרן — לויטער.
אָט ערשט געטראָגן כ׳האָב
מײַן האַלדזטיכל מײַן רויטן.

אָט ערשט אין קאָמסאָמאָל
א דרײַסטער יאָט געוואַקסן,
א ביקס צום ערשטן מאָל
געטראָגן אַף די אַקסל.

פון יענע טעג ביז הײַנט
איז דורך ניט איין געוויטער.
איך דאַרף זיך מודע זײַן —
געכאַפּט א מאָל א ציטער...

נאָר פאַרט איז מיר באַשערט
מיט זין מיט סאַמע טרײַע
פאַר אונדזער מאַמע־ערד
צו גיין דורך פלאַם און פײַער.

און וויפל שטייט נאָך פאָר,
סײַ גענג און סײַ נעסיִעס,
ס׳איז אָבער איינס מיר קלאָר —
די יאָרעלעך, זיי פליִען...

און ס׳ווערט אין קאָפּ מיר ענג,
איך דריי מיך אומגעדולדיק.
כ׳פאַרגעס ניט, איך געדענק:
— איך בין פיל מענטשן שולדיק —

ווער ס׳האָט מיט מיר געטיילט
אין שלאַכט דעם לעצטן ביסן,
ווער ס׳האָט מײַן וווּנד געהיילט, —
איך וויל אים זען, באַגריסן.

דאָס לעבן יאָגט גאַלאָפּ,
נאָר דער זיקאָרן — לויטער.
אָט ערשט געטראָגן כ׳האָב
מײַן האַלדזטיכל מײַן רויטן...

### דאָס יאָדערל

כ׳האָב קינדווײַז ליב געהאַט צו שטיין באַם טויער,
א שאָקל טאָן א ניסל נאָנט צום אויער,
ווי ס׳באַמבלט זיך דאָס יאָדערל דערהערן.
דער ברוינער פעסטער לעבעדיקער קערן —

ער האָט אין זיך אַזויפיל קראַפט און פײַער.
דערפאַר איז יעדעס יאָדערל מיר טײַער.
דערפאַר, מײַן לעבן, שטרענג באַ דיר איך פאָדער:
זײַ, ווי א ניסל מיט א שטײַפן יאָדער!



### אונטער פיר אויגן

כ׳האָב פּאַשעט און פראָסט זיך געצויגן
צו זײַן מיט דיר אונטער פיר אויגן.

האָט שטענדיק אַזוי זיך געמאַכט —
געוועזן זײַנען זעקס, אָדער אַכט.

כ׳פלעג זיצן אין ווינקל בישטיקע,
אַלץ ווענדן צו דיר מײַנע בליקן...

— „ווען דײַנע מיט מײַנע זיך טרעפן״...
נאָך ברייטער די אויגן כ׳צעעפן.

דו שמייכלסט און טוסט צו מיר זאָגן:

— איר זײַט עפּעס זייער צעטראָגן... —

און קערסט זיך גלײַך אויס צו א צווייטן.
איך בײַס זיך די פינגער ביז ווייטעק.

נאָר דאָך איז געקומען די רעגע —
מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט.

מיט ציטער אין קאָל מײַנעם כ׳טײַנע:
— פיר אויגן, נאָר דײַנע און מײַנע.

דײַן קאָפּ כ׳האָב צו זיך צוגעצויגן.
פאַרמאַכסטו גאָר פּלוצעם די אויגן...

* *
*

דערפאַר האָב איך אײַך ליב אַזוי, דרײַ שטערנדלעך,
צעשטעלטע, ווי א סעגל:
באַ אײַער שײַן פאַרפלאַנצט כ׳האָב מײַנע שטײַפסטע קערנדלעך.
באַלײַכט איר איצט אַפּסנײַ מײַן אויסגעטראָטן שטעגל.
אויך אַף די שלאַכט־פעלדער, אַף די פּאַגאָנעס מײַנע,
ווען א פעכאָטנער קאָמאַנדיר בין איך געוועזן,
די זעלבע שטערנדלעך די דרײַ, זיי פלעגן שײַנען.
איר זײַט ביז איצט מײַן לעבן און מײַן וועזן...

1961.

## מענדל ליפשיץ



געבוירן אין 1907 אין דאָרף נעסטאַנאָוויטש (ווײַסרוסלאַנד). פאַרענדיקט דעם ווײַסרוסישן מעלוכע-אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1923. וווינט אין מאָסקווע.

# ס'איז ווונדערלעך די וועלט

ס'איז ווונדערלעך די וועלט,
איך וועל זי אייביק לויבן:
מיט לייבן און מיט וועלף,
מיט אָדלערס און מיט טויבן.

ס'איז ווונדערלעך די וועלט
מיט נעכט און מיט פאַרטאָגן;
און קיינער בעט ניט — העלף
א וועג זיך דורכצושלאָגן.

אליין אין וועג אַרײַן
און זאָל דײַן האַרץ זײַן שניי־ריין,
און דאַן וועלן דיר זײַן
די גוטע לײַט כאַווײרים.

ס'איז ווונדערלעך די וועלט
אין יעדן פראַט באַזונדער,
און זאָל דײַן האַרץ אויך זײַן
א טראָפּן פון דעם ווונדער.

* * *

דאָס גאַנצע לעבן שטרעבט דער מענטש צו בעסערס,
און כ'וואָלט געוועזן מיט אַלע מענטשן גלײַך,
ווען דאָס פאַרגאַנגענע וואָלט איך פאַרגעסן,
ווי ס'איז דאָס פאַראַיאָריקע דער טײַך.
ניט ווי א טײַך, ווו וואַסערן זיך בײַטן,
נאָר ווי די ערד, וואָס זאַפּט זיי אײַן אין זיך,
איך היט דאָס ליכט פון פריִערדיקע צײַטן
אינאיינעם מיטן הײַנטיקדיקן ליכט.
און, טײַערע, אויב ס'טרעפט, אין די געדאַנקען
פאַרבלײַבט א פונק פון אָפּגעברענטן זשאַר, —
ניט לעש אים אויס, זאָל ער פאַרבלײַבן צאַנקען,
און דו זאָלסט מיר אַנטשולדיקן דערפאַר.
אויב אַלץ, וואָס גייט אַוועק, פאַרגעס איך ניט,
וועט דאָך מײַן ליבע בלײַבן אויך פאַרהיט...



* * *

אַט דער געדאַנק — מע הייסט אים ניט פאַרלירן,
מע שרײַבט אים אָן מיט גרויסע אויסגעצייכנטע געדיכט:
„דו ביסט אַרײַן, פאַרמאַך נאָך זיך די טירן,
דו ביסט אַוועק, לעש אויס נאָך זיך דאָס ליכט!"

און איך וויל אַנדערש דעם געדאַנק פאַרשפּרייטן —
דער הייפּעך זאָל ער צום געזאָגטן זײַן:
„דו ביסט אַרײַן, די טירן עפן ברייטער,
דו ביסט אַוועק — צינד אָן נאָך זיך די שײַן".

ניטאָ איז שטאַרקער פון געדאַנק קיין אַקשן,
דאָס וואָרט איז קרעפטיקער פון פעלדזן־שטיין,
און זאָל נאָך דיר דײַן סטעזשקע ניט פאַרוואַקסן,
און זאָל זײַן ליכטיקער נאָך דיר צו גיין.

* * *

דער פרילינג האָט נאָך פריילעך ניט געריטן
אַף טאָל און טײַך, דאָך זאָגט ער אָן: „איך קום".
פאַרפרי מע פאָרט אַרויס פון הויף אַף שליטנס,
אַף רעדער קערט מען זיך אין אָוונט אום.
כ'האָב ליב דעם פרילינג אין זײַן ערשטן אָטעם,
ווען אומעטום איז ער און ערגעץ ניט,
ווען ס'שפּילט זײַן אָנזאָג־רוף אין זון און שאָטן,
ווען ס'רײַפט אין פעלד זײַן ראַכוועסדיקע ליד.
איך האָב אים ליב אין וואַלד אין א פרימאָרגן,
ווען צווײַגן צווייפלען נאָך, צי יאָ, צי ניין —
דערהערן זאָל דער שטאַם אין זיך פאַרבאָרגן
זײַן זאַפט שוין ריזלען אומרויִק און ריין.
איך האָב אים ליב, ווען ס'הערט די לופט זיך אײַן:
ער גייט, ער שפּאַנט און באַלד וועט ער דאָ זײַן...

.1960

## יוסעף קערלער



געבוירן אין 1918 אין הײַסין (אוקראַינע). פאַרענדיקט א טעאַטראַלע שול. אָנטײלנעמער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. וווינט אין מאָסקווע.

### צוזאַמען

באַם בוג און באַם פּריפּיאַט, באַם דנעסטער דעם שײנעם,
באַם ליטערן ניעמאַן, וואָס פליסט אין דער ליטע,
געלעבט האָבן ייִדן מיט פעלקער אינײנעם —
צוזאַמען געפרײט זיך, צוזאַמען געליטן,

בישכײנעס געלעבט און געהאָפט, און געכאָלעמט,
טאָ וואָס איז דער וווּנדער און וואָס איז דער כידעש,
ווען ס׳מישן זיך ניגן מיט ניגן בעשאָלעם,
ס׳ווערט וואָלעכיש־הײמיש און סלאַוויש — ווערט ייִדיש.

מאָלדאַוויע! א וואָלעכל שלעפט פאַר די פאָלעס:
אַרײַן אין א טענצל! א קויסע קערט איבער!
עס צופּט פאַרן האַרצן דעם פאַסטעכלס קאָל אונדז,
די סטעפּישע דוינע, דאָס פײַפל דאָס ליבע.

ס׳ווערט קרויוויש די לירע, די קאָבזע אוקראַינער,
די דודע לאָזט הערן איר טריליקן ציטער,
און האַרציקע „דומקעס” ווי זונרויזן שײַנען
אין אונדזערס א „פרײלעכס”, אין אונדזערע לידער.

טאָ וואָס איז דער וווּנדער און וואָס איז דער כידעש,
ווען ס׳קלינגען הײַנט האַרציקער, פרײדיקער, שענער
אָף רוסיש, אוקראַיניש, מאָלדאַוויש און ייִדיש
פאַרשײדענע, אײגענע, קרויווישע טענער.

און אַלע, ווי אײנע, און אײנע, ווי אַלע,
אַריבער די יאַמען, די בערג און די טאָלן,
אין מענטשלעכע הערצער, ווי זומען זיי פאַלן —
פאַר פרײַנטשאַפט און שאָלעם,
פאַר פרײַנטשאַפט און שאָלעם!



## מאָזשײַסקער שאָסײ

פון בײדע זײַטן סאָסנע־וואַלד,
אינמיטן — דער שאָסײ,
פאַר זײַן גערויש רוקט טיפער זיך
אין וואַלד אַרײַן דער שנײ.

אין קילער פרישער טונקלעניש
דער וואַלד איז אײַנגעהילט,
און דעם שאָסײ דעם היציקן
זײַן שאָטן שענקט ער מילד.

אָט שפרינגען זשוואָווע וועווערקעס
פון סאָסנע גלײַך אין שנײ,
ווי שטיפערישע פײַערלעך —
ס׳ווערט וואַרעמער פון זײ.

זײ שפרינגען צו, ווי שרעטעלעך,
צום ראַנד פון דעם אַספאַלט:
די אויטאָסטראַדע הײמיש איז,
ווי הײמיש איז דער וואַלד.

ווי עפּעס רעכטס באַשמעקן זײ
די פלעקן פון בענזין,
און ס׳מישן זיך מאַשין־גערויש
מיט וואַלד־גערויש, מיט ווינט.

די לאַסט־מאַשינעס טראָגן זיך
מיט ציגל און געהילץ,
א שנעלע „וואָלגע” פליט פאַרבײַ,
פון ווײַט א טראַקטאָר גרילצט.

סע אַרט זײ ניט, די וועווערקעס,
דער טומל פון שאָסײ,
זײ ווײסן ניט, די נאַרישע,
קײן טאַנק און קײן טראַנשײ, —

וואָס הײסט א שליאַך „באַזאָטלען” גאָר
אָף ברענענדיקער ערד,
קײן שיסערײַ, קײן אופרײַסן
זײ האָבן ניט געהערט.

און זײער גוט. זאָל קײנער מער
ניט ווײסן, וואָס איך ווײס,
ווײַל מײַן זיקאָרן שלאָפלאָז איז
און וואַך מײַן בלוט מײַן הײס.

## מײַן פאַרמעגן

וואָס איז מײַן פאַרמעגן,
אויב איר וועט מיך פרעגן? —
לידער, לידער, לידער דרײַ
איז מײַן גאַנץ פאַרמעגן.

די ערשטע ליד איז בערעלעס,
די צווײטע ליד — זײַן מאַמעס,
די דריטע ליד איז בײדעמענס
און אַלעמענס צוזאַמען...

וואָס זשע איז דאָס „אַלעמענס”,
וועט איר באַ מיר פרעגן?
אַלעמענס איז גאָר די וועלט,
וואָס ווײסט ניט פון קײן ברעגן!

1960.

---

## בוזי מילער



געבוירן אין 1913 אין שטעטל וואָלקאָווינעץ (אוקראַינע). פאַרענדיקט דעם ליטעראַריש-לינגוויסטישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. וווינט אין ביראָבידזשאַן.

# אין א הארבסטיקן טאָג

ווען א מענטש הייבט אָן גראָוו ווערן, אָט ווי יעשוע פלאקס, גיט עס אים געוויינלעך קיין איבעריקן כיין ניט צו. אין דער נאַטור אָבער איז פאַרקערט — די שיינקייט פון פריליגדיקן בליען, פון זומערדיקער סאמעט-גרינער רײַפקייט גייט אריבער אין גאָלדענער שיינקייט פון וועלקונג, און מע באמערקט גאָר ניט, ווי אזוי און ווען איז עס פאָרגעקומען.

טאקע וועגן דעם האָט יעשוע פלאקס געטראכט, שפּאנענדיק פּאמעלעך גאס אײַן, גאס אויס איבער דער הארבסטיק באגילדעטער שטאָט מיט די לאנגע אלייען. דער געפלאטער פון די העל-געלע, ליכטיק-ברוינע און פײַערדיק-רויטע בלעטער, אויסגעמישט מיט דער איידלסטער הימל-בלויקייט, אן אײַנגעשטאנענע אף מונטערנדיק פרישער לופט, איז שוין געווען אן אָנזאָג אף קינפטיקע פרעסטלעך...

יעשוע פלאקס האָט מיט א באזונדער מין פארגעניגן אײַנגעזאפּט אין זיך אָט די פרישקייט, די קאָלירן-בלענדעניש, ווײַל ניט לאנג פאר דעם האָט ער א צײַט געקרענקט. מע האָט אים ערשט נעכטן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, און הײַנט איז ער צום ערשטן מאָל ארויס אין גאס. פאר דעם קנאפּן כוידעש איז דער שטאָט צוגעקומען א סאך נײַס. נײַ איז געווען אָט די איבעראשנדיקע געלקייט פון אלע ביימער און קוסטעס, שוין אָן אַ איינציק — אפילע אף א רעפּוע — גרין בלעטעלע... און אָט דאָרטן — זע נאָר! — ניט ווײַט פונעם מויער פון ווײַסע סיליקאט-ציגל, וואָס מע האָט דאָ ניט לאנג אויסגעבויט, שנײַדט זיך שוין אין הימל דער טורעם פון נאָך איין גאדלעסדיקן הייבקראַן. יעשוען האָט זיך געדאכט, אז עס זעען אויס גאדלעסדיקער אויך די אנדערע הייבקראַנען, וואָס שטייען שוין דאָ פון לאנג, ווי שטאָלצע סימאָנים, אז די שטאָט ארום דער שנעלשטראָמיקער בירע, איבעם גרויסן טאָל צווישן די ווײַטע סאָפּקעס, האלט אין איין וואקסן...

אין צענטער פון שטאָט האָט יעשוע זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן.

איבערן אספאלט איז אהין און צוריק עטלעכע מאָל דורכגעפאָרן א שווארצער באָכער אף א מאשין מיט אן אומבאשיצט אָפענעם מאָטאָר, מיט א שווערער וואלצראָד פון פאָרנט און צוויי קלענערע פון הינטן. די מאשין האָט אײַנגעפלעטשט אין דער ערד די גראַווי-שטיינדלעך. באלד זײַנען צוגעפאָרן עטלעכע לאסט-אווטאָס, וואָס האָבן פלינק אויסגעשאָטן פריש געקאָכטן אספאלט. די שווארצע מאסע איז געווען הייס און פײַכט, האָט זיך נאָך גערויכערט און געשפּרייט ארום זיך א שארפן גערוך, וואָס האָט געקיצלט אין דער נאָז. די מאסע האָט מען אויסגעשאָטן אפן אויסגעגלײַכטן פלאץ, און עטלעכע ארבעטער האָבן מיט ספּעציעלע ברעטלעך, צוגעפּעסטיקטע צו לאנגע שטעקנס, שנעל פאנאנדערגעגלעט דעם אספאלט.

— זיי ווייסן דען, ווי מע דארף עס טאָן? קאליקעס!

ניט אזוי די דאָזיקע ווערטער, ווי דער טאָן, מיט וועלכן זיי זײַנען געזאָגט געוואָרן, האָבן א שניט געטאָן יעשוע פלאקסן, און ער האָט זיך ראפּטאָם א קער געטאָן צו דעם, וואָס האָט עס געזאָגט.

— קאליקעס! — האָט יענער בייז איבערגעכאַזערט, — אָט האָבן זיי דאָרט, אף דער לינקער זײַט, איר זעט, שוין דרײַ מאָל פארגאָסן מיט אספאלט, דרײַ מאָל אים ווידער ארויפגעריסן, געמאכט נײַעס, און ערשט איז ער פול מיט שפּאלטן, קרום... אָט וועט איר זען, דאָ וועט אויך אזוי זײַן...

געזאָגט האָט עס א גאנץ יונגער פארשוין מיט גוט געפּרעסטע, שמאָלע געקעסטלטע הויזן, לויט דער לעצטער מאָדע, און דערבײַ געקוקט אף יעשוען מיט א שפּאָטיש-אָפּלאכנדיקן בליק.

— איר וווינט שוין דאָ לאנג? — האָט יעשוע בא אים א פרעג געטאָן.

— זייער לאנג, — האָט יענער געענטפערט.

— וויפל?

— שוין באלד צוויי יאָר.

— איך עפּעס מער, — האָט געזאָגט יעשוע.

— אף א סאך?

— אף א יאָר דרײַסיק.

— א שאָד... — האָט געענטפערט דער באָכער, און ניט געײַלט זיך געלאָזט צו דער אנדערער זײַט גאס.

יעשוע פלאקס האָט א ווײַלע נאָכגעקוקט דעם באָכער און זיך ווידער א קער געטאָן צו די אספאלט-ארבעטער. ער האָט זיך גראָד איצט דערמאָנט, אז מיט א מינע 25 יאָר צוריק זײַנען אף דער זעלבער גאס, וואָס מע האָט איצינד געפלאסטערט, געווען דורכגעלייגט איבער דער בלאָטע הויכע שמאָלע בריקלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט בא יעדן טראָט...

יעשוע האָט צו זיך אליין א שמייכל געטאָן. דעמלט איז ער נאָך געווען א באָכער, און ביילקע — זײַן ביילקע — א מיידל. אף אָט די שמאָלע בריקלעך האָבן זיי אויסגעשפּאצירט אין יענע יאָרן זייער ליבע, — און ניט שלעכט אויסגעשפּאצירט, — זיי האָבן שוין אצינד אייניקלעך... נאָר ווען אף יענע בריקלעך, — דערמאָנט ער זיך, — פלעגט אנטקעגנקומען נאָך א פאָרל, איז שוין פאנאנדערגיין זיך געווען ניט לײַכט — די „קאוואלערן” האָבן געמוזט אף א ווײַלע אראָפּשפּרינגען אין בלאָטע...

קיין סימען פון קיין ביימל איז דעמלט אויך ניט געווען... און אָט רוישן דאָ מיט גדיכטן געבלעטער גאנצע אלייען הויכע ביימער, וואָס זומער הילן זיי אײַן די שטאָט אין גרינס און הארבסט — אין דורכויסיקע גאָלד-געוועבן. אָט לייגט מען דאָ פרישן שווארצן אספאלט — עס זאָל זײַן גענוג פלאץ פאר אָן א שיר יונגע פאָרלעך אף אויסצושפּאצירן נײַע ליבעס. און דאָ געפינט זיך אייגער, וואָס אים געפעלט ניט...

אין דער העלער לויטערקייט פונעם הארבסטיקן טאָג האָט זיך, ווײַזט אויס, גאָר גוט געפילט אויך דאָס בינטל יינגעלעך און מיידעלעך, אפן אויסזען — שילער פונעם ערשטן און צווייטן קלאס, וואָס זײַנען מיטאמאָל פון ערגעץ מיט א טומל אָנגעלאָפן, מיסטאמע פון שול גייענדיק. די מיידעלעך מיט ווײַסע און ברוינע סטענגעס אין די צעפּלעך, די יינגעלעך — מיט שווארצע, בלאָנדע טשוביקלעך איבער די פאַרקלײַנטע שטערנדלעך. אייניקע פון זיי זײַנען געשטאנען פונדערווײַטנס, אנדערע, די מער דרייסטע, האָבן גענומען לויפן גאָר נאָענט ארום די ארבעטער, וואָס האָבן געפלאסטערט דעם אספאלט, און יענע האָבן זיי רוגזעדיק געטריבן:

— פארנעמט זיך פונדאנען!

— דרייט זיך ניט אונטער די פיס!

— איר וועט זיך נאָך אָפּקאָכן!

כעוורע איז אנטלאָפן, נאָר אין א מינוט ארום — אהא! — זיי זײַנען שוין ווידער דאָ, און מע האָט זיי ווידער געטריבן.

באם שווארצן זוים פונעם פריש געלייגטן אספאלט, וואָס איז נאָך געווען ווייך און וואַרעם, האָבן א פּאָר יינגלעך זיך געזעסקט מיט קײַלעכדיקע און שפּיציקע גראַווי-שטיינדלעך, וואָס זײַנען געווען דאָ ארום צעשאָטן. אָבער גיך זײַנען די יינגלעך פארשוווּנדן.

ווען די אספאלט-מאסע, וואָס מע האָט געבראכט אין די מאשינעס, איז געווען גוט פאנאנדערגעשארט און צוגעגלעט, איז דער עלטערער פון די ארבעטער — א הויכער, ברייטפּלייציקער און טונקל-אויגיקער, מיט גרויסע שווארצע וואָנצן — אוועק באטראכטן די אָפּגעטאָנענע ארבעט. אף דעם אָרט, וו די יינגלעך האָבן געשפּילט מיט די שטיינדלעך, איז ער פּלוצעם געבליבן שטיין און אופמערקזאם באטראכט דעם אספאלט. דערנאָך האָט ער געוואָרפן א פארכידעשטן בליק, א זוך געטאָן ארום זיך עמעצן, און אזוי ווי דער ערשטער, וועמען ער האָט דערזען, איז געווען יעשוע פלאקס, האָט ער אים אָן ווערטער, מיט א ווונק געבעטן צוגיין. צו די ארבעטער, וואָס זײַנען געשטאנען פונדערווײַטנס, האָט ער ברייט א מאך געטאָן מיט דער האנט: — אהער גייט!

דערזען ווי די אספאלט-לייגער קוקן אף עפּעס, זײַנען אויך צוגעגאנגען פארבײַגייער — אן אלטיטשקער מיט א קוישל, פון וועלכן עס האָט ארויסגעקוקט א לעבל ברויט און א בינטל מיט מאָן באשפּרענקלטע בייגל, א יונגע פרוי מיט א גרויסן געשטרײַפטן קאָוון אין די הענט, א מיידל מיט א ברוין האנטערנצל.

אריבערפירנדיק דעם בליק אף די צוגעקומענע, האָט דער עלטערער אספאלט-לייגער א בלענד געטאָן פון אונטער די שווארצע וואָנצן מיט אלע זײַנע ווײַסע ציין:

— האָט איר געזען?! הא?

איינער אפן אנדערן האָט געקוקט מיט אזא אויסזען, ווי גאָר אומגעריכט זאָלן זיי האָבן געפונען עפּעס פון ביז גאָר גרויסן ווערט.

— אן אײַנפאל, הא? — האָט געשמייכלט דער אלטיטשקער מיטן קוישל, — וועמעס ארבעט, ניט דײַנע? — האָט ער א טײַט געטאָן דעם עלטערן ארבעטער אין ברוסט.

— כע! — האָט יענער געענטפערט. — א כאריפּעס וואָלט געווען, ווען מײַנע! ס׳איז דאָך זיי, דאָס קליינוואַרג, די שילער!

ער האָט זיך א קער געטאָן צו די ארבעטער:

— געזען? מיר טרײַבן זיי, שרײַען, זיי זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן, ניט שטערן ארבעטן, און זיי — נא, אָט האָסטו דיר...

— וואָס איז דאָרט אזוינס? — האָבן זיך נאָכגעפרעגט נײַע פארבײַגייער. מע האָט זיך גערן פאנאנדערגערוקט און ארײַנגענומען די נײַע מענטשן אינעם קרײַז, און אויך זיי האָבן גאָרניט געזאָגט, נאָר געקוקט מיט עפּעס א באַזונדער מין געלײַטערטן בליק...

באַם סאַמע זוים פונעם פארקילטן שווארצן אספאלט האָבן ארויסגעקוקט צוויי ווערטער מיט א לענגלעכן שטריך אינמיטן. די ווערטער זײַנען געווען אויסגעלייגט פון ווײַס-גרויע שטיינדעלעך:

МИРУ — МИР!

— געזען?!..

אָט די צוויי ווערטער אינעם הארט ווערגדיקן אספאלט האָבן ווארעם געמאכט די הערצער פון די מענטשן.

— קינדער, זאָגט איר? — האָט שטיל א פרעג געטאָן די יונגע פרוי. — וועלכע קינדער?

— ווער האָט זיי דען פארגעדענקט? — האָבן געענטפערט די אספאלט-לייגער. — זיי האָבן זיך דאָ די גאנצע צײַט געפּאָרקעט...

שפּעטער, ווען מען איז זיך שוין פאנאנדערגעגאנגען, איז יעשוע פלאָקס נאָך אַלץ געשטאַנען און מיט אלע כושים געפילט, ווי די גאנצע שיינקײַט פון אָט דעם הארבסטיקן טאָג און דער גאנצער זין פון דער מי פון אָט די אספאלט-לייגער און אויך זײַן אייגענע האָרעוואניע שײַנען ארויס פון אָט די צוויי ווערטער...

א קיל ווינטל האָט א שורעווע געטאָן צווישן די קרוינען. א פּאָר בלעטלעך פון א בוים — קליינע, קײַלעכדיקע, ווי דורכגעוועבטע פון זון, האָבן זיך אראָפּגעריסן, א שוועב געטאָן לײַכט אינדערלופטן, און איינס פון זיי האָט זיך שטיל אראָפּגעלאָזט אפן אספאלט, בא די צוויי ווערטער, וואָס עס האָט אויסגעלייגט א קינדערשע האנט, און איז געבליבן ליגן, ווי א גאָלדענער פּונקט.

## מאקס ריִאנט



געבוירן אין 1923 אין סאראטאָוו. פארענדיקט דעם כאבאראָווסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1946. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין ביראָבידזשאן.

# א בירגער איך בין פון מײַן זוניקן לאנד

ווער בין איך,
וואָס פריידיק אזוי איז מײַן שפּאַן? —
א בירגער א פרײַער
איך בין אין מײַן לאנד.

ווו לעב איך,
וואָס לויטער אזוי איז מײַן בליק? —
אין היימלאנד, ווו אלע
עס זײַנען באַגליקט.

וואָס טראַג איך
אין הארצן מיט ליבע געבענטשט? —
דעם נאָמען דעם הויכן:
סאָוועטישער מענטש.

איז וויל איך,
אזא איז מײַן גרעסטער פארלאנג —
ס'זאָל ווערן נאָך פעסטער
און שענער מײַן לאנד.

1961.

---

## איציק בראָנפמאן



געבוירן אין 1913 אין שטעטל כאשטשעוואטע (אוקראַיִנע). געארבעט אלס טראַקטאָריסט און געהילף-מאשיניסט אין א לאָקאָמאָטיוו-דעפּאָ. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1929. וווינט אין ביראָבידזשאן.

# מיר רײַטן אינצווייען

עס לעשט זיך די שקיִע אפן בארגשפּיץ כינגאנער,
אין נאכטיקן טונקל זיך וויקלען די ווײַטן,
אינצווייען באנאנד, אף די פערדלעך בולאנע,
פון פעלד צו דעם יִשעוו פאמעלעך מיר רײַטן.

פון רעכטס, ווי א וואנט, שטייען גאָלדענע ברויטן.
פון לינקס — די באשטאנעס מיט קאווענעס, דיניעס,
און דאָרט — פּאָמידאָרן, מיט בעקעלעך רויטע,
זיי דרעמלען שוין אײַן אף די שטענגעלעך דינע.

מײַן פרײַנט, דער קאָלווירטניק וואסילי פעדאָטאָוו,
זיך הוידעט אין זאָטל און רעדט מיט אנציקונג:
— א טײַערער קאנט דאָ, ס'האָט אלצדינג געראָטן,
פאראן איז מיט וואָס זיך דאָס הארץ צו דערקוויקן.

ס'דערמאָנט מיר דער אָוונט מײַן ווײַטע אוקראַיִנע —
פון דאָרט כ'בין אהערצו געקומען צו פאָרן,
פארליבט זיך אין סטעפּ בײַאמורער דעם גרינעם,
אין טײַגע, אין לאָנקעס, אין ראכוועסן קלאָרע.

זינט דאן איז שוין באלד א יאָרצענדליק פאָריבער,
פארפונדעוועט זיך, ווי א בוים אײַנגעוואקסן,
די וואָרצלען צעשפּרייט, און די קינדערלעך ליבע —
מיט ברוינע געזיכטער, מיט גוווּרישע אקסלען.

...מיר רײַטן אינצווייען. דער יִשעוו איז נאָענט,
עס פינקלען שוין הונדערטער דאָרפישע פײַערן,
און ליב איז דער זומער, דער ווארעמער אָוונט,
און אלץ איז ארום אזוי לײַבלעך און טײַער.

1961.

* * *

שפּעט אין אָונט איז דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט נאָך א באראטונג אין ראיאָן ארויס אין גאס. ער שטייט און הערט זיך צו: „אָט גייט מײַן װעגעלע, זאָגט ער, — איך דערקען עם לויט דער שטים".

* * *

א קאָלווירט, וואָס פירט א צעצוויַיגטע ווירטשאפט, איז פונקט ווי ער וואָלט אָפּגעקויפט אַלע לאָטעריי-בילעטן: ער וועט קיינמאָל נים פארשפּילן.

* * *

דער זאָקן אין איינער א פאָלקס-מײַסע פארפלאנצט ביימער, וואָס וועלן אָנהייבן געבן פרוכט ערשט נאָך זײַן טויט. און אונדזער קאָלווירט-פאָרזיצער, נאָך א יונגערמאן, האָט אָפּגעבאלעבאטעוועט זעקס יאָר און נים פארפלאנצט קיין איין בוים. פארוואָס? ווײַל מאָמער פירט מען אים אריבער אין אן אנדער קאָלווירט...

* * *

די איַילעניש מיטן פארזיי צוליב דער סוואָדקע ברענגט צו פיר פארלוסטן: מע פאטערט דעם באָדן, די טראקטאָרס, דעם ברענשטאָף און מער פאר אַלץ — די גערטעניש.

* * *

מע רעדט אָפּט וועגן די כוצן פון בינענצוכט פונקט ווי וועגן דעם שאָדן פון טוטין: אַלע זײַנען מאסקים, נאָר מע באציט זיך צו דעם איניען נים ערנסט.

* * *

ווען א שלעכטער בינענציכטלער זאָגט, אז ער ווייסט שוין אַלץ וועגן בינען, ווײַל ער פארנעמט זיך אזויפיל און אזויפיל יאָרן מיט בינענצוכט, דערמאָנט זיך מיר די העלדן פון דזשעק לאָנדאָנס א דערציילונג, וועלכע האָט געזאָגט, אז זי ווייסט אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו קינדער-דערציִונג, ווײַל זי האָט שוין באגראָבן אירע פינף קינדער.

* * *

אין א גערטעניש-יאָר באווײַזן זיך א סאך פרײַנט און ליבהאָבער פון בינענצוכט. אין א שלעכט יאָר סטײַען זיי נים. בא די בינען איז ווי בא מענטשן: דעם עמעסן פרײַנט דערקענט מען בא א נויט.

* * *

אויגן-פארבלענדעניש איז ווי פאלש געלט. פאראן, דאכט זיך, א הערב און אַלץ, וואָס מע דאַרף, נאָר פאר אזא הונדערטער וועסטו נים קויפן אפילע א פּעקעלע שוועבעלער.

* * *

עס גייט א גראנדיעזע בויונג. די קומענדיקע געבײַדעס זײַנען אין רישטעוואניעס. ארום וואלגערן זיך שפּענער, ציגל, זאמד. דער קליינבירגער הייבט גלײַך אָן טומלען: אך, ס'ארא קויט, אך, ס'ארא אומאָרדענונג, וויפל מיסט! — און באמערקט גאָר נים, ווי עס וואקסן די מויערן. מע דארף קענען אונטערשיידן צווישן אָפּפאל פון בוי-מאטעריאלן און געוויינלעכן קויט...

* * *

פאראן אויך א ז ע ל כ ע אָנטרײַבער: ווי נאָר דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, הייבן זיי אָן שמײַסן די פערד. זיי ווילן גאָר נים א קוק טאָן, פארוואָס דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט — עפּשער א גרוב, עפּשער א שטיין אונטער דער ראָד. ווען איך באגעגן אזעלכע אָנטרײַבער, ווילט זיך מיר גלײַך צונעמען בא זיי די בײַטש.

* * *

איך גיי מיטן סטעפּ באנאכט אין א שלעכטן וועטער. עס גיסט א קאלטער אָסיענדיקער רעגן. א געדיכטער נעפּל האָט אײַנגעוויקלט די ערד. און ענדלעך — א פײַערל. איך קום צו צום דאָרף, גיי ארײַן אין שטוב. ס'איז ווארעם, ליכטיק, געמיטלעך. די באלעבאטים שטעלן מיר טיי, באדויערן, וואָס איך גיי ארום אין אזא וועטער. און איך, פארקערט, איך באדויער אָט די שטוב-מענטשן און בין זיי גאָר נים מעקאנע: זיי האָבן אפילע נים קיין פאָרשטעלונג וועגן דעם פארגעניגן צו גיין באנאכט אין סטעפּ אין א שלעכטן וועטער.

1960.

---

## כאיִם מעלאמוד



געבוירן אין 1907 אין שטעטל כאשטשעוואטע (אוקראינע). געארבעט אין א קאָלווירט, שפּעטער אלס פאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן און 1930. וווינט אין טשערנאָוויץ.

# צוגאסט באַם בריגאַדיר

פרױער הארבסט. עס איז נאָך פול מיט זון, מיט ליבער ווארעמקײַט און מיט א געמיש פון פארבן און רייכעס. עס צוען זיך אומענדלעכע מאסיוון פון צײַטיקער קוקורוזע. א מינדסט ווינטעלע הייבט אוף א טומל צווישן די געלע אײַנגעטריקנטע בלעטער. שווערע קאטשענעס קלאַפּן זיך איינער אין דעם אנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט. און אין דער זעלבער צײַט — אזא יונגע גרינקײַט פון די נאָרוואָס אופגעגאנגענע ווינטער-ברויטן, א גרוס פונעם קומענדיקן פרילינג.

דאָס אַלץ איז אזוי נאָענט און באקאנט פון יאָרן אָן, פונקט ווי אָט דער צארטער רייעך, וואָס דאָס ווינטעלע האָט געבראכט פון דער נאָענטער באלקע, — א רייעך, וואָס פלעגט שטענדיק ארויסרופן בא מיר א מאָרנע געפיל, אן אומפארשטענדלעכס און א ווייטעקלעך-אָנגענעמעס. כ'האָב נים איין מאָל געזוכט יענע פארבאָרגענע קווייטעלעך, וואָס צעבליִען זיך אין דער באלקע אין פריִען הארבסט און פילן אָן דעם ארום מיט הארצקלעמענדיקער בענקעניש. געזוכט און נים געקאָנט געפינען. געווען איז דאָס שוין לאנג, מיט פיל יאָרן צוריק. איצט האָב איך זיי שוין נים געזוכט. נאָר אליין דער רייעך, גלײַך ער וואָלט דערפרייט זיך מיט אן אלטן באקאנטן, האָט מיך באגלייט בארגארוף, ביז אין סאמע דאָרף ארײַן, פעסט געהאלטן אין געפענקעניש פון אַלץ נײַע און נײַע דערינערונגען...

איך האָב אפילע נים באמערקט, אז די באלקע בין איך שוין לאנג דורכגעפאָרן, אז אָט זײַנען די ערשטע הײַזער, אָט איז דאָס וועלדל, וואָס ציט זיך לענגוים דעם דאָרף, און אָט — דאָס פיצוכט-שטעטלע, ווו ס'געפינען זיך אַלע קאָלווירטישע פערמעס.

דער סעקרעטאר פון ראיקאָם האָט געייצעט: אז איר וועט זײַן אין זעליאָנאָפּאָל, זאָלט איר אומבאדינגט זיך זען מיטן פיציכטלער כאיִם גאָרדאָן. א טשיקאווער מענטש.

אף דער פערמע האָב איך כאיִמען נים געטראָפן. מע האָט מיר געזאָגט, אז ער איז אין אורלויב און בויט איבער זײַן שטוב. זײַן הויף איז טאקע געווען פארוואלגערט מיט ציגל, ברעטער, טירן און פענצטער, און ער אליין איז געווען אזוי פארטאָן מיטן איבערלייגן דאָס געהילץ, אז ער האָט אפילע נים באמערקט, ווי אונדזער מאשין איז צוגעפאָרן. ערשט דערנאָך האָט ער פּאמעלעך, מיט א קרעכץ, וואָס מע לאָזט ארויס נאָר פאר זיך, אויסגעגלײַכט די פארהאָרעוועטע פּלייצעס און א בלישטשע געטאָן מיט צוויי זוכנדיקע פײַערלעך פון די שמייכלענדיקע אויגן. עפּעס האָט מיך א ברי געטאָן און אופגערודערט, פונקט אזוי אָנגענעם, ווי יענע רייכעס אין דער באלקע. מיר זײַנען דאָך, אייגנטלעך, באקאנט. שוין פון לאנג, פון דער יוגנט!.. און כאָטש רי באָרד זײַנע, שוין עטלעכע מעג נים קיין געגאָלטע, איז געווען שנייִק-ווײַס, און ער אליין — שוין טאקע אן אלטיטשקער, אָבער יענץ פײַערל! — עס גיט זיך א ציגר אָן און ווארפט מיטאמאָל אָפּ די עלטער, קימאט אף גאנצע דרײַ צענדליק יאָר, און דו דערזעסט דײַן באקאנטן אזא, ווי ער איז פארבליבן אין זיקאָרן.

— הערט א מײַסע, — האָט ער אָנגעהויבן, און איך האָב זיך גלײַך דערמאָנט זײַן שטים.

— כ'האָב גאָר אײַך צוערשט נים דערקענט... אזא גאסט! טאקע גוט, וואָס איר זײַט געקו-

דאָס? קארג שמוץ, עקל, נידערטרעכטיקייט, נארישקייט און אומרעכט געפינט זיך אין דער „אויבערוועלט"?..

און ווירקלעך, שאָלעם־אַלייכעם שילדערט די „אויבערוועלט" פון ניו־יאָרק, די רייכע ביזנעס־לייט, וואָס האָבן פארוואנדלט „שמוץ, עקל, נידערטרעכטיקייט, נארישקייט און אומרעכט" אין א טאָגטעגלעכער דערשיינונג. קאָנטיק, אז גראדע דערפאר האָט דער ראָמאַן „דער מיסטייק" ארויסגערופן אזא שארפע רעאקציע מיצאד די טאָנגעבער פון דער יִדישער בירגערלעכער פרעסע אין אמעריקע: די רעדאקציע פון דער צייטונג „טאָג", ווו דאָס ווערק האָט זיך געדרוקט, האָט צעריסן דעם אָפּמאך מיטן אווטאָר פון „מיסטייק", כאָטש דער ראָמאַן האָט געהאלטן, ווי שאָלעם־אלייכעם ווייזט אָן, „אינעם רעכטן מיטן". אינגיכן האָט שאָלעם־אלייכעם אָנגעהויבן מיטארבעטן אין דער צייטונג „ווארהייט". אָבער אויך דאָרט האָט מען, אפּאָנעם, ניט געוואָלט דרוקן דעם ראָמאַן, וואָס האָט אטאקירט די ניו־יאָרקער „אויבערוועלט". קיין אנדערע מעגלעכקייטן צו פארעפנטלעכן זיין ווערק האָט שאָלעם־אלייכעם ניט געהאט, און „דער מיסטייק" איז געבליבן ניט פארענדיקט.

זאָל דאָ נאָך פארצייכנט ווערן, אז געשריבן האָט שאָלעם־אלייכעם דעם „מיסטייק" מיט גרויס באגייסטערונג. דאָס לאָזט זיך זען פון א דעמלטיקער בריוו, ווו דער פאָלקס־שרייבער רעדט וועגן זיין שווערן געמיט־צושטאנד אין די מילכאָמע־יאָרן:

„איך שרייב קעסיידער, ווי מיין שטייגער איז, און דרוק צוויי ווערק צוזאמען[1], אכוץ זייטיקע ארבעטן. די באגייסטערונג צום שאפן פארלאָזט מיך ניט אויך אין אָט די שווערע טעג"...

דער פאקט, וואָס שאָלעם־אלייכעם שטעלט דאָ אוועק דעם „מיסטייק" אין איין ריי מיט זיין באליבטן ווערק „פונעם יאריד", האָט געווים א סאך צו זאָגן. דאָס הייסט, אז שאָלעם־אלייכעם האָט צוגעגעבן דער ארבעט אפן „מיסטייק" גאָר א גרויסן באדייט און איבערגעריסן האָט ער די דאָזיקע ארבעט קלאל ניט מיט זיין אייגענעם ווילן.

אָט אזא איז אין קורצע שטריכן די געשיכטע פונעם ראָמאַן „דער מיסטייק", וואָס איז, ווי ווייט אונדז איז באוווּסט, קיינמאָל ניט דערשינען אין קיין בוך־פאָרם און איז קיינמאָל ניט איינגעשלאָסן געוואָרן אין שאָלעם־אלייכעמס געזאמלטע ווערק.

אין יאָר 1960 האָט די פרוי פונעם פארשטאָרבענעם פובליציסט מוישע קאץ איבערגעגעבן דעם צענטראלן ליטערארישן ארכיוו אין מאָסקווע שאָלעם־אלייכעמס אייגנהענטיקן מאנוסקריפט פונעם „מיסטייק". מיר דרוקן דאָ איבער דאָס ווערק לויט דעם דאָזיקן מאנוסקריפט.

ג. אויסלענדער.

---

1 „פונעם יאריד" און „דער מיסטייק" (באַמערקונג פון די ארויסגעבער פון שאָלעם-אלייכעם-בוך, ווו אָט די בריוו איז געווען צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט).

שאָלעם-אַלייכעם

# דער מיסטייק

א ראָמאַן מיט א מוסער-האַסקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אמעריקע.



## פאָרעדע

איך הייב אָן מיין ראָמאַן מיט א פאָרעדע ניט דערפאר, ווייל איך פארגין ניט דעם לעזער אָנצוהייבן דערציילן גלייך פון דער מייסע, נאָר איבער אן אנדער זאך: איך וויל ניט ציִען די אַצאָמעס פון דעם אוילעם ביזן סאָף און ערשט דעמלט ארויספירן דעם מוסער-האַסקל פון דעם ראָמאַן, אָדער ווארטן ביז דער לעזער וועט מיך פרעגן: „פעטערל, מיי-קאָ-מאַשמע-לאָן — וואָס לאָזט מיך דאָ דער פּאָסעק הערן?.." איך וועל אים לעכאַטכילע זאָגן קאך-וועקאך, אָט דאָס איז די מאָראל פון מיין דערציילונג. ווילסטו — לייען. ווילסטו ניט — דארף מען ניט. אויך גערפין איך פאר נייטיק פאָרויס צו באַרויִקן דעם לעזער, אז דער ראָמאַן געהער זיך ניט אָן מיט דער מילכאָמע קלאל-אוכלאל. די טרערן, וואָס ווערן אין אים פארגאָסן, האָבן קיין שום שייכעס ניט מיט די אומגליקלעכע קאָרבאָנעס פון דער „וועלט-מעשוגאַס". די געשיכטע, אָדער, בעסער געזאָגט, די געשיכטעס, וואָס איך דערצייל דיר דאָ, קאָנען זיך פארלויפן נאָך דעם קריג, פּונקט אזוי ווי פאר דעם קריג. און נאָך א זאך וויל איך, דער לעזער זאָל וויסן, אז דער ראָמאַן, אָדער די מייסע, באַשטייט פון א סאך באַזונדערע מייסעס, האָגאַם זיי זיינען געבונדן און געקייטלט אייגע מיט דער אנדערער, אזוי אז טאָמער כאַסוועשאָלעם לאָזטו דורך איינע פון זיי, איז אויך אָן אן אומגליק — צו די ביזנעס וועט דאָס דיר ניט שאַטן... און איצט גייען מיר אריבער צום מוסער-האַסקל, דאָס הייסט צו דער מאָראל פונעם ראָמאַן.

דער מוסער-האַסקל פונעם ראָמאַן, דאָס הייסט דער האַיוויצע לאָנו מיזע פון דער געשיכטע, איז גאָר פּאָשעט: אז איבער א מיסטייק, איבער א קליינינקייט, איבער דעם, וואָס א נארישער שאָפער, וועלן מיר זאָגן, האָט אלפּיטאָעם פארקערעוועט דעם אוטאָמאָביל ניט אין דער ריכטיקער זייט, זיינען זיינע פּאַסאַזשירן פארפאָרן ניט אין דעם ריכטיקן אָרט און האָבן נישט געטראָפן אהין, ווו מע דארף, און האָבן זיך ניט באגעגנט מיט דעם, וואָס מע דארף, און האָבן געטאָן נישט דאָס, וואָס מע דארף, — איז דורך דעם ארויס אן אומגליק, פון דעם אומגליק נאָך אן אומגליק, און פון יענעם אומגליק נאָך אן אומגליק, און נאָר א סאך-א סאך אומגליקן! אשטייגער, ווי אז איר ווארפט א שטיין אין וואסער אריין, ווערט א רעדעלע, פונעם רעדעלע א רעדל, פונעם רעדל א גרויסע ראָד — א סאך-א סאך רעדער; אָדער, ווי די גמאָרע דערציילט: אתרנגולא ואתרנגולתא (אטאַרנעגוילאָ וועאטאַרנעגוילטאָ) — איבער א האָן מיט א הון חריב טור-מאַלקאָ — איז כאָרעוו געוואָרן א גאנצע שטאָט. אָדער, אשטייגער, נעמט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, דערציילט די היסטאָריע, אז דורך דעם, וואָס ער, נאַפּאָלעאָן, האָט געהאט א קאטער, אָדער, אף אמעריקאנער לאָשן גערעדט, דורך דעם, וואָס ער האָט געקעטשט א קאָלד[1], האָט ער פארלוירן די מילכאָמע בא וואטערלאָאָ, ווארעם ווען נאַפּאָלעאָן קעטשט ניט קיין קאָלד, פארלירט ער ניט די מילכאָמע, און אז נאַפּאָלעאָן וואָלט ניט געקעטשט קיין קאָלד און ניט פארלוירן בא וואטערלאָאָ די מילכאָמע, וואָלט דעמלט... נאָר צו וואָס מעשאָלים? אמער לייענט בעסער דעם ראָמאַן.

שאָלעם-אַלייכעם

אָקטיאבער 1915, ניו-יאָרק.

---

1 — געכאַפּט א פארקילונג.

I

# די ברידער זוכן זייער שוועסטער.
# די שוועסטער זוכט אירע ברידער

ס׳איז דאָ א ווערטל בא אונדז, איז דאָס אלט און באנאל: „די הויזן פארזעצן און א נאָגיד זאָל מען זײַן". וואָלט איך מיר דערלויבט אין אמעריקע, צוליב ניו-יאָרק, דאָס ווערטל איבערניצעווען אזוי: „די הויזן פארזעצן און א מאשין זאָל מען האָבן". וואָס קאָן זײַן בעסער אין אזא טומל-שטאָט, ווי ניו-יאָרק, אז מע האָט זיך אן אייגענעם אווטאָמאָביל? איך מיין, אז אין דעם זײַנען מיט מיר אלע ניו-יאָרקער לעזער אײַנפארשטאנען און מע דארף קיינעם נים איבערצײַגן, און יענע, וואָס זיצן נים אין ניו-יאָרק, וועלן מיר מיסטאמע גלייבן אף נעמאָנעם. נאָר ווי׳אזוי די מײַסע איז, די ערשטע צוויי הויפּט-העלדן פון מײַן ראָמאן, די ברידער מאקס און טשארלז טשערקאסקי, אָדער, ווי זיי הייסן דאָ, „טשער בראָדערס", האָבן אן אייגענע מאשין. און ווײַבאלד מע האָט אן אייגענע מאשין, צו וואָס זאָל מען זיך אזוי אײַלן, אז מע דארף פאָרן צום שיף, וואָס קומט אָן פון יוראָפּ האלב נאָך עלף? זײַנען זיך די טשער בראָדערס אופגעשטאנען אין דער געוויינלעכער צײַט, פארטיק געוואָרן מיט זייער געוויינלעכן ברעקפעסט[1] און האָבן נאָך געהאט גענוג צײַט צו נעמען א שייוו[2]. און ערשט דערמלט זיך אופזעצן אף דער מאשין און א זאָג טאָן צום שאָפער: „פּיער איינס, צווייטע סטריט, האבאקען פליעז". גענואגט האָט דאָס דער עלטערער, מאקס, און דער יינגערער, טשארלז, שווערט, אז מאקס האָט געזאָגט: „פּיער צוויי, ערשטע סטריט, האבאקען פליעז". לייקנט דאָס מאקס אָפּ גאנץ ענערגיש און איז נאָך אין כּעס אויך — און אין זייער גערעכט. ער טײַנעט צום ברודער: „ווײַבאלד, אז דו האָסט געהערט, אז איך זאָג „פּיער צוויי, ערשטע סטריט, האבאקען פליעז", און געוווּסט האָסטו דאָך גלײַך מיט מיר, אז מיר דארפן פאָרן פּיער איינס, צווייטע סטריט, הײַנט פארוואָס האָסטו געשוויגן?" ענטפערט אים טשארלז, אז אים האָט זיך געדאכט, אז ער האָט געהערט, ווי מאקס האָט געזאָגט: „פּיער צוויי, ערשטע סטריט, האבאקען פליעז". זאָגט אים מאקס, אז ווײַבאלד אים האָט זיך אזוי ג ע ד א כ ט, הײַנט ווי קאָן ער שווערן, אז ער, מאקס, האָט געזאָגט צום שאָפער נים פּיער איינס, צווייטע סטריט, נאָר „פּיער צוויי, ערשטע סטריט, האבאקען פליעז"? נאָר ווי׳אזוי די מײַסע איז דאָרט געווען, צי ער האָט געזאָגט דעם שאָפער „פּיער איינס, צווייטע סטריט", ווי ער זאָגט, צי ער האָט אים געזאָגט „פּיער צוויי, ערשטע סטריט, האבאקען פליעז", ווי טשארלז זאָגט, — דער שאָפער האָט זיי געבראכט אקוראט צום צווייטן פּיער, ערשטע סטריט, און די ברידער טשערקאסקי, אָדער טשער בראָדערס, זײַנען געווען העכסט צופרידן, וואָס זיי זײַנען געקומען אין דער ריכטיקער צײַט, פונקט האלב נאָך עלף, אזוי אז זיי זײַנען ארויסגעשפרונגען פונעם אווטאָמאָביל, איז שוין דאָס שיף דער גיגאנט געשטאנען קימאט באם דאָק; די לאנגע אראָפּגאנג-לייטערס זײַנען שוין געווען גרייט ארופגעהויבן צו ווערן. די מוזיק האָט געהילכט, דער ארויסגעקומענער אוילעם איז געווען גרייט צו באגעגענען און אראָפּנעמען די אָנגעקומענע פרײַנט פונעם שיף; אלעמענס קעפּ זײַנען געווען פאריסן ארויף; אלעמענס אויגן האָבן געקוקט אין איין אָרט — צום שיף, וואָס האָט זיך פּאַוואָלינקע, נאָר גרויסארטיק, מיט גאדלעס, גערוקט אלץ נעענטער און נעענטער. די טשער בראָדערס זײַנען שוין נים צוגעגאנגען צום שיף, נאָר צוגעלאָפן, און לויפנדיק האָבן זיי ארײַנגעוואָרפן דעם באאמטן אין האנט ארײַן זייערע פּעסער, גאָר נים געוואָלט הערן, וואָס יענער זאָגט, און אין איין רעגעלע זײַנען זיי אויסגעמישט געוואָרן מיטן איבעריקן אוילעם, וואָס באם שיף, און האָבן ביידע גענומען קוקן ארויף גלײַך מיט אלעם אפן דעק פונעם שיף, געזוכט מיט די אויגן זייער שוועסטערל ראָזע. און האָבן זי נים געקאָנט געפינען. נים שוין זשע האָט זי זיך אזוי פארענדערט, אז זיי קאָנען זי נים דערקענען? האָבן זיי אָבער נים לאנג באקומען איר קארטל פון יוראָפּ, איז נאָכן קארטל אליין און נאָך אירע רויטע גאָלדפארביקע האָר וואָלטן זיי זי באדארפט דערקענען אינמיטן האלבע נאכט. אלע אָנגעקומענע פּאסאזשירן שטייען אפן דעק פונעם שיף, מאכן מיט די טיכעלעך, שאָקלען מיט די היטעלעך, שרײַען, קוויטשען, לאכן, באגריסן די ארויסגעקומענע פרײַנט, וואָס אפן ברעג. דאָס שיף איז שוין אזוי נאָענט, אז מע קאָן זיך דורכשמועסן צווישן זיך — ראָזען זעט מען נים.

— א גרינע כײַע! — רופט זיך אָן דער יינגערער, טשארלז, צום עלטערן, צו מאקסן, מיט א געמאכטן געלעכטער, — זי ווייסט נים, אז מע קאָן ארופגיין אויבן אפן דעק, זיצט זי זיך דאָרט, אין איר קעבינקע און קוקט אף אונדז דורכן פענצטערל מינאסטאם...

— און עפשער האָט זי טראָבל[1] מיטן ארײַנקומען? — זאָגט מאקס און עס הערט זיך אומרויִקײַט אין זײַן קאָל, — אָדער עפשער פילט זי נים גוט?..

— וואָס פאלט דיר אײַן? — מאכט זיך טשארלז א הארץ און עס פילט זיך, אז ער איז

1 — פרישטיק; 2 — ראזירן זיך.

1 — שוועריקײַטן.



אויך נים אזוי רויִק, ווי טאָמיד. און דערווײַל האָבן די מאטראָסן קונציק, ווי דורך א קישעף, ארופגעהויבן אין איין מינוט די אראָפּגאנג-טרעפּ, צוגעטשעפּעט צו זיי דאָס קליינע בריקל. צוויי שיף-באאמטע שטייען בא די זײַטן און נעמען אָפּ די שיפסקארטן בא די אָנגעקומענע פּאסאזשירן, און די פּאסאזשירן שפּאצירן איינציקווײַז בארג-אראָפּ פון די טרעפּ, די סטיוארדס טראָגן נאָך זיי די פּעקלעך — און ראָזען זעט מען נאָך נים.

— קוק מיט אויגן, — זאָגט מאקס צו טשארלזן, — מיר זאָלן זי נים דורכלאָזן!

— מיט וואָס דען קוק איך? — ענטפערט אים טשארלז. — מיט די אויערן קוק איך? — און ביידע לאָזן נים אראָפּ קיין אויג פון דער ריי פּאסאזשירן, וואָס ציִען זיך אָן אן עק פון שיף אראָפּ און פאלן ארײַן אין די אָרעמס, ווער צו א ברודער, ווער צו א שוועסטער, ווער צו א פאָטער, ווער צו א מוטער און ווער גלאט צו א פרײַנט אָדער אזוי א באקאנטן — און ראָזע איז נאָך אלץ ניטאָ! עס האָט זיך געענדיקט די ערשטע ריי פון די ערשטקלאסיקע פּאסאזשירן. איצט קומען די פּאסאזשירן פון צווייטע קלאס.

— ווי איז דאָס מעגלעך, אז ראָזע זאָל פאָרן צווייטע קלאס, — פרעגט מאקס, — אין דער צײַט, ווען מיר האָבן איר ארויסגעשיקט א שיפסקארטע ערשטע קלאס?

— א קאשע אף א גריבער, — ענטפערט אים טשארלז און עס לאכט זיך [נישט] כיט אים, נים זײַן ברודער, וואָרעם עס זײַנען שוין אראָפּגעגאנגען אלע פּאסאזשירן פון צווייטע קלאס אויך — און ראָזע איז ניטאָ!

— נו, און דריטע קלאס וועט זי דאָך נים פאָרן! — זאָגט מאקס.

— פונוואנען איז גערדרונגען? — פרעגט טשארלז מיט א ניגן. און מאקס ווערט שוין אין כּעס: — וואָט איז די סעדער ווים יו[1], וואָס דו האָסט זיך מיר הײַנט אזוי צעווערטלט? קום בעסער, לאָמיר נעמען אינפאָרמיישען ביי די אָפּיסערס[2], וואָס איז געשען?

נים אזוי גרינג איז זיי אָנגעקומען דאָס דערשלאָגן זיך צו די אָפּיסערס, און די אינפאָרמיישענס, וואָס מע האָט זיי דאָרט געגעבן, זײַנען געווען נים קיין פריילעכע. זייער נים קיין פריילעכע! עס האָט זיך ארויסגעוויזן פון אלע ביכער, אז א פּאסאזשיר מיטן נאָמען ראָזע טשערקאסקי האָט זיך אפן שיף נים אופגעזעצט אפילע!.. די טשער בראָדערס האָבן אופגעעפנט מויל און אויערן, געקוקט אף די אָפּיסערס און איינס אף דאָס אנדערע, איבערגעלייענט אמאָל צוואנציק דעם קייבל[3], וואָס זיי האָבן דערהאלטן פון יוראָפּ, און מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ זײַנען זיי, ווי די אָפּגעשמיסענע, געבליבן שטיין נאָך א קליינע ווײַלע באם דאָק און זײַנען סאָפקאָלסאָף אוועק מיט זייער מאשין צו זיך אין אָפיס און פון דאָרט גלײַך אוועקגעשיקט א קייבל צו זייער מוטער אהיים, קיין יוראָפּ. אין קייבל איז געשטאנען עטלעכע ווערטער, אז: „דאָס שיף איז אָנגעקומען און ראָזע איז נישטאָ — קייבלט, וואָס איז געשען?.."

אצינד וועלן מיר בעטן דעם לעזער, ער זאָל זיך מאטריִען זײַן מיט אונדז אף א ווײַלע צום פּיער איינס, צווייטע סטריט, האבאקען פליעז.

* * *

אין דאָרט, אין פּיער איינס, צווייטע סטריט, איז געווען דער אייגענער טומל מיטן אייגענעם הו-הא, וואָס אין פּיער צוויי, ערשטע סטריט. עס האָט געלאנדעט א שיף, אויך אזא גרויסער גיגאנט, מיט דעם זעלבן פּאראד און מוזיק. עס זײַנען אומגעלאָפן די מאטראָסן. א גרויסער אוילעם האָט באגעגנט די אָנגעקומענע געסט. ברידער, שוועסטער, טאטעס, מאמעס, קינדער, פרײַנט און גלאט באקאנטע האָבן זיך געקושט, געהאלדזט, זיך ארומגענומען. אנדערע האָבן געוויינט. נאָר דאָס זײַנען געווען גליקלעכע טרערן פון פרייד, וואָס גאָט האָט געהאָלפן, מע האָט דערלעבט און מע זעט זיך!

נאָך אז דאָס שיף האָט באדארפט צוקומען צום דאָק, האָט מען צווישן די ערשטקלאסיקע פּאסאזשירן, וואָס זײַנען ארוים אפן דעק און געמאכט מיט די טיכעלעך, געקאָנט באמערקן א זעלטענע פיגור פון א שיין מיידל מיט רויטלעכע גאָלדפארביקע האָר, וואָס איז געשטאנען בא דער אײַזערנער פּארענטשע און געזוכט מיט די אויגן אף אלע זײַטן. דאָס שיינע פּאָנעם אירס האָט פריִער געשײַנט און די אויגן האָבן געלויכטן. וואָס ווײַטער-ווײַטער, האָט דאָס פּאָנעם באקומען אן אנדער אָפּשײַן און די אויגן אן אנדער גלאנץ — זי איז געוואָרן ווי צעטומלט, אופגערעגט. צו איר איז צוגעגאנגען א יונגערמאנטשיק אין א וואטערפּרוף-מאנטל[1] מיט א רעגן-שירעם און מיט א קליין טשעמאָדאנדל אין די הענט, עפּעס פארגעלייגט איר העפלעך. זי האָט אים נים געוואָלט ענטפערן, נאָר בייז א קוק געגעבן אף אים און אף זײַן רעגן-שירעם מיט זײַן טשעמאָדאנטשיק. עס איז געווען צו זען, אז דאָס שיינע מיידל מיט די גאָלדפארביקע האָר איז אופגעבראכט אפן העכסטן גראד. אז זי איז אראָפּגעגאנגען פון דעם ענגענריקן בריקל — און אראָפּגעגאנגען איז זי קימאט די לעצטע — האָט זי ערשט דערמלט גענומען באטראכטן דעם נאָך איבערגעבליבענעם אוילעם, געזוכט עמעצן און נים געפונען. אף אירע שיינע אויגן זײַנען געהאנגען טרערן און האָבן געבלישטשעט אנטקעגן דער זון, ווי בריליאנטן; איר שיינע פיגור האָט געאָטעמט מיט לעבן און מיט לוסט; און אינגאנצן איז זי געווען מאָלע-כיין. איבער אירע אקסלען איז געווען אריבערגעוואָרפן א רײַזע-טאש מיט א שווארצן פּאס. דער גרויסער זשמוט גאָלדענע האָר, וואָס אף איר שיינעם קאָפּ, איז

1 — וואָס טוט זיך מיט דיר; 2 — לאָמיר זיך דערוויסן בא די שיף-אָנגעשטעלטע; 3 — טעלעגראם.

1 רעגנמאנטל.



אָנהייב פון זעקסטן קאַפּיטל (פאָטאָקאָפּיע פון שאָלעם-אַלייכעמס מאַנוסקריפּט).

פּאַרטעכל, כאָטש דאָס פּאָנעם האָט געשמייכלט. ביידע האָבן זיך שטאַרק-שטאַרק געקוועטשט די האַנט און געערדט אַף צוויי לעשוינעס — פּרעקען לאַורא אַף קינדיש-קוויטשיק דעניש און ראָזע טשערקאַסקי אַף קליינשטעטלדיק ייִדיש, א ביסל מיט א ניגן.

— גאָר היל זע! עגען טי קאָמע מיל אַמעריקא נאָ אונטערגעט מאַי ע סקריוווע מי אָל סטראַקס. פּאַוועל! פּאַוועל![1] — האָט פּרעקען לאַורא געשאָטן ווי פון א זאַק און איבערגעגעבן ראָזען איר וויזיט-קאַרטל, ווי א שפּילקע די גרייס.

— זייט געזונט, פּרעקען לאַורא, ווי איר ווינטשט אייך אַליין. מער קען איך אייך ניט זאָגן גאָרנישט! זייט געזונט! זייט געזונט! — האָט איר ראָזע געענטפערט אַף ייִדיש, און ביידע מיידלעך האָבן זיך שוועסטערלעך צעקושט, און ראָזע האָט גענומען קוקן מיט אַלע אויגן אַפן דאָק, זוכן צווישן דעם געדיכטן אוילעם אירע ברידער. נאָר זי קאָן זיי ניט געפינען, זי זעט זיי ניט!

1 — זייט געזונט! אַז איר וועט קומען קיין אַמעריקע, פאַרגעסט ניט אין מיר און שרייבט מיר אָן אַלצדינג און באַלד. אַדיע! אַדיע!



— איי וויל טי גיוו מאַי בינאָקל, טאָ קאָן טי זי מי אָל, פּרעקען ראָז![1] — זאָגט איר פּרעקען לאַורא און לויפט אַוועק אַראָפּ צוריק און קומט באַלד צוריק מיט א מוירעדיק גרויסן בינאָקל, שטעלט אָן דעם בינאָקל מיט אירע קלאָרוויַיסע הענטלעך און טראָגט אונטער ראָזען:

— ווערסקו, זאָ סקאָל טי סי גאָר אָל! — אָט האָסטו דעם בינאָקל, דורך אים וועסטו זען אַלץ גוט!

וואָס העלפט אָבער דער בינאָקל, אַז זי זעט פאָרט ניט, ווען מען זי באַדאַרף! דאָס שיף איז שוין אַזוי נאָענט, אַז מע קאָן שוין זען אַלצדינג אָן א בינאָקל אויך. דער אוילעם גייט שוין פון שיף אַראָפּ — ראָזען לאָזט מען ניט. מע גיט איר פריַינטלעך צו פאַרשטיין, אַז עמעצער באַדאַרף אַרופקומען אַרויף און אָפּנעמען זי. ראָזע הייבט אָן צו ווערן אומרויִק, לויפט אַראָפּ צו זיך אין דער קאַבין און צוריק אַרויף, וואַרפט זיך פון איין עק שיף צום אַנדערן — און קיין ברידער זיַינען ניטאָ! ניטאָ קיינער, ווער ס'זאָל זי אַראָפּנעמען, זאָגן א גוט וואָרט פאַר איר. און אָט דאָ האָט זי דערפילט, ניט אַף לאַנג, נאָר פאָרט דערפילט דעם טאַם, וואָס הייסט עלנט. עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז מע זאָל זי דערווײַל פאַרהאַלטן אַפן שיף, ביז מע וועט געבן צו וויסן אירע ברידער — „לאָז זי נאָר אויפגעבן זייער ריכטיקן אַדרעס, וועט שוין זײַן אַלרײַט". האָט זי אָבער אײַנגעשפּאַרט זיך: דאָס ניט. בעשום-אויפן ניט! אַז אירע ברידער זײַנען אַזעלכע, וואָס זײַנען ניט אַרויסגעפאָרן זי אַראָפּנעמען פון שיף, זײַנען זיי ניט ווערט, אַז זי זאָל צו זיי אָנקומען! „עפּשער זײַנען זיי ניט געזונט?" — האָבן זיי געקענט אַרויסשיקן א מענטשן. „עפּשער ווייסן זיי ניט, אַז זי באַדאַרף קומען הײַנט?" — זיי ווייסן גאַנץ גוט, מע האָט זיי געקייבלט. „לאָז זי אויפגעבן זייער נאָמען, וועט מען זיי טעלעפאָנירן" — פאַר קיין געלט אין דער וועלט! „וויבאַלד אַזוי, וועט מען, ליידער, זי מוזן אָפּשיקן צוריק קיין יוראָפּ" — לאָז מען זי שיקן!

דער מאָמענט, ווען א שיף לאַנדעט[2], איז א בעהאָלע. יעדער האָט אין זינען זיך און אַלע זײַנען נערוועז, אויפגערעגט. איטלעכער האָט זיך זײַן פּעקל, זײַן בינטל צאָרעס, זײַן ביסל נאַכעס, און יעדן דוכט זיך, אַז נאָר צוליב אים האָט געלאַנדעט אָט דאָס שיף, נאָר צוליב אים איז דער טומל און צוליב זײַן קאָוועד-וועגן האָט קאָלומבוס אַנטדעקט אָט דאָס גאָלדענע לאַנד און צוליב זײַן לעטויווע-וועגן האָבן מענטשן אויפגעבויט אָט די ראַשיקע שטאָט. ווער מען גייט עס אָן, וואָס א מיידל — זי מעג זײַן א שיינהייט — האָט דאָרט צו טאָן מיט די אָפּיסערס? ווער וועט דאָס פאַרגעסן אָן זיך זעלבסט, איבערלאָזן אַף א ווײַלע זײַנע אייגענע אינטערעסן און וועט זיך אָננעמען די קריוודע

1 — אָט וועל איך אײַך געבן מײַן בינאָקל, וועט איר זען אַלצדינג, פרײַלן ראָזע! 2 — קומט אָן אין האַפן.

פון עפּעס א מיידל, וואָס ער קען זי ניט? און דאָ איז אָן אײַלעניש מיט סאַקאָנעס-נעפּאָשעס. מע שטופּט זיך, מע קוועטשט זיך, יעדער וויל אַראָפּ וואָס פריִער — ס'איז שוין גענוג נימעס געוואָרן דאָס שיף מיטן יאַם, מיטן רייעך, מיט די מאַטראָסן, מיט די סטיואַרדס, און עס ווילט זיך שוין פילן, אַז מע שטייט מיט ביידע פיס אַף דער ערד, אַפן האַרטן באָדן — און דערמלט מעג שוין דאָס שיף אונטערגיין, פאַרברענט ווערן צו אַלדי שוואַרצע יאָר!.. איך רופט דאָס אָן עגאָיִזם — רופט עס אָן, ווי איר ווילט, אַזוי האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטשן, פאַרפאַלן!

צווישן אַלע שיפס-פּאַסאַזשירן האָט זיך דאָך געפונען איינער, וואָס האָט באַמערקט דאָס עלנטע שיינע מיידל, אַז זי איז אין טראָבל. דאָס איז געווען יענער יונגערמאַן דער דזשענטלמען, וואָס האָט אַזוי פריַינטלעך איר אָנגעבאָטן זײַן הילף און וואָס ראָזע האָט אים אַזוי אומפריַינטלעך אויפגענומען, אַפילע נישט באַוויליקט א קוק צו טאָן אין זײַן וויזיט-קאַרטל, וואָס ער האָט איר נאָכדעם איבערגעגעבן. דער לעזער קען דעם יונגמאַן נאָך פונעם ערשטן קאַפּיטל, אויב [ער] האַלט קאָפּ און אויב ער [האָט] ניט קיין זייער שוואַכן זיקאָרן. דער דאָזיקער יונגערמאַן, מיט וועלכן מיר וועלן נאָך האָבן א געלעגנהײַט זיך צו באַגעגענען און באַקענען זיך א ביסל נעענטער, האָט זי, גאָר אָן איר וויסן, אויסגעלייזט פון א גרויסן אומגליק. פון דערעך-שאָלעם-וועגן מעג מען זיך פאַרגינען אַמאָל זאָגן א ליגן אַפילע אין אַמעריקע. עס ווײַזט אויס, אַז דער יונגערמאַן האָט זיך נעבעך געשלאָגן מיט דער רייע און געלערנט מיט זיך אַליין א האַרבן קאָלוועכוימער: מאַ-דאָך צוליב אייגענע ביזנעס איז אין אַמעריקע דערלויבט צו בלאָפן, הײַנט צוליב יענעמס ביזנעס — אַל אַכאַס קאַמאָ וועקאַמאָ... בעקיצער ער האָט זיך מויסער-נעפעש געווען און האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר א מיילײַץ-יוישער פאַרן מיידל. אָפּגעשוווירן, אַז ער קען זי פון דער היים, ווער זי איז, אַרויסגענומען נאָכאַמאָל זײַנע פּאַפּירן און באַוויזן, אַז ער איז אַן „אַמעריקאַן סיטיזען"[1], און האָט זיך צעשריבן, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר אין אַלע אויפאַנים — און דאָס אַלצדינג איז געזאָגט געוואָרן אין ענגליש, אַזוי, אַז ראָזע האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט פון דעם בלאָף און האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער עס האָט זי אַרויסגענומען פון א צאָרע. אין דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן טומל איז איר קאָפּ געווען פאַרנומען נאָר מיט איין געדאַנק — אָנלערנען אירע ברידער דערפאַר, וואָס זיי האָבן זי געבראַכט צו אַזאַ לאַגע, אַז זי זאָל דאַרפן האָבן אַזעלכע שוועריקײַטן באַם אַראָפּגיין פון שיף. ניט אומזיסט האָט זי ניט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס הייסט קיין אַמעריקע וואָלט זי געפאָרן מיט פאַרגעניגן, נאָר ניט צו אירע אויפגעקומענע ברידער, צו וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט גע-

1 — אַן אַמעריקאַנער בירגער.

האַט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע. וואָס פריַינטלעכער און זיסער זיי זײַנען געווען אין זייערע בריוו און וואָס מער זיי האָבן געשיקט געלט, אַלץ מער האָט זי געעקלט. און געעקלט האָט זי דער טאָן פון זייערע זיסע בריוו, וואָס זײַנען געווען פון יאָר צו יאָר די זעלבע. זיס לאַקריצדיק און מאָנאָטאָן לאַנגווײַליק, און אַזוי ענלעך איינס אַף דאָס אַנדערע, אַז ס'האָט געקאָנט אײַנפאַלן א געדאַנק, אַז דאָס זײַנען געווען צוגעגרייטע קאָפּיעס אַף א גאַנץ יאָר, אַלע מיט איין נוסעך. קיין סימען פון האַרץ, פון נעשאָמע. קיין פונק פון אינווייניקסטן פײַער. קיין איינציקער נײַער געדאַנק. ווידעראַמאָל א „הערצלעכער גרוס" און אָבעראַמאָל „טויזנט קוש"... אַף אַלע געבעט-בריוו פון דער אַלטער מאַמע, אַז כאָטש איינער פון זיי זאָל אַמאָל אַראָפּפאָרן אַהיים — זי וויל זיי זען פאַרן טויט, איז טאָמיד געווען איין ענטפער: „ביזנעס", „זיי ווילן, זיי רײַסן זיך דורכפאָרן אַהיים, נאָר די ביזנעס לאָזן ניט..." „מע קאָן ניט אַוועקוואַרפן די ביזנעס..." „אַמעריקע איז א לאַנד פון ביזנעס..." ראָזע ווייסט, וואָס הייסט „ביזנעס", דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט, אַז „ביזנעס" איז אַף אַמעריקאַנער לאָשן די טײַטש געשעפט, וואָרעם דאָס גאַנצע שטעטל לייענט די בריוו, וואָס די אַלמאָנע טשערקאַסקי באַקומט פון אירע קינדער פון אַמעריקע — ראָזע קאָן נאָר ניט פאַרשטיין, וויִאַזוי לעבן דאָס מענטשן נאָר צוליב ביזנעס, און וואָס פאַר א לעבן קאָן דאָס זײַן, אַז די ביזנעס שטייען העכער פונעם לעבן, אַז די ביזנעס לאָזן ניט לעבן אַזוי ווי מע וויל?.. און עס פאַרגאַנגוועט זיך א האַס צו איר אין האַרצן אַף אַמעריקע דערפאַר, וואָס אַמעריקע איז אַזאַ לאַנד, א לאַנד פון ביזנעס. און זי פילט צו אירע ברידער ניט אַזאַ געפיל, ווי א שוועסטער באַדאַרף פילן צו אירע ברידער. נײַן, ראָזע וואָלט צו זיי ניט געפאָרן קיינמאָל, ווען עס זאָל ניט געווען טרעפן זיך מיט איר א געשיכטע, וואָס האָט שיר-שיר ניט פאַרורזאַכט אַן אומגליק. זכוס-אָוועס האָבן זיך געמיט און ס'האָט זיך געטראָפן א נעס. ווען עס טרעפט ניט קיין נעס, וואָלט זי זיכער געפאַלן א קאָרבן. דער נעס איז איינער פון די ניסים, וואָס טרעפן זיך גאַנץ אָפט אין די קליינע שטעטלעך, און ער קען דערציילט ווערן גאָר אין קורצן, און טאַקע איבעם קומענדיקן קאַפּיטל.

IV

## וואָס האָט ראָזען געטריבן קיין אַמעריקע?

„טעכטער האָבן א מוִעסע טעווע — זיי וואַקסן". פּאָטער און מוטער האָבן נאָך אַן ערגערע טעווע — זיי ציילן די יאָרן פון זייערע טעכטער. פּאָטער און מוטער זאָלן ניט ציילן זייערע טעכטער די יאָרן א ביסל צו אָפּט, וואָלטן אַלע מיידלעך געזעסן ביזן גראָוון צאָפּ, אָדער לעכאָלהאָפּאָכעס, ביזוואַנען דער מאַלעך

פון ליבע וועט קומען און פאנגען זיי אין זײַן גאָלדענער נעץ. געוויסע שאנסן דערוף האָבן אלע מיידלעך, נאָר אונדזער העלדן האָט געהאט מער שאנסן פון א סאך אנדערע. מיט וואָס? דאָס איז א נאטירלעכע זאך, אז יעדער פאַרפאסער פון א ראָמאן שטעלט פאַר זײַן העלדן מיט אלע מעַלעס, וויפל ס'איז נאָר פאראן אף דער וועלט. וואָס אַרט אים? עס קאָסט אים געלט? ער נעמט און מאָלט זי ארום מיט אזעלכע ליכטיקע פארבן, אז עס הייבט דעם לעזער אין דער לופטן — אָט-אָט, דאכט זיך, הייבט זיך אוף זײַן העלדן און פליט אוועק גלײַך אין הימל ארײַן. א מאלעך. א מאלעך פון גאָט. נאָר וואָס דען? ס'א ליגן! ניטאָ קיין מאלאָכים אף דער זינדיקער ערד און ניטאָ קיין מענטשן מיט אלע מעַלעס — סײַדן אין א בוך. מײַן ראָזע איז ניט קיין מיידל פון א בוך ארויסגענומען. ראָזע לעבט און געפינט זיך אציגר, אויב איר ווילט וויסן, טאקע דאָ, אין אמעריקע, און עס קאָן נאָך זײַן, אז זי לייענט מײַן ראָמאן גלײַך מיט אײַך און זי שמייכלט, אָבער זי איז בייז אף מיר, לעמײַ איך פיר זי ארויס אָן איר וויסן אף דער ליכטיקער וועלט... און ווײַל ראָזע איז ניט קיין אויסגעטראכטע, נאָר א לעבעדיקע, פּאסט ניט וועגן איר א סאך ווערטער צו פארלירן און צופיל אָפּלויבן זי אָוואדע ניט. עס וועט זײַן, מיין איך, גאנץ גענוג, אז איכ'ל זאָגן, אז ראָזע איז אייגע פון די מיידלעך, וואָס איז קימאט אומעגלעך זי צו זען איינמאָל און ניט וועלן זען זי נאָכאמאָל. אזויפיל כיין האָט איר די נאטור געשענקט מיט דער ברייטער האנט, אז ס'איז גענוג איין קוק אירער, איין שמייכל, איין וואָרט פון איר מויל, צוצוציִען און פּארקישעפן אײַך גאָר ניט ווילנדיק. איך האלט מיט אײַך א וועט [אף] וויפל איר ווילט, אז ס'איז ניטאָ איין באָכער אין שטעטל, וואָס זאָל ניט געוועזן זײַן אין איר פארליבט, ווי א קאץ, און וואָס זאָל ניט האָבן געשריבן צו איר בעסאָד-סוידעס ליבע-בריוולעך אין גראמען און אין פּראָזע. און אלע ווייסן זיי, אז ס'איז א בראָכע לעוואטאָלע — ראָזע וועט זיי ניט נעמען. זיי זײַנען זי ניט ווערט. ראָזע דארף נעמען עפּעס אזעלכעס... עפּעס אזוינעם... וואָס די וועלט זאָל קלינגען! און ניט עפּעס אזוי-אָ באדארף עס ווערן. עס באדארף פריִער זיך עפּעס טאָן, עפּעס קאָכן.. א קלייניקײַט—פאר ראָזען א כאָסן?! צום סאָף — גאָרנישט מיט גאָרנישט! אין א שיינעם פרימאָרגן ווערט מען אין שטעטל געוווייר, אז ראָזע גייט א קאלע ווערן! ווּ? פאר וועמען? ווִאזוי איז דאָס געשען? פראָסט און פּאָשעט. איר מעגט דאָס הערן.

עס קומט צו פאָרן א יונגער מענטש. פונוואנען? — וואָס מאכט דאָס אויס? פון הימל אראָפּגעפאלן. ווער איז ער? — א ייִד. וואָס איז ער? — אן אגענט פון מאשינעס. שטעלט זיך אָפּ אף א ייִדישער אכסאניע. גייט שאבעס אין שול ארײַן דאַווענען. באקומט אן אליע. שענקט א פײַנעם „באַוואוּר שענאָדאר". מאכט באקאנטשאפט מיט דעם, מיט יענעם. געפעלן יעדן באזונדער. פארקישעפט דאָס גאנצע שטעטל. און ער איז דאָך טאקע זייער א געראָטענער יונגערמאן. א שיינער, א קלוגער, א סטאטעטשנער. און א קענער אויך. און פארדינט גאנץ שיין געלט. א קערבל איז א מאמזער. אן אָפענע האנט. א באווײַבטער? — ניין. א באָכער. סטײַטש, וואָס זשע שווײַגט מען? און מע הייבט אים אָן ריידן שידוכים. דורך א שאדכן. וואָס איז זײַן באגער? געלט? — ניין, קיין געלט דארף ער ניט. ייִכעס? — קיין ייִכעס זוכט ער ניט. וואָס זשע דען? — דאָס קערן. דאָס מיידל זאָל זײַן א שיינע. וויבאלד אזוי — איז דאָך עס טוב מאד (טויוו מעויד)! ס'איז דאָ אן אלמאָנע, הייסט זי טשערקאסקי. א ייִדענע ניט קיין רײַכע. לעבט פון אירע קינדער אין אמעריקע. האָט זי א טאָכטער — אין איר פּאָנעם ניט ארײַנצוקוקן. ווִאזוי זשע קומט די קאץ איבערן וואסער? — נארישקײַטן! צוליב וואָס האָט גאָט באשאפן שאדכאָנים אף דער וועלט? דער יונגערמאן האָט געפונען אן אויסרייד: ער האָט קרויווים אין אמעריקע, די אלמאָנע האָט צוויי זין אין אמעריקע. ס'איז שוין דאָ מאטעריאל, פון וואָס צו ריידן. מײַן באָכער האָט אָנגעהויבן ארײַנצוקומען צו דער אלמאָנע איין מאָל, און צוויי מאָל, און דרײַ מאָל, און צען מאָל — עס האָט זיך „אָנגענומען". ניט נאָר איז דאָס מיידל געפעלן דעם באָכער, נאָר דער באָכער איז געפעלן געוואָרן דעם מיידל נאָר כהנה וכהנה (קאָהיינאָ וועכאָהיינאָ)! זי האָט פּאָשעט פארליבט זיך אינעם באָכער, דער באָכער אין איר — עס האָט שוין געהאלטן בא טעלער ברעכן. די אלמאָנע טשערקאסקי האָט נאָר אָפּגעוואָרט אף ענטפער פון אירע קינדער פון אמעריקע. נאָר איידער זי האָט באקומען ענטפער פון אמעריקע איז דערווײַל דאָ דער שידעך געוואָרן אויס שידעך און נאָך ווִאזוי — מיט א גרויסן סקאנדאל! פון א צווייטן שטעטל האָט דער גוטער-יאָר אָנגעטראָגן עפּעס א ייִדן, וואָס האָט דערקענט דעם באָכער, און עס האָט זיך ארויסבאוויזן, אז דער באָכער איז אזוי א באָכער, ווי איר זײַט א גובערנאטאָר. אז יענער האָט גאָר אין יעדער שטאָט א ווײַב. ווּהין ער קומט צו פאָרן, האָט ער כאסענע, און ווּ ער טוט אהין די ווײַבער — ווייסט קיינער ניט. א רעכטער פויגל!

בא אנדערע, ווען עס טרעפט זיך אזא נעס, וואָלטן זיי, דאכט זיך, ביידע — די מוטער מיט דער טאָכטער — געמעגט בענטשן גוימל. איז אָבער בא די טשערקאסקיס געוועזן פונקט דער הייפּעך. די אלמאָנע האָט געוויינט און געיאָמערט אפן שלימאזל פון איר טאָכטער און אפן ביזויען, וואָס זיי האָבן געליטן דורכן דאָזיקן שארלאטאן. און די טאָכטער האָט געטרויערט — לעמײַ זי האָט זיך פארליבט אין אים? זי ווייסט, אז ער איז א שארלאטאן, א גאָרנישט מיט א נישט, נאָר זי האָט אים פאָרט אוועקגעגעבן איר הייליקסטע, איר לעבן, און זי האָט



אים ליב, אויב איר ווילט וויסן, נאָך איצט אויך. יאָ, נאָך איצט אויך...

א סאך שריפטשטעלער, ראָמאניסטן, פילאָסאָפן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ: ווי קומט דאָס, וואָס אָפּטמאָל טרעפט, אז א מיידל פארליבט זיך אין א מאנספּארשוין, וואָס איז ניט ווערט אירע טריט? אן אויסוואורף, א גאָרנישט, עפּעס אן אומבאוווּסטער שאָפער פאנגט דאָס האַרץ פון א פּרינצעסן. מענטשן גריבלען זיך אין דער נעשאָמע. ווּ איז דאָ די פּסיכאָלאָגיע? ניטאָ קיין ענטפער! אזוי ווי ס'איז ניטאָ קיין ענטפער אף א סאך-א סאך קאשעס, וואָס די מענטשהײַט פרעגט און דאָס לעבן טוט זיך זײַנס. אמרו לאלהים (אימרו לעעלויהים) — רעדט צו דער לעוואָנע!.. ראָזע ווייסט, וועמען זי האָט אוועקגעשענקט איר האַרץ, איר ערשטע הייליקע ליבע, און זי טראָגט א האס אף זיך אליין און אף דער גאנצער וועלט מיט מענטשן. איר אומגליק איז נאָך פיל גרעסער מיט דעם אליין, וואָס זי טראָגט דעם ווייטעק פארבאָרגן טיף בא זיך אין דער נעשאָמע. זי האָט אפילע ניט, פאר וועמען איר ביטער האַרץ אויסצוגיסן, וואָרעם ווער וועט זי פארשטיין? דער מאמען זאָל זי דאָס זאָגן? — וועט יענע זי פארשילטן און פארשרײַען! צו די ברידער קיין אמעריקע זאָל זי שרײַבן? — קען זי זיי ניט, און זיי קענען זי ניט, און יענע ווייסן דאָך נאָר איין זאך: „ביזנעס!"... איז זי קראנק געוואָרן פאר צאָרעס. און געבעטן אף זיך דעם טויט. קומט אָבער ניט דער טויט אהין, ווּ מע רופט אים... און ראָזע איז געזונט געוואָרן. געזונט און שיין, נאָך שענער ווי פריִער. א רויז, וואָס האלט אין רעכטן בליִען. פון שידוכים וויל זי ניט הערן מער. אז זי איז דערבײַ, טאָר מען אפילע קיין וואָרט ניט זאָגן וועגן דעם... דעריבער, אז ס'איז אָנגעקומען פון אירע קינדער פון אמעריקע דאָס בריוול בעסויך בריוול וועגן דעם גלענצנדיקן שידעך, וואָס זיי האָבן פאר דער שוועסטער אין אמעריקע, האָט די אלמאָנע טשערקאסקי דערפילט, אז דאָס איז דער איינציקער וועג, ווִארום זי קאָן דערלעבן אמאָל א שטיקל נאכעס אין איר איינציקער טאָכטער — און דעריבער איז זי געפאלן כאלאָשעס. טאקע א נאכעס, נאָר וואָס קומט איר ארויס פונעם נאכעס, אז דאָס איינציקע קינד אירס, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ, פאָרט אויך אוועק אהין, אין יענעם ווײַטן לאנד? און דאָס דאָזיקע ווײַטע לאנד האָט דאָך א מײַלע, פּונקט אזוי ווי יענע-וועלט: ווער עס פאָרט אוועק אהין, דער קומט שוין ניט צוריק...

נאָר ניט גענוג די אלמאָנע האָט געקרענקט דערוף, וואָס צוליב דעם גאָלדענעם לאנד פארלירט זי אלע אירע קינדער — איר גאנץ פארמעגן, באדארף זי נאָך אליין ארבעטן אף אלע קוילים און ערשט פּויעלן דורך פארשיידענע וועגן, איבערשפּיצלעך, דיפּלאָמאטישע האמצאָעס און זײַטיקע הילף, אז איר טאָכטער זאָל אײַנוויליקן אף דער נעסיע:

— פאָרט א שוועסטער, אייגנס איז ניט פרעמדס, בלוט איז ניט וואסער... וועסט קומען אהין אפן אָרט, וועסטו זיי גוט אויסמוסערן, אזוי ווי דו קענסט. דו וועסט זיי נאָר פרעגן, ווי פאָרן זיך עס ניט דורך אזעלכע געטרײַע קינדער, ווי זיי, כאָטש איין מאָל אין זייער לעבן אָנקוקן די אלטע מאמע און זיך אָפּגעזעגענען מיט איר, איידער זי גייט אוועק אהין, צו זייער טאטן, אף יענער-וועלט?..

נאָך דעם קומען טרערן. די טרערן טריקענען אויס. אף מאָרגן דאָס אייגענע, נאָר מיט אן אנדער לאָשן:

— פאר דיר, טאָכטער, וועלן זיי זיך שעמען. מיט דיר וועלן זיי זיכער קומען צו פאָרן. ניט אף לאנג, כאָטש אף איין וואָך — איך וויל גאָר מער ניט. איך ווינטש מיר נאָר איין זאך — איך זאָל מיך קענען אָן זיי גוט אָנקוקן! דערנאָך וועלן זיי זיך אוועקפאָרן געזונטערהייט און דו וועסט בלײַבן דאָ, מיט דײַן אלטער מאמע, ביז... עמעצער דארף דאָך מיר צומאכן די אויגן!..

ווידער טרערן. נאָך א נאכט אָן שלאָף. אפן דריטן טאָג שוין ווידער אנדערע ווערטער:

— און אפילע, אז כאסוועשאָלעם זאָלסט ניט פּויעלן בא זיי, אז זיי זאָלן זיך דורכפאָרן אהיים, עפּשער קענען זיי טאקע ניט, וועסטו מיר כאָטש ברענגען צו פירן פון זיי א גרוס, א לעבעדיקן גרוס: ווי זעען זיי אויס, וואָס טוען זיי, ווי לעבן זיי, וואָס עסן זיי, — איטלעכס ברעקל. דאָס וועט זײַן, גלײַך ווי איך אליין זע עס מיט מײַנע אויגן. און דערמלט קאָן איך מיר שוין גיין אין מײַן אייביקער רו ארײַן...

און פון קיין שידעך דערמאָנט זי אפילע ניט, די אלטע דיפּלאָמאטישע מאמע. נאָר טרערן און ווידעראמאָל טרערן און אָבעראמאָל טרערן — ביזוואנען איז דער שיר? קרעפּלעך עסן ווערט אויך, זאָגט מען, נימעס. און ראָזע איז אופגעשטאנען איינמאָל אין א פרימאָרגן און האָט געלאָזט וויסן דער מוטער, אז זי פאָרט, זי פאָרט קיין אמעריקע.

V

## שיפס-ברידער און שיפס-שוועסטער

„צאָרעס פארגרינגערן, צאָרעס דערנעענטערן, צאָרעס פארייניקן"... וואָס איז דער כידעש? — מענטשן פאָרן אזא ווײַטע נעסיִע, זיצן אלע אף איין שיף א וואָך און צוויי וואָכן און אמאָל מער, און לײַדן אלע אף איין צאָרע (יאם-קראנקײַט) און האָבן אלע איין ציל — קומען וואָס גיכער אף דער טריקעניש — ווערט מען ניט ווילנדיק באפרײַנדעט, און אויך ניט ווילנדיק הייבט מען אָן נימעס צו ווערן איינער דעם אנדערן, און מע בעט גאָט, אז מע זאָל שוין דערלעבן אופשטיין אמאָל אין א שיינעם פרימאָרגן און מער ניט זען אָט די און די כאָז, אָט א יענע און יענע מאדאם, אָט אָ דעם און דעם דזשענטלמען... נאָר קאָלזמאן מע איז נאָך אלע איבײַנעם אפן שיף, איז מען נאָך אלץ באאפרײַנדעט און מע מוז באאפרײַנדעט זײַן, וואָ-

גרייכונגען פון א נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וואָס באַקומט די מעגלעכקייט זיך אויסטוישן מיט ליטעראַרישע ווערטן. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַרויס אַף דער אַרענע פון דער אַלגעמיינער אַלפאַרבאַנדישער ליטעראַטור, געוואָרן פּאָפּולער, געוואָרן דאָס אייגנס פון דעם פילנאַציאָנאַלן לייענער. ס'האָט אויך וואָס צו זאָגן דער פאַקט, וואָס ווערק פון ייִדישע שרײַבער ווערן מיט ליבע איבערגעזעצט פון אַזעלכע אָנגעזעענע רוסישע שרײַבער, ווי מאַרשאַק, מאַרטינאָוו, אַנטאָקאָלסקי, יעווטושענקאָ, מעזשיראָוו, סוועטלאָוו, סמעליאַקאָוו אאַ. איבערזעצונגען פון איין שפּראַך אַף א צווייטער איז אַן אַקט פון הויכער פרײַנטשאַפט צווישן שרײַבער, נאָך מער — אַן אַקט פון הויכער פעלקער-פרײַנטשאַפט.

ס'איז דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס בלויז אין איין נומער „דרוזשבא נאַראָדאָוו" פאַר מאַרט 1961 זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן לידער פון 10 הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אַף אייניקע ניט לאַנג צוריק דערשינענע לידער-זאַמלונגען, אין וועלכע עס לאָזט זיך פעסטשטעלן דאָס נײַע, די שטאַרקע און אויך די שוואַכע זײַטן אין דער שאַפונג פון אונדזערע שרײַבער פאַר דעם לעצטן יאָרצענדליק.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט ראָכל בוימוואָל אויסגעזאָגט דעם סאָד:

בלויז אין א גרויס געזאַנג געשעעט
דער וווּנדער:
ס'קלינגט יעדער קאָל מיט אַלע און
באַזונדער.

לייענענדיק די ביכער פון אונדזערע דיכטער, דערשפּירן מיר אין זיי א גרונט-אייגנשאַפט פון די סאָוועטישע שרײַבער — יעדערער פון זיי איז אייגנאַרטיק, אינדיווידועל און אין דער זעלבער צײַט פאַרמאָגן זיי אַלע א סך געמיינזאַמעס. דאָס געמיינזאַמע אַנטפּלעקט זיך אין זייערע פּאַטריאָטישע מאָטיוון, אין זייער אָפּטימיסטישן וועלט-באַנעם.

אין מוישע טייפס געזאַמלטע לידער איז פאַרגעשטעלט דער אָנהייב-וועג פון א דיכטער, וואָס האָט נאָך אין איינער פון זײַנע ערשטע לידער אין יאָר 1923 געשריבן: „לענין — זײַנען מיר!" דער לעבנס-וועג פון א דיכטער א סאָלדאַט, וואָס האָט זײַן ליד, ווי דעם זעלנערישן רוקזאַק, דורכגעטראָגן דורך פײַער און פלאַם.

נאָך דער מילכאָמע האָט אַווראָם גאָנטאַר דערציילט, ווי די דײַטשן האָבן באַרעוו געמאַכט זײַן היימשטאָט. נאָר צווישן בערג מיט אַש האָט ער דערזען, ווי „גאַנץ געבליבן איז די זון". אונטער דער גאַנץ געבליבענער זון בליט שוין לאַנג דאָס אויפגעבויטע סאָוועטישע לעבן. דאָס איז די גרונט-טעמע פון גאָנטאַרס נײַעם בוך לידער.

אין מאָטל גרוביאַנס בוך איז צו זען זײַן פרוכטבאַרע שעפערישע אַנטוויקלונג. „איך האָב גערופן דיך, לעבן!" — הייסט דאָס בוך. ס'איז גענוג א לייען טאָן גרוביאַנס לידער וועגן דער מילכאָמע, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז דער דיכטער, וואָס האָט פאַרביטן דעם „שטרויענעם הוט" אַף א „שטאָלענעם העלם", האָט ניט בלויז גערופן פאַרטיידיקן דאָס לעבן, נאָר אַליין געקעמפט פאַר דעם.

זייער נאַטירלעך מאָלט דער פּאָעט דעם צוריק-קער פונעם לעבן. דאָס לעבן האָט זיך אומגעקערט אָט אַזוי, ווי נאָכן ווינטער קומט ווידער דער זומער. גרוביאַן איז — דורכויס דיכטער. פאַראַן בא אים פּרעכטיקע לידער, כאָטש ניט אַלעמאָל איז זײַן שורע גענוג שטײַף.

יאַנקעוו שטערנבערגס באַנד אויסדערוויילטע לידער, וואָס שליסט אײַן העכער פערציק יאָר שאַפונג, פאָדערט נאָך זײַן פאַרדינטע אָפּשאַצונג אין אונדזער קריטיק.

ס'איז צו באַווונדערן, ווי בא שטערנבערגן האָט זיך דער געדאַנק צונויפגעלעבט מיטן געפיל, ווי דאָס הויך-פּאָעטישע האָט גענומען גיין אין אײַנקלאַנג מיטן אַלטעגלעך-וואָכעדיקן, ווי ער, דער קינסטלער, איז געוואָרן דער הערשער איבערן וואָרט, צווינגענדיק עס זיך „אונטערטעניק לייגן אַפן קלוגן פּאַפּיר".

אין שטערנבערגס ליד איז פאַראַן וואָגיקייט פון געדאַנק און לײַכטקייט פון אָטעם, קלוגע לעבנס-אַסאָציאַציעס און אומיטלבאַרע עמפּינדונג. די אַסאָציאַציעס גייען פון געשיכטע, קולטור, שטייגער, די עמפּינדונג — פון „זעקסטן כוש", וואָס נאָר א דיכטער קאָן פאַרמאָגן.

האַיאָר איז דערשינען אַרן ווערגעליס נײַ בוך לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג — „די צווייטע באַגעגעניש". דאָס בוך עפנט זיך מיט א געזאַנג וועגן מענטשן.

דעם דיכטער, וואָס זינגט וועגן מענטש, גייט אויך אָן דער גורל פון פעלקער. ער רעדט מיט שטאָלץ וועגן דער גרויסער און שטאַרקער „מוטער — אַזיע", וואָס איז פול מיט הייסן ווילן צו באַפרײַונג. מיט אַקשן-שפּרײַז גייט זײַן מוזע דורך אוראַלטער טײַגע, שטרעבנדיק דורכשלאָגן א וועג פאַר גוטע מענטשן-טריט... זײַן שעפעריש אַכרײַעס-געפיל האָט ווערגעליס אויסגעדריקט אין זײַן ציקל „לידער-געבורט". דאָס איז דאָס געפיל פון אַכרײַעס פאַר דער ליד, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעטיילט פונעם דיכטער און „צאַפּלט שוין אַף אַנדערע ליפּן".

שטאַנדהאַפטיק איז מענדל ליפשיצעס היים-געפיל צו זײַן היים, צו דער סוויווע, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן, דאָס געפיל, וואָס דער דיכטער האָט אַזוי מענטשלעך דורכגעטראָגן איבער „טויזנטער ווערסטן".

אין קערלערס בוך „מײַן טאַטנס ווײַנגאָרטן" זײַנען דעריקער אײַנגעשלאָסן די מילכאָמע-לידער. נאָך אַלץ האָט זיך ניט אָפּגעקילט אין זיי דער אָטעם, וואָס דער דיכטער האָט אין זיי אַרײַנגעהויכט אין יענע גרויזאַמע יאָרן.

אין מעלעסינס בוך „לעבעדיקע וואָרצלען" איז צו זען דעם דיכטערס פאַרוואָרצלטקייט אינעם לעבן. ער ווענדט אָפּט זײַן בליק צו דער




קינדהייט, קערט זיך אום צו זײַן געזונטן שטאָם, צו דער האָרעפּאַשנער סוויווע, צו די פּאָלקסמאַסן. מעלעסין אידעאַליזירט ניט דעם אַלטן שטייגער. אימפּעטיק יאָגט איצט דאָס נײַע לעבן, אָבער ניט אַלעמאָל קען ער, דער דיכטער, דאָס אָניאָגן. זײַן קרעפּטיקע שורע ווערט ניט זעלטן פאַרביטן מיט אַזאַ, צו וועלכער דער לייענער בלײַבט גלײַכגילטיק. פון איין שורע שמעקט מיט וואַלד און פון אַן אַנדערער, ווי מעלעסין איז זיך אַליין מודה אין א ליד, בלויז מיט טינט און פּאַפּיר. אָט די טרעפלעכע זעלבסטכאַראַקטעריסטיק דאַרף נאָך מער פאַרשטאַרקן באַם דיכטער די אַכרײַעס פאַר זײַן שאַפונג.

שיקע דריז האָט אין די לעצטע יאָרן אין זײַנע בעסטע לידער זיך דערקלײַבן צום פרישן קוואַל פון דער געזונטער פּאָלקסטימלעכער טראַדיציע. פיל לידער דריזס זײַנען סוזשעטיש, פאַרמאָגן אָריגינעלע בילדערישקייט, אומגעריכטע אײַנפאַלן.

און דאָך איז נייטיק אָנווײַזן דריזן, אַז אָפּט סטיליזירט ער און פאַרליטעראַרישט די ליד. ניט זעלטן לייגן זיך בא אים די פערזן אַף פּאַפּיר, ווי יענע קאַלטע שטיינערלעך אַפן ברעג פון יאַם: די כוואַליעס האָבן זיי, עמעס, אָפּגעשליפן, נאָר די אָפּשײַן פון דער זון איז אַף זיי ניט געפאַלן...

ראָכל בוימוואָל האָט די לעצטע יאָרן געשאַפן שיינע לידער פאַר קינדער. קימאַט אַלץ, וואָס זי זאָל ניט זאָגן וועגן קינד אָדער פאַרן קינד, איז אומיטלבאַר, באַצײַנט מיט אייגנאַרטיקער פּאָעטישער שפּראַך און בילד.

זי שרײַבט אויך לידער פאַר דערוואַקסענע— לידער וועגן נאַטור, וועגן ליבע, וועגן טרוים, וועגן ליכט און שאָטן אאַוו. אָבער אָפּט קומט אויס מאַמעש צו שטוינען, ווי די דיכטונג ווערט בא ר. בוימוואָל אָפּט דערפירט צו א זעלבסטציל, ווי זי לײַדיקט אויס א ליד פון אינהאַלט צוליב „פּאָעטישע" עפעקטן. אין אַזעלכע לידער זעט מען ניט קיין לעבעדיקן מענטשן — בלויז א דיכטערן, וואָס שפּילט זיך מיט אירע אייגענע געפילן.

אין איינער א ליד דריקט אויס בוימוואָל איר פאַרלאַנג זיך דערקלײַבן, פאַרטײַענדיק דעם אָטעם און אַף די שפּיצפינגער, צו א פאַנטאַסטישן קוואַל, וואָס ווי נאָר ער שלאָגט אַרויס, אַזוי פאַרשווינדט ער. ס'איז נייטיק, אַז די טאַלאַנטפולע דיכטערן זאָל זיך א קער טאָן צו די לעבנסקוואַלן, וואָס הערן ניט אויף צו שלאָגן אַף אונדזער ערד, א גיי טאָן ניט אַף די שפּיצפינגער, נאָר מיט פעסטע טריט.

די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע און פּאָעזיע פון די פופציקער יאָרן, כאָטש זי האָט געבראַכט א שלאַל נײַע מאָטיוון, האָט נאָך ווײַט ניט גענוג פאַנאַנדערגעאַרבעט די טעמע פון הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

„אין יעדן פון אונדזערע מענטשן, — האָט געהאַט געשריבן פּאַליקמאַן אין זײַן דערציילונג „ווײַנטרויבן", — איז דאָ א פּערל; מע דאַרף אים קענען געפינען, דערגרונטעווען זיך צו אים, און עס איז א גרויסע פרייד, ווען מע געפינט דעם דאָזיקן פּערל אינעם מענטשן".

א סאַך העלם און צוזינגענדיקס איז פאַראַן אין די מענטשן, וואָס פּאַליקמאַן האָט געשילדערט אין זײַנע פאַר- און נאָכמילכאָמעדיקע ווערק. איצט איז זײַן ציל דערגרונטעווען זיך צום „פּערל" אינעם העלד פון אונדזער צײַט. דאָס איז אויך דער הויכער ציל פון אַלע אונדזערע שרײַבער.

עס הייבן זיך שוין אָן באַווײַזן די נײַע ווערק — די ווערק פון די זעכציקער יאָרן.

אין ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז טעוויע גען געקומען מיט א גרעסערער דערציילונג „אין דער היימשטאָט", אין וועלכער א סאָוועטישער אינזשעניר דערציילט זײַן לעבנס-געשיכטע. דאָס דאָזיקע ווערק האָט א דירעקטע באַדײַטונג פאַרן פּראָצעס פון אָנזאַמלונג פון דער נײַער טעמע.

גענס דערציילונג איז נײַ סײַ מיט דער שילדערונג פון דער הײַנטצײַטיקער שטאָט, סײַ מיט איר אינדוסטריעלן פּייזאַזש. מיט נײַע שטריכן זײַנען באַשאָנקען די העלדן. נײַס האָט גען אויך אַרײַנגעבראַכט אין זײַן נוסעך פון רויִקער, געמיטפולער דערציילערישקייט און טמימעסדיקן הומאָר.

ניט נאָר דער הויפּט-העלד, אַפילו אייניקע בײַגעשטאַלטן דערוועקן אינעם לייענער א ברידערלעכן געפיל, קריצן זיך אײַן אין זיקאָרן. אַזוי פאַרגעדענקען זיך מיט זייער מענטשן-ליבע די רוסישע פרוי ווערא אַנדרייעוונאַ, וואָס נעמט צו זיך א ייִדיש קינד אין דער צײַט פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע, און וויקטאָר פּעטראָוויטש אַלכאָוואָי, וואָס האָט געראַטעוועט פון אַן אומגליקס-צופאַל א שילערן אַפן זאַוואָד און איז דערבײַ אַליין געוואָרן בלינד.

גען שילדערט, ווי עס ווערט געבוירן א ליבע — ניט אין דער אַמאָליקער „קעלער-שטוב", נאָר אין זאַוואָד. בראָניע קראַוועץ — די געוועזענע קראַן-מאַשיניסטן — האָבן אומגעבראַכט די פאַשיסטן. איר מאַן איז געבליבן לעבן, פאַרהיטנדיק אין זײַן האַרצן איר אָנדענק אינײינעם מיטן ליבע-געפיל, וואָס פילט אָן מיט די ליכטיקסטע האָפענונגען. דאָס לעבן ווערט קעגנגעשטעלט דעם טויט, די פרייד באַזיגט די מאָרעשכוירע.

דער געוועזענער זייגערמאַכער געדאַליע באָקסערמאַן איז דורכגעגאַנגען דעם פאַשיסטישן גענעם. דער רייעך פון טויט-לאַגער האָט בא אים פאַרטריבן אַלע רייכעס פון לעבן. אין זײַן לאָשן זײַנען פאַרבליבן נאָר די ווערטער: „צאָרעס", „אומגליק", „טויט". וווּהין ער זאָל זיך ניט קערן און ווענדן גייט אים נאָך די מאָרעשכוירע... נאָר אָט האָט זיך דער מאָרעשכוירעניק געטראָפן מיטן בליק פונעם ערשטגעבוירענעם קינד. דאָס קינד צענעמט די ליפּעלעך און עס באַווײַזט זיך אַף זיי א סימען פון א שמייכל. עפּעס ענלעכס אַף א שמייכל האָט זיך אויך באַוויזן אַף די טרוקענע, בלוילעכע

דעם באַזונדערס טראַגישן פּערזאָר אין שוועטשענקאָס לעבן — די פאַרשיקונג — שילדערט דער דיכטער א. גאָנטאַר אין זײַן ליד „א צווײַג פון אוקראַינע":

...דער ווינט האָט באַגלייט אים, זײַן ליד
אים געזונגען,
און ער איז געגאַן, מיט די קייטן געקלונגען.
דער דניעפּ האָט געראַוישט און געקלאַפּט
אין די ברעגן,
מע האָט אים געיאָגט פון אוקראַינער וועגן.
און ס'האָבן געשריגן די פעלדער,
די שטיבער:
— טאַראַסע, טאַראַסע, וואָס לאָזטו אונדז
איבער?..
...דער ווינט האָט געשעפּטשעט צו אים
אינעם אויער:
— עס יאָגט דיך דער צאַר, נאָר דאָס פאָלק
איז אין טרויער...

אין זײַן דערציילונג „דער שוואַרצער ברודער" ווײַזט י. פאַליקמאַן אַן עפּיזאָד פון שוועטשענקאָס פרײַנטשאַפט מיטן באַוווסטן אַקטיאָר — דעם נעגער אַלדריזש. מיר זעען דאָ דעם קאָבזאַרס סימפּאַטיעס צו די פאַרשקלאַפטע זין פון אַנדערע פעלקער.

שעווטשענקאָס הומאַניסקײַט, זײַן שײנע צאַרטע נעשאָמע, אויך זײַן רײַכע פאַנטאַזיע ווערט באַוויזן אין ה. אָרלאַנדס דערציילונג „א נאַכט אין סטעפּ". די אומגעהײַערע פּאָפּולערקײַט פון שעווטשענקאָן איז געשילדערט אין ש. שקאַראָווסקיס דערציילונג „דער לעצטער וועג" און אין מ. אַראָנסקיס „דער פּאָרטרעט".

אונדזערע דיכטער באַזינגען שעווטשענקאָס אײַנגעוועבטקײַט אינעם לעבן פון דעם פאָלק.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע האָט שעווטשענקאָס פרײַהײַטליבנדיקע ליד, זײַן לײַדנשאַפטלעך-צאָרנדיק געזאַנג געמוטיקט און באַגײַסטערט דעם סאָוועטישן שלאַכטמאַן:

באַ ליכט פון שטערן, איבער פעסטונגען
פון ראַנד
באַטרינקען פאַרן שלאַכט מיט דעם קאָבזאַר
זיך דײַנע זין איצט
און שווערן באַ דעם גרעסטן זיכגער פונעם
לאַנד,
אַז קיינער וועט ניט אײַנבויגן דעם קאָפּ
פון אוקראַינע! —

אַזוי זינגט פּאָעטיש פּערעץ מאַרקיש אין סאַמע ברען פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

דער דיכטער מוישע כאַשטשעוואַצקי, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט, גיט איבער אין זײַן ליד „דער פּאַרטיזאַן טאַראַס" די לעגענדע וועגן דעם, וויאַזוי טאַראַס גייט אַרויס אין שלאַכט קעגן די סאָנים.

מ'האָט א סאַך מאָל אים געפאַנגען,
פיל מאָל טויטן אים נעפּרוווט,
אים געשאָסן, אים געהאַנגען,
נאָר טאַראַס לעבט ווידער אוף...
ס'איז מיט אים דאָס פאָלק דאָס גרויסע, —
דאָס איז ער אַליין דאָס פאָלק...

אונדזער ווײַט ניט פולע איבערזיכט ווײַזט, ווי הויך די שעפער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור שעצן דעם גענאַלן קאָבזאַר טאַראַס גריגאָריעוויטש שעווטשענקאָן.

כאַים לויצקער.

# אַרום בערגעלסאָנס פּראָזע

ווען בערגעלסאָנס פּראָזע קאָן מען, פונקט ווי וועגן ווערק פון א באַליבטן דיכטער, זאָגן: וויפל מאָל און אף וועלכן זײַטל איר זאָלט ניט עפענען דאָס בוך, וועט איר אומבאַדינגט אָנגערעגט ווערן פון זײַן דיכטערישן געמיט. און מעגט איר אפילע געדענקען דאָס בוך אף אויסווייניק, וועט יעדע שורע זײַנע זיך אַנטפּלעקן פאַר אײַך, ווי א נײַע און אומגעריכטע.

בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען" הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינשטעטלדיקער שידעך"... דער דאָזיקער אָנהייב, אָן אָנהייב פון דער מיט, וואָס רופט באַלד אַרויס א שלאַל אַסאָציאַציעס, פאַרמאָגט זיבן כיינען פון א ביז גאָר פאַראַלגעמיינערטער, קאָנדענסירטער דיכטערישער שורע.

דאָס וואָרט „דיכטונג" ווערט געוויינלעך באַנוצט אין אונטערשייד צום וואָרט „פּראָזע". לייענענדיק אָבער בערגעלסאָנען, קומט אפן זינען דער ברייטערער, אורשפּרינגלעכער באַטײַט פונעם וואָרט „דיכטונג". מירעלע הורוויץ, וואָס איז אַזוי מאַמאָשעסדיק געשילדערט, — צי איז זי ניט קיין פּאָעטישע זעונג? און צי קאָן מען צווייפלען אין דער באַדײַטנדיקער ווירקונג פונעם פּראָזאַיקער דאָוויד בערגעלסאָן אף אייניקע פון אונדזערע בעסטע דיכטער?

ווילט זיך איצט, בלעטערנדיק דאָס ערשט ניט לאַנג דערשינענע בוך בערגעלסאָנס[1], טיילן זיך מיטן לייענער מיט אייניקע געדאַנקען.

„אײנעמס א וועג" — אַזוי האָט בערגעלסאָן אָנגערופן די דערציילונג וועגן דעם יונגן פורמאַן אבע, וואָס האָט זיך געלאָזט אין א ביטערער צײַט זוכן זײַן קאַלע און איז גאָר געקומען אין נ-סקער פּאָלק, וווּ ער איז שוין פאַרבליבן אַלס פרײַוויליקער שלאַכטמאַן.

אײנעמס א וועג — א גלײַכער אָדער א קרומער, אַן אײַנגעשלאָסענער אין א קרײַז, וואָס פירט ניט אין ערגעץ, אָז'ער א געשלענגלטער, נאָר דאָך מיט אַן אויסגאַנג, דער וועג פונעם יאָכיד, וואָס פלעכט זיך איבער מיט וועגן און שטעגן פון פיל אַנדערע יעכידים און איז דאָך אף קיינעמס וועג ניט ענלעך, — אָט מיט דעם איז בערגעלסאָן געקומען אין דער ליטעראַטור.

י.-ל. פּערעץ, וואָס האָט מיט זײַן גאַנצן וועזן און שאַפן דעמאָנסטרירט די דיפערענצירטע פּערזענלעכקײַט, האָט זי אמערסטנס אויסגעפונען אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט, אין דער פאָלקסמײַסע. אין זײַן פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע האָט דאָס הויפּטאָרט פאַרנומען די קאָנטראַסטן-סיטואַציע, באַ וועלכער עס קומען אין א צוזאַמענשטויס מענטשלעכע לײַדנשאַפטן און ס'ווערן געלייזט געזעלשאַפטלעכע און עטישע פּראָבלעמען. די באַוועגקראַפט פון זײַנע דערציילונגען איז דעריבער ניט אַזוי די אויסערלעכע שילדערונג, ווי דער אָנגעשטרענגטער דיאַלאָג. שטרעבנדיק צו עפענען דאָס געשלאָסענע מויל פון דעם פילגעפּײַניקטן באָנציע שווײַג, האָט פּערעץ אַלע זײַנע יאָרן געזוכט דאָס שטאַרקע, אויסדריקלעכע, שאַרפע וואָרט, וואָס זאָל אופטרייסלען.

בערגעלסאָן, א שרײַבער גאָר פון אַן אַנדער טעמפּעראַמענט, א שרײַבער, וואָס איז געקומען אין דער ליטעראַטור ניט אין קיין עפּאָכע פון שטורעם און דראַנג, נאָר, פאַרקערט, אין יאָרן פון רעאַקציע האָט דאָך פאָרגעזעצט די פּערעץ-מעסוירע און אַנטדעקט דערבײַ גאָר א נײַע וועלט. „דאָוויד בערגעלסאָן איז אי א סאַכאַקל, אי אַן אָנהייב"—כאַראַקטעריזירט זייער טרעפלעך די באַדײַטונג פון בערגעלסאָנס שאַפונג ה. רעמעניק אין זײַן אינטערעסאַנטן פאָרוואָרט צום בוך.

בערגעלסאָן האָט געבראַכט מיט זיך די פאַרטיפונג אינעם אינערלעכן לעבן פונעם מענטשן; ער איז געקומען מיט זײַן ראַפינירטן פּסיכאָלאָגישן געמעל. מיט זײַן פײַנער, קינסטלעריש-אויסגעשפּילטער דעטאַל; ער האָט זיך ערגעץ אף זײַן ליטעראַרישן וועג באַגעגנט מיט טשעכאָוון, פאַרהיטנדיק די אייגענע בייזע שאַרפקײַט, אײַנגעזאַפּט לעסאָף שאָלעם-אַליכעמס האַמוינישקײַט און איז פאַרבליבן דאָוויד בערגעלסאָן, ווי דאָס געשעט מיט יעדן באַדײַטנדיקן קינסטלער. צום אונטערשייד פון פּערעצן, ליגט בערגעלסאָנס קינסטלערישע קראַפט ניט אַזוי אינעם דערציילן, אָדער אינעם קאָנפליקט, ווי אינעם שילדערן. ער שלײַפט און פײַלט דאָס בילדערישע וואָרט, און ס'איז באַ אים פול מיט פאַרב, מיט רייעך, מיט קלאַנג. דער דיאַלאָג טרעט באַ בערגעלסאָנען אָפּ דאָס אָרט דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג, וואָס פּאַסט אמבעסטן צו דער פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפטקײַט פון זײַנע פּערסאָנאַזשן. אין אין אַבסאָליוטער האַרמאָניע מיט זיי געפינען זיך אויך בערגעלסאָנס שטימונגספולע נאַטור-בילדער. וואָס איז שײַעך דער נאַטור-שילדערונג, איז דאָ בערגעלסאָן דער ערשטער גרויסער מײַסטער אין דער ייִדישער פּראָזע.

אין זײַנע זיכרוינעס וועגן פּערעצן דערציילט בערגעלסאָן, וויאַזוי ער איז אין 1909 יאָר צוגעקומען צו פּערעצעס טיר און ניט געוואַגט אין איר אָנצוקלאַפּן. דאָס שילד אף דער טיר האָט אים ווי געוואָרנט מיט די ווערטער פון פּערעצעס א דערציילונג: „בעסער די גרעסטע יעסורים, איידער גאָרנישט. גאָרנישט איז שרעקלעך". א פאַרציטערטער, צי האָבן ניט די דאָזיקע ווערטער קיין שײַכעס צו זײַנע פאַרשריבענע העפטלעך, איז דער יונגער שרײַבער יענעם טאָג פּערעצעס שוועל ניט אריבערגעטראָטן.

פּערעצעס געדאַכטע וואָרענונג איז אַרײַן אין בלוט און פלייש פון בערגעלסאָנס שאַפן. מירעלעס פײַן שטאַמט דורכוים פון ניט קענען און ניט וועלן צופּאַסן זיך צו דעם „גאָרנישט", אין וועלכן זי לעבט. אירע טרויעריקע בלויע אויגן קוקן מיט שטילן פאָרוווּרף, מיט א טײַנע צו דער וועלט, וואָס האָט זי, די שיינע, די פאַרטרוימטע און בענקענדיקע, אַרומגערינגלט מיט אַזאַ וויסטן הו-האַ, מיט אַזאַ פּוסטן ראַש, מיטן „טראַסק אפן גווירישן שטייגער". עס דערהייבט זי איבער איר סוויווע דער פאַראַקשנטער ווידערשטאַנד קעגן אינערעץ, קעגן „לײַטישער" באַלעבאַטישער מאָנאָטאָנישקײַט, קעגן דעם שרעקלעכן „גאָרנישט". זי בענקט און וואַרט, וואַרט אף עפּעס באַדײַטנדיקס, וויכטיקס, וואָס דאַרף קומען, וואָס וועט איר עפענען די אויגן אפן „איקער אין לעבן". מירעלעס נעשאָמעצאַפּל איז זייער קרויוויש צו דעם וווײַטעקפולן געמיט פון טשעכאָווס „דרײַ שוועסטער"...

ווען מירעלען קומט אפן זינען דער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד, איז איר א שאָד אירע שיינע הענט. און אונדז, די לייענער, איז אויך א שאָד אירע שיינע הענט און אירע שיינע אויגן, און מירעלע אינגאַנצן גענומען, ווי זי שטייט און גייט. מיר באַדויערן די שיינהײַט, וואָס איז אופגעגאַנגען אף א פרוכטלאָזן באָדן און האָט קיינעם קיין גליק ניט געבראַכט.

מיט יאָרן שפּעטער האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן זײַן וווּנדערלעך ווערק „דזשירא-דזשי-

[1] דאָוויד בערגעלסאָן. אויסגעוויילטע ווערק. מעלוכע-פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור. מאָסקווע, 1961.

(לידער). זש. „פאָרפּאָסט“, נומ. 6, ביראָבידזשאַן, 1938.

שלאַנקע צעדערן, שיידוועג (לידער). אין אַלמאַנאַך „אָנהייב“, 1940.

**ראָסין ש.**

מויערקעפּלעך (לידער). כאַרקאָוו, „האָפענונג“, 1919, 82 ז.

זין און טעכטער (פּאָעמע). מאָסקווע, „דער עמעס“, 1934, 167 ז.

פאַרליבטערהייט (לידער). מאָסקווע, „דער עמעס“, 1938, 214 ז.

טרײַהייט (פּאָעמע). ווילניוס—מאָסקווע, „דער עמעס“, 1941, 203 ז.

דער מענטש. באַרג אַרוף. דער וועג (לידער). אין זאַמלונג „פאַרן היימלאַנד, אין שלאַכט!“, מאָסקווע, 1941.

**רימיניק י.**

ערשטע פינף יאָר יידישער טעאַטער אין אָדעס (1879—1883). זש. „רויטע וועלט“, 1926, נומ. 12.

צו דער געשיכטע פונעם „פּויליש יינגל“. „צײַטשריפט“, ב. V, 1931.

מיטיילונגען צו דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור און טעאַטער (אין 19-טן יאָרהונדערט). אין בוך „מענדעלע און זײַן צײַט“, מאָסקווע, 1940.

**רייזין ר.**

לידער. מינסק, ווײַסר. מעל.-פאַרלאַג, 1940, 56 ז.

פון אורלויב (ליד). זש. „שטערן“, 1941, נומ. 1.

**רעדקאָ וו.**

וועגן אַלעווסקים בוך פּראָזע. זש. „סאָוועט. ליטעראַטור“, 1940, נומ. 11—12 (וועגן ב. אַלעווסקים בוך „אָנהייב לעבן“).

אַ רעגן אינסטעפּ (ליד). אין אַלמאַנאַך „אָנהייב“, 1940.

**שוועדיק ה.**

סטאַרט (לידער). מינסק, ווײַסר. מעל.-פאַרלאַג, 1934, 151 ז.

לידער. מינסק, ווײַסר. מעל.-פאַרלאַג, 1939, 106 ז.

**שמאַין נ.**

איינאַקטערס (פאַר דער בינע). מינסק, ווײַסר. מעל.-פאַרלאַג, 1935, 39 ז.

באַם אָפענעם פאַרהאַנג (דרײַ איינאַקטערס). קיעוו, נאַצמינדפאַרלאַג, 1939, 70 ז.

---

# כראָניק

## די אַרטיקלען וועגן ל. נ. טאָלסטאָי אין וו. אי. לענינס געזאַמלטע ווערק

צווישן די ווערק, וואָס דער גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וולאַדימיר איליטש לענין האָט געווידמעט ליטעראַטור-פּראָבלעמען, פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט די אַרטיקלען וועגן ל. נ. טאָלסטאָי. לענינס אַרטיקלען „ל. נ. טאָלסטאָי“, „ל. נ. טאָלסטאָי און די הײַנטצײַטיקע אַרבעטער-באַוועגונג“, „טאָלסטאָי און דער פּראָלעטאַרישער קאַמף“, „ל. נ. טאָלסטאָי און זײַן עפּאָכע“ גייען אַרײַן אינעם צוואַנציקסטן באַנד פון דער פולער אויסגאַבע פון וו. אי. לענינס געזאַמלטע ווערק, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען.

אין זײַנע אַרטיקלען וועגן טאָלסטאָיס שאַפונג האָט לענין געגעבן אַ טיפן אַנאַליז פון דער ליטעראַרישער ירושה, וועלכע עס האָט געלאָזט דער גרויסער רוסישער קלאַסיקער.

## טאָג פון פּאָעזיע

מיט זעקס יאָר צוריק, אין 1956, איז אין מאָסקווע צום ערשטן מאָל דורכגעפירט געוואָרן דער „טאָג פון פּאָעזיע“. אינעם דאָזיקן טאָג האָבן די דיכטער זיך באַגעגנט מיט ליבהאָבער פון פּאָעזיע אויף די אונטערנעמונגען, אין די קולטור-פּאַלאַצן, קלובן און ביכער-קראָמען. די דיכטער האָבן פאָרגעלייענט זייערע ווערק, פאַרקויפט ביכער, געגעבן אווטאָגראַפן.

פון דעמלט אָן איז געוואָרן אַ טראַדיציע אַלע יאָר, אָנהייב האַרבסט, פײַערן אָט דעם יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע. דעם בײַשפּיל פון מאָסקווע האָבן איבערגענומען פיל שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

צום „טאָג פון פּאָעזיע“ דערשײַנט אַלע מאָל אַ זאַמלונג פון די בעסטע לידער פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר.

אין דער זאַמלונג „טאָג פון פּאָעזיע“, וועלכע די דיכטער האָבן אַרויסגעלאָזט האַיאָר לעכּאָוועד דעם XXII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, זײַנען פאַרגעשטעלט 170 נעמען, אָנגעהויבן פון די פאָרשטייער פונעם עלטערן דיכטערישן דאָר ניקאָלײַ אַסייעוו, וואַסילי קאַזין, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, אאַ., און ביז די יונגע אַנדריי וואָזנעסענסקי, יעווגעני יעווטושענקאָ.

אין דער זאַמלונג באַטייליקן זיך אויך באַ פערציק אָנגעזעענע פּראָגרעסיווע דיכטער פון אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אַמעריקע און אַוסטראַליע.

---

די כראָניק האָט צוגעגרייט מ. שולמאַן.

## „לענין אין פּאַריזש“

אויף דער אויסשטעלונג פון דעם באַקאַנטן מאָלער אַמשיי ניורענבערג, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט דער מאָסקווער פאַריין פון די סאָוועטישע קינסטלער, האָט באַזונדערס צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט די סעריע צייכענונגען „לענין אין פּאַריזש“. לענין צווישן פאָלקסמענטשן — אַזאַ איז די טעמאַטיק פון די דאָזיקע לירישע ווערק. עס זעט אויס, ווי אַמשיי ניורענבערג, וועלכער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן צוזאַמען מיט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין געאַרבעט אין די באַרימטע „ראָסטאַ“-וויטרינעס, וואָלט גענומען אַלס עפּיגראַף צו זײַן סעריע געמעלן „לענין אין פּאַריזש“ דעם פּאָעטס באַפליגלטע ווערטער וועגן לענינען: „דער סאַמע מענטשלעכער מענטש“.



„לענין אין פּאַריזש“.
צייכענונג פון אַ. ניורענבערג

דיי‏ִשע אָנהענגער באַדראָען ווײַטער, איז נאָך אַלץ אַ צײַט פֿון מידראַס האַדין. אַט פֿאַרוואָס מע דאַרף מישפּעטן און מע טאָר ניט אַרײַנפֿאַלן אין אויסזיכטלאָזן פּעסימיזם".

### אַ קאָרבן פֿון סעגרעגאַציע

די וואַרשעווער „פֿאָלקס-שטימע" דערציילט וועגן אַ פֿאַקט, וואָס איז טיפּיש פֿאַרן אַמעריקאַנער קולטור-לעבן:

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער לעבט איבער ערנסטע שוועריקײַטן, באַווײַזן זיך דאָך פֿון צײַט צו צײַט דראַמעס, וועמענס אויטאָרן באַמיִען זיך אַרויסברענגען אויף דער בינע די סאַמע אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פֿון זייער לאַנד. צו די דאָזיקע פּיעסן ווערט פֿאַרעכנט „דער שוואַרצער מאָנטיק" פֿונעם דראַמאַטורג רעדזשינאַלד ראָוז.

ראָוז האָט זיך געווענדעט צו איינער פֿון די שאַרפֿסטע אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן טעמעס — צום ראַסיזם. רעצענזירנדיק די דאָזיקע פּיעסע, האָט מאַרק גיובערי געשריבן אין „וואָרקער": „שוין לאַנג האָט נישט געקלונגען אויף דער בינע אַזוי שטאַרק אַ הײַנטצײַטיקע טעמע".

אָבער אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן איז נישט לײַכט אויפֿצופֿירן אַ רעאַליסטישע פּיעסע. די נײַע דראַמע פֿון רעדזשינאַלד ראָוז האָט ניט דערזען די ראַמפּע-שײַן. די פּיעסע, וועלכע דערציילט וועגן קאַמף קעגן ראַסן-דיסקרימינאַציע אין אַ קליין דאָרעם-שטעטל, איז סעגרעגירט געוואָרן דורך די טעאַטער-דירעקטאָרן.

### פּ. נאָוויק — 70 יאָר

אין סענטיאַבער איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער זיבעציקסטער געבורטסטאָג פֿון פּייסעך נאָוויק — דעם רעדאַקטאָר פֿון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער צײַטונג אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע „מאָרגן-פֿרײַהײַט". די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך געווענדעט צום יוביליאַר מיט פֿאָלגנדיקער באַגריסונג:

„טײַערער פּייסעך נאָוויק!

די רעדאַקציע און די מיטאַרבעטער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" שיקן אײַך די בעסטע ווּנטשן אין טאָג פֿון אײַער יובילײ.

אַלס אָנגעזעענעם און טאַלאַנטפֿולן פּראָגרעסיוון טוער און זשורנאַליסט, אַלס וועטעראַן פֿון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער פּרעסע קענען מיר אײַך אין משך פֿון צענדליקער יאָרן. מיר ווייסן אײַך, ווי אַ גלענצנדיקן פּובליציסט און שרײַבער, אַ קעמפֿער פֿאַר די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. מיר שעצן הויך אײַער בײַטראָג אין געביט פֿון פֿעסטיקן די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן די פֿעלקער פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אַמעריקע — אין קאַמף פֿאַר שאָלעם אויף דער גאָרער וועלט".

---

### פֿון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד"

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פֿונעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אין אַדרעס פֿונעם זשורנאַל אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל באַגריסונגען.

די רעדאַקציע דריקט אויס איר טיפֿן דאַנק די אָרגאַניזאַציעס, אַנשטאַלטן, שרײַבער, קולטור־טוער און פֿילצאָליקע לייענער פֿאַר די וואַרעמע באַגריסונגען און גוטע ווּנטשן.

---


**„СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД" („СОВЕТСКАЯ РОДИНА")**

Орган Союза писателей СССР

**ИЗДАТЕЛЬСТВО „СОВЕТСКИЙ ПИСАТЕЛЬ"**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: Главный редактор—Б 8-27-91; ответственный секретарь—К 4-46-69; отдел прозы—Б 3-96-07; отделы поэзии и критики—Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор Л. М. Дворкин
Корректор Б. А. Гершман

Подписано к печати 29/IX 1961 г. Тираж 25.000 экз. Формат бумаги $70 \times 108^1/_{16}$. Печ. л. 8(10,96).
Уч.-изд. л. 11,557. Бум. л. 4+вкладка $^1/_8$ л. Цена 50 коп. Зак. 2767.

Московская типография № 3 «Искра революции» Мосгорсовнархоза.


## אין דעם ליטעראַריש-קינסטלערישן זשורנאַל

# „סאָוועטיש היימלאַנד"

ווּעלן געדרוקט ווערן ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמאַטישע ווערק, קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגען, פּאָעמעס, לידער, ליטעראַטור-פֿאָרשערישע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען פֿון די סאָוועטישע שרײַבער.

**אין „סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן רעגולער אָנטייל נעמען:**

נאָכעם אויסלענדער, מוישע איטקאָוויטש, מוישע אַלטמאַן, נאַטאַן אַלטמאַן, מוישע אַלטשולער, מייער אַקסעלראָד, הירש אָשעראָוויטש, ריווע באַליאַסנע, איטשע באָרוכאָוויטש, סאַלוואַדאָר באָרזשעס, יוסעף בוכבינדער, ראָכל בוים־וואַל, כאַיִםביידער, הירש בלאָשטיין, הירש בעריאָזקין, דאָוויד בראָמבערג, איציק בראַנפֿמאַן, אַווראָם גאָנטאַר, עליע גאָרדאָן, שאָלעם גאָרדאָן, שמועל גאָרדאָן, מענדל גאָרשמאַן, שירע גאָרשמאַן, אַלעקסאַנדער גובניצקי, טעוויע גען, מאָטל גרוביאַן, מאָטל גראָוומאַן, הירש דאָבין, כאַיִם דאָבין, אירמע דרוקער, שיקע דריז, אויזער האָלדעס, וועלי האָפּשטיין, מוישע העלמאָנד, אַרן העפּטער, ליובע וואַסערמאַן, אַמאַליע וואָרטמאַן, כאַנע ווײַנערמאַן, ז. וואַנדראָוו, אַרן ווערגעליס, ס. ווערִיטע, נאַטאַן זאַבאַרע, כאַיִם זילבערמאַן, כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, אַלעקסאַנדער טישלער, מוישע טייף, זיאַמע טעלעסין, שלוימע טשערניאַווסקי, יוסעף טשערניאַק, ליובע טשערניאַק, לייב יאַמפּאָלסקי, פּייסי יאַנאָווסקי, יאַנקל יאַקיר, יאַנקל יאַסאַדע, מייער יעלין, מייער כאַראַץ, שיפֿרע כאַלאָדענקאָ, דווירע כאַראָל, דאָרע כײַקין, נאָטע לוריע, עפֿראַיִם לויטער, כאַיִם לויצקער, יעשוע ליובאָמירסקי, מענדל ליפֿשיץ, מישע לעוו, יאַנקעוו לעווין, כאַנע לעווין, ל. לערמאַן, יאָסל לערנער, כאַיִם מאַלטינסקי, בוזי מילער, כאַיִם מעלאַמוד, כאַצקל נאַדעל, מוישע נאָטאָוויטש, מאָטל סאַקציער, שמועל סענדערײ, ייִסראָעל סערעבריאַני, הירש פּאָליאַנקער, לייב פּולווער, יעכיִעל פֿאַליקמאַן, עליע פֿאַלקאָוויטש, אַבע פֿינקעלשטיין, נאָכעם פֿרידמאַן, סאָניע פֿרײַ, אַווראָם קאַהאַן, בלומע קאָטיק, יוסעף קאָטליאַר, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, איציק קיפּניס, פּיניע קיריטשאַנסקי, יוסעף קערלער, הירש קראַווצאָוו, יוסעף ראַבין, סיאָמע ראַבינאָוויטש, הירש ראַבינקאָוו, מאַרק ראַזומני, ליימע ראָזנהויז, מענדל ראָזנהויז, ריווקע רובין, עפֿראַיִם רויטמאַן, שלוימע רויטמאַן, מאַקס ריאַנט, יאַנקל ריוועס, הירש רעלעס, הירש רעמעניק, מ. שאַמבאַדאַל, מ. שאַץ־אַניִן, מויני שולמאַן, מאָטל שטורמאַן, יאַנקעוו שטערנבערג, עליע שעכטמאַן, יעכיִעל שרײַבמאַן און אַנדערע.


די אַבאָנירונג אויפֿן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נעמען אָן די קאָנטאָרן פֿון „סאָיוזפּעטשאַט".
דער זשורנאַל דערשײַנט 6 מאָל אין יאָר.
אַבאָניר־פּרײַז — 3 רובל אַ יאָר.
פּרײַז פֿון איין נומער — 50 קאָפּ.

Цена 50 коп.

# советиш геймланд

## •СОВЕТСКАЯ РОДИНА•

### В НОМЕРЕ:


И. Рабин. Город на Урале (повесть)
Рассказы Г. Добина, Вл. Тихомирова, Г. Блоштейна, Н. Лурье, Б. Миллера.
Г. Ошерович. Предостережение (поэма)
Стихи Х. Бейдера, Я. Штернберга, А. Вергелиса, М. Рыльского, М. Танка, Р. Гамзатова, А. Гонтаря, М. Хенкиной, М. Лифшица и др.
Публикации: Шолом-Алейхем. Ошибка (роман)


**Трибуна жизни**


А. Губницкий. Дорога на Сталинград
Я. Ходос. Записки сельского коммуниста
Х. Меламуд. В гостях у бригадира